STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05958

TSVEY GROYSE ERTSEHLUNGEN

M. Artsybashev

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

צוויי גרויסע ערצעהלונגען

פון

ס. ארציבאשעוו

די געפאַלענע און די רעטער
БУНТЪ

גרויל און פינסטערנים
УЖАСЪ

מאַקס נ. מייזעל
424 גרענד סטרים,
ניו יאָרק.

424 GRAND ST.
NEW YORK

אידישער פערלאג
פיר ליטעראַטור
און וויסענשאַפט.

MAX N. MAISEL
PUBLISHER

1916

Copyright 1915
MAX N. MAISEL
Publisher
NEW YORK

די געפאַלענע און די רעטער

די געפאלענע און די רעטער

1.

דאָס איז געווען אַ גרויסער אומעטיגער בנין, וואָס האָט אויס־געזעהען ווי אַ קאזארמע, מיט ווייס געטינקעוועטע, פערוויינטע, אַנ־געלאָפּענע פון פייכטקייט ווענט. אינעווייניג איז ער געבויט געווען, ווי אַ שפּיטאָל: פּונקט אזעלכע געראמע, לאנגע און ליידיגע קאָרי־דאָרען, פּונקט אזעלכע גרויסע, דאָך טונקעלע פּענסטער, מיט אונ־דורכזיכטיגע אונטערשטע שויבען; פּונקט אזעלכע הויכע, ווייסע טהירען מיט נומערען און אויפשריפטען אויף זיי. אפילו דער גע־רוך איז געווען דערזעלביגער: עס האָט געשמעקט מיט קארבאָל און געוואשענע וועש. און עס איז געווען נאָך פיעל אונהיימליכער ווי אין אַ שפּיטאָל, ווייל עס איז שוין געווען צו ריין, צו ליידיג און צו אָרדנונגסמעסיג, ווי ניט לעבעדיגע מענשען וואָלטען דאָ געלעבט, נור נומערען.

אין יענעם טאָג איז אַ רייכע יונגע דאמע, פון אַן אדעליגער פאמיליע, צום ערשטען מאָל געקומען אָנקוקען די אנשטאלט; זי איז ערשט נעכטען אויסערוועהלט געוואָרען פאר וויצע־פּרעזידענטין פון דעם פעראיין, וואָס האָט דאָס געגרינדעט אָט די היים פאר־זינדערינס, וואָס „קעהרען זיך אום אויפ'ן גלייכען וועג". שלע־פּענדיג איהר לאנגען שלייף איבער'ן גלאנציגען פּארקעט, האָט זי זיך אומגעקוקט אין אלע זייטען מיט אַ געמישטען געפיהל פון נייי־גיעריגקייט און פערלעגענהייט. זי איז דורכגעגאנגען אין דעם פיין מעבלירטען צימער פאר די „מיטגליעדער פון קאָמיטעט". הינטער איהר איז נאָכגעקומען מיט ברייטע, שארענדיגע טריט, וויגענדיג מיט'ן קערפּער, דער סעקרעטער פון פעראיין, אַ שעהנער, נעטער הערר אין גאָלדענע פּענסנע.

— נו, לידיא אלעקסאנדראָוונא, — האָט דער סעקרעטער זיך אָנגערופען אין אַ שפּאסיג נאָכלעסיגען טאָן פון אַ מאנספּארשוין, וואָס איז געבאלעוועט פון פרויען — הויבען מיר אָן אונזער עמ־

פאנגס צערעמאָניע... פון די נייע האַדוואָקאטן פון אונזער הויך מאָראַלישער אנשטאַלט.

— נור ניט לאכען! — האָט לידיא אלעקסאנדראָוונא קאָקעטיש א סטראשע געטהאָן צו איהם מיט'ן פינגער. אויף איין אויגענבליק האָט זי פערהאַלטען אויף איהם איהרע גרויסע, שעהנע, לייכט אונטערגעפאַרבענע אויגען.

די אויפזעהערין פון אנשטאַלט, א געלע, טרוקענע דאמע, אן אלמנה נאָך אן אָפיציער, האָט דיענסט־גרייטיג א שמייכעל געטהון, געעפענט די טהיר אין קאָרידאָר און הויך און דייטליך, ווי צעהלענדיג די בוכשטאבען ארויסגערעדט:

— אלעקסאנדרא קאָזאָדאָיעוואַ.

הינטער דער טהיר האָבען זיך דערהערט אונזיכערע, אייליגע טריט און עס איז אריינגעקומען ניט קיין געוויקסיגע, נור פולע פרוי, מיט רונדע, שטייפע אקסלען און טונקעלע אויגען.

לידיא אלעקסאנדראָוונא, ניט זיכער ביי זיך, צי זי טהוט ווי מען בעדאַרף, האָט זיך אויפגעהויבען איהר אנטקעגען. דאָס צימער איז פול געוואָרען אויף א מאָמענט מיט דעם רויש פון איהרע קליידער.

„אָט אזעלכע זיינען זיי דאָס... אָט די... פרויען!" האָט זי מיט אינטערעס א טראַכט געטהאָן, און כאָטש זי האָט געהאט אייגענע מאַניערען, האָט זי מיט אָפענעם עקעל עטליכע סעקונדען איהר בעטראכט, ווי זי וואָלט דאָס עפּעס בעגרייפען ניט געקענט. עס האָט זיך איהר אלץ געדוכט, אז דאָס איז ניט קיין אמת'ע פרוי, נור עפעס א געקינסטעלטע, ספּעציעל געמאַכטע פאַר דער אנשטאַלט.

אלעקסאנדרא קאָזאָדאָיעוואַ האָט געקוקט מיט א דערשראָקענעם קרומען בליק און געשוויגען.

דער סעקרעטער האָט איהר פלינק אָבגעמאָסטען מיט די אויגען און זיך בערוהיגט: ער האָט זיך איבערצייגט, אז ער קען זי ניט.

— איהר הייסט, דאַכט זיך, אלעקסאנדרא קאָזאָדאָיעוואַ?

— יא, — האָט דאָס מיידעל געענטפערט מיט א שווערען, פערשטיקטען זיפץ.

שוין לאַנג ווי אַלע רופען איהר סאשקא, אָדער סאשא, און עס איז איהר פאַרגעקומען אַזוי מאָדנע אָבצורופען זיך אויף איהר פולען נאָמען און פאמיליע.

— איהר ווילט אַנקומען אין אונזער אַנשטאַלט מיט'ן פרייען ווילען? — האָט דער סעקרעטער אָפיציעל נאָכלעסיג איהר א פרעג געטהאָן.

— יא, — האָט סאשא ווידער א דערשראָקענע געענטפערט.

פון דער נאָהענט האָט דער קורצזיכטיגער סעקרעטער איהר נאָך אַמאָל גענומען בעטראַכטען מיט די האלב פערקוועטשטע ווינקלען פון זיינע אויגען, און זיין בליק איז ווי געבליבען הענגען אויף די רונדע און ווייכע טהיילען פון איהר קערפער. סאשא האָט געכאַפּט זיין זוכענדען בליק און איז אויף אַמאָל מונטערער גע־וואָרען, ווי זי וואָלט זיך אַנגעשטויסען אויף בעקאַנטעס, פערשטענד־ליכעס אין מיטען פון דעם פרעמדען, אונפערשטענדליכען, וואָס האָט איהר ארומגערינגעלט.

— מיר האָבען שוין בעקומען איהרע דאָקומענטען, לידיא אַלעקסאַנדראָוונא... איך האָב שוין אראַנזשירט, מען זאָל איהר איינ־אָרדענען אויף פעדאָראָוואַ'ס פּלאַטץ — האָט דער סעקרעטער ארויס־גערעדט, פּאַטשענדיג מיט די ליפּען און האָט איהר אָבגעטראָגען דעם פלאַץ.

לידיא אַלעקסאַנדראָוואַ'ס אויגען האָבען אויסגעדריקט שרעק. זי האָט דערפיהלט, אַז זי דאַרף עפּעס זאָגען גוטעס און האָט ניט געוואוסט וואָס.

— דאָס איז זעהר גוט פון אייער זייט, גוט... וואָס איהר האָט פערטראַכט — האָט זי איילענדיג און פּלאָנטערנדיג גערעדט, — אייך וועט איצט זיין א סך בעסער און... מען וועט אייך שוין דאָרט איינאָרדנען... איהר געהט, איך וועל אראַנזשירען, קאָרדעליא פּלאַ־טאָנאָוונא...

— איהר זאָרגט זיך ניט — לידיא אַלעקסאַנדראָוונא, — האָט די אויפזעהערין זיך אָבגערופען אויף איהר קול'כעלע, — קומט קאָזאָדאָיעווא.

ווען דאָס מיידעל האָט געהאַלטען אין ארויסגעהן, האָט לידיא

אלעקסאנדראַווונא דורך׳ן שפּיגעל געכאַפּט דעם סעקרעטער׳ס האלב פערזשמורעטען בליק, און איהר האָט זיך פּלוצים אויסגעוויזען, אז ער פערגלייכט זיי ביידען פּראסט און פּשוט. עפּעס בעליידיגענ־דעם האָט איהר א זעץ געטאָהן אין קאָפּ, זי האָט מיט א געענדערטע שטים מאָדנע ארויסגערעדט א פראַזע אין פראנצויזיש און האָט אויסגעלאָזט מיט א ניט גוטען געלעכטער.

„וואָס לאכט זי?" איז דורכגעפלויגען דורך סאשא׳ס קאָפּ.

— און זי איז גאָר נישקשה! — האָט דער סעקרעטער ארויס־גערעדט, ווען די טהיר האָט זיך פערמאכט.

לידיא אלעקסאנדראַווונא האָט מיט פעראכטונג א ריס געטהאָן מיט׳ן קאָפּ.

— איהר האָט קיין געשמאַק ניט, זי איז א גראָבע שטיק — האָט זי אָבגעענטפערט מיט אן אונבעוואוסטען, אָבער שארפען גע־פיהל פון פּיזשער אייפערזוכט. דער צונג האָט איהר קוים גע־דיענט.

דער סעקרעטער האָט איצט אויף איהר אויסגעשטעלט דעם זעלבען בליק פון זיינע האלב צונויפגעדריקטע אויגען.

— ניין, איך געפין ניט... און וואָס שייך געשמאַק, הם... — האָט ער פיעל בעדייטענד און מיט זעלבסט צופריעדענהייט ארויס־גערעדט און אינסטינקטיוו רייצענדיג זיך מיט דער פרוי האָט ער צוגעגעבען — זי איז פּרעכטיג געבויט.

לידיא אלעקסאנדראַווונא האָט דערפיהלט און פערשטאַנען, אז ער קען א סך אזעלכע פרויען און כּמעט דער גאנצער געשפּרעך האָט איהר שאקירט ביז וועהטאָג, איז איהר דאָך קיין אנדער זאך אויפ׳ן געדאנק ניט געקומען, ווי אז זי איז שעהנער, בעסער, איידעלער. און געגען איהר ווילען האָט זי געבויגען איהר גאנצען קערפּער מיט א ליידענשאפטליך פוילער גראציע און האָט זיך אומגעקעהרט צו איהם מיט איהר שלאַנקען, ווייכען רוקען. א מינוט צייט פיהלענ־דיג אויף זיך זיין אויפרייצענדען בליק פון א מאנסביל — א בליק מיט גאָר א בעשטימטען מיין — האָט זי זיך געמאַטערט צו דער־מאָהנען עפּעס וויכטיגעס, אונצוויופעלהאַפטעס, וואָס זאָל פּאַל־שטענדיג אויסשליעסען יעדע מעגליכקייט פון א פערגלייך פון

איהר מיט יעדער פרוי, און זי האָט אַזוינס זיך דערמאָהנען ניט געקענט. האָט זי נור פערעכטליך און געהיימניספול אַ שמייכעל געטהאָן און איהרע שמעכטיגע, גרויסע אויגען האָבען זיך האלב פער־מאכט און זיך פערצויגען מיט אַ ווייס הייטעל.

די נעלע דאמע האָט געפיהרט סאשאַ'ן איבער די קאָרידאָרען, און די פרויען, וואָס האָבען זיי בעגעגענט, אין שלעכט גענעהטע קליידער פון אַ ביליגען, בלויען שטאָף, האָבען מיט גלייכגילטיגע נייגיעריגקייט זי נאָכגעקוקט. זי האָט איהר געבראכט אין אַ גרויס צימער מיט אומגעלומפערטע, פול געפאקטע שאפעס. עס האָט פון זיי געטראָגען דער שווערער גערוך פון נאפטאלין.

צוויי דיקע וואש־פרויען, וואָס האָבען זיך געפּאָרעט ביי קופּעס מיט שמוציגע וועש, האָבען גלייך אָנגעשטעלט אויף סאשאַ'ן צוויי פּאָר אונזיניגע אויגען.

— דאָ וועל איך טאקע וואָהנען? — האָט סאשאַ מיט ציטער־ריגער און צוטרויליכער נייגיערגקייט געפרעגט.

די נעלע דאמע האָט זיך געמאכט ניט הערענדיג.

— אייער פאמיליען נאָמען? — האָט זי אָבגעהאקט איהר אין פנים אריין אַ פראגע געשטעלט.

און איהר שטים איז געווען אַזוי מאָדנע, אַז סאשאַ האָט ניט ווילענדיג אַ טראכט געטהאָן: „ווי ביי אַ גע'פגרט'ער פיש".

— ווענעמס? — האָט זי מעכאניש איבערגעפרעגט.

אין די אויגען פון דער נעלער דאמע האָט זיך אָנגעצונדען אַ בייז פייערל.

— אייערער, נאַטירליך!

— קאָזאָדאָיעווא הייס איך — האָט סאשאַ שטיל אָבגעענט־פערט און זיך פערוואונדערט: זי האָט זיך דערמאָהנט, אַז דיזעלבע דאמע האָט איהר שוין געהאט אָנגערופען ביים פאמיליען נאָמען.

— דאָס פּאָר אייך... איהר דארפט זיך איבערטהאָן, — האָט די אויפזעהערין ווידער אמאָל ארויסגעבורטשעט און איהר אָבגע־האקטען טאָן, וואַרפענדיג אַ שנעלען בליק אויף איהרע קליידער.

ווען מען וואָלט סאשאַ'ן אין דער מינוט געזאָגט, אַז זי דארף ארויסשפּרינגען פון פענסטער פון פיערטען שטאָק, וואָלט זי דאָס

אויך געטהאָן, אזוי צוטומעלט איז זי געווען. אז זי האָט בעשלאָסען איבערצורייסען מיט איהר פריהעריגען לעבען, האָט זיך איהר פאָר־געשטעלט, אז עס וועט איהר בעגעגנען עפּעס עמיצער א ליכטיג־פּרעהליכער, א פּשוטער, א גוטער. און דאָס, וואָס מען האָט מיט איהר איצט געטהאָן, איז געווען אזוי ניט פּשוט, אזוי מאָדנע, אזוי איבריג און אונפערשטענדליך, אז זי האָט זיך בשום אופן ניט גע־קענט פונאנדערקלייבען.

„אזוי מסתמא דארף מען... זיי ווייסען שוין“, האָט זי זיך געפּרובט בערוהיגען.

איילענדיג זיך און פּלאָנטערנדיג זיך אין די בענדער, האָט זי גענומען זיך אויסטהאָן; ווילענלאָז האָט זי אָבגעגעבען איהרע זאַ־כען, איהר יאקעל, קלייד, שיך און זאָקען.

— אלץ, אלץ, — האָט די דאמע א מאך געטהאָן מיט דער האנט, ווען סאשא איז געבליבען אין איין העמד.

סאשא האָט כאפּענדיג אראָפּגעלאָזען דאָס העמד פון איהרע רונדע, דיקע אקסלען און איז געבליבען שטעהן א נאַקעטע.

אלע דריי פרויען האָבען שנעל איהר בעטראכט פון קאָפּ ביז די פיס, און פּלוצלינג האָט דאָס פּנים פון דער געלער דאמע זיך אויסגעקרימט מיט אן עקעלהאפטע געפיהל. אליין האָט זי געמיינט, אז דאָס איז פעראכטונג צו דעם, וואָס סאשא האָט געטהאָן מיט איהר קערפּער; אין דער אמת'ן איז עס געווען די טונקעלע, אינ־סטינקטיווע קנאה פון א מיאוס'ע אָבגעעלטערטען פרויען־לייב, וואָס איז קיינעם ניט נייטיג געווען, צו א יונגען, שעהנעם, וואָס האָט אלעמען גערופען צו זיך.

סאשא איז געשטאַנען, מיט צונויפגעבויגענע קניה, און האָט זיך געקלעהרט. עס איז געווען עפּעס ערנידריגענדעס אין דעם, וואָס זי איז א נאַקעטע, בעת אלע זיינען אָנגעטאָהן, און אויך אין דעם, וואס איהר איז קאַלט, בעת אלעמען איז ווארים. איהרע קניה האָ־בען געציטערט, קוים־קוים מערקליבע קרעמפּען זיינען געלאָפען אי־בער איהר צארטער, ווייס ראָזעווער הויט, אויסשיטענדיג אויף איהר קליינטשינקע בלעזעלאך. די געלע דאמע האָט אומישנע, אליין ניט וויסענדיג צו וואס, געמאָרודעט און זיך געפּאָרעט אין די וועש.

סאשא האט זיך אנגעטהאן א כוח ניט צו קוקען ארום זיך און זי איז געשטאנען אן אונבעוועגליכע און אפילו ניט געוואגט זיך צו צור־דעקען מיט די הענד.

„זאל שוין זיין וואס גיכער... — האט זי געטראכט — נו, וואס טהוט זי דארט... א בושה... קאלט דאך...“

— זייט אזוי גוט, אביסעל גיכער — האט זי מיט דער זעל־ביגער בעטענדיגער וויכקייט און מורא ארויסגערעדט.

און ווידער האט די אויפזעהערין מיט פערגניגען זיך געמאכט ניט הערענדיג.

סאשא איז א פערקלעמטע אנטשוויגען געווארען. עפעס א שווערעניש, אן אונפערשטענדניס האט זיך אויפגעהויבען פון דיל און איהר די גאנצע פול געמאכט און אבגערוקט אלעמען פון איהר.

— דאס זיינען קליידער פאר אייך, — האט די דאמע ענדליך זיך אויפגעהויבען און האט מיט א פרייד צוגעווארפען סאשא'ן פונקט אזא בלאהע טארבע, ווי סאשא האט געזעהען אויף די פרויען אין קארידאר.

— און... וועש? — האט סאשא קוים ארויסגערעדט און איז געווארען.

עס איז איהר איינגעפאלען, אז אפשר בעגעהט מען זיך דא אין גאנצען אהן וועש.

— א, יע... אט נעהמט.

און אויך די וועש איז געוועןן גראב און שלעכט, גאר ניט עהנליך צו יענע, וואס סאשא איז געוועהנט געווען צו טראגען.

— נו, גיכער, איהר... — האט די דאמע א קאמאנדעווע געטהאן.

און ווידער זיך איילענדיג און פלאנטערענדיג, האט סאשא גענומען אנציהען אויף זיך די קליידער, וואס זיינען ניט גענעהט געווען אויף איהר. עס איז איהר אונבעקוועם געווען אין זיי און זי האט זיך אויך געשעהמט און אויף א סעקונדע איז איהר געקומען אויפ'ן געדאנק: „אייגענטליך צו וואס?“

אבער באלד האט זי זיך דערמאהנט, אז זי האט שוין עפעס קיין רעכט ניט צו פערלאנגען צו געהן גוט און שעהן געקליידעט,

און שטיל, זיך פערטשעפענדיג אָן ברעג פון איהר צו לאנגער קלייד, איז זי נעגאַנגען וואו מען האָט איהר געפיהרט.

און זיי זיינען ווידער דורכגעגאַנגען דעם קאָרידאָר און זיי־נען אריין אין א הויף צימער, וואָס האָט אויסגעזעהען, ווי א שפּי־טאָל צימער.

— אָט איז אַ בעט פאר אייך, און דאָ וועט איהר האַלטען אייערע זאכען. מען וועט אייך שוין שפּעטער זאָגען, וואָס איהר האָט צו טהאָן, און ווען איז מיטאג, טהע... און דאָס איבריגע...

די געלע דאמע איז אוועק.

סאשא האָט זיך געזעצט אויף'ן עק בעט; דורך דעם דינעם שטאָף פון איהר בלוי קליידעל האָט זי דערפיהלט דאָס שארשיגע, שטעכיגע טוך פון דער דעקע און זי האָט גענומען שרעקעדיג, מיט א זייטיגען בליק, ארומקוקען זיך אין צימער.

אייזערנע בעטלאך, פון דינינקע לייסטלאך, זיינען געשטאַנען פּונקט אזוי ווי אין א שפּיטאָל, זיי האָבען נור קיין טאָוועלאך ניט געהאט מיט אויפשריפטען, נור סאשא'ן האָט זיך פון אָנפאנג אויס־געוויזען, אז טאָוועלאך זיינען אויך דאָ. נעבען יעדען בעטעל איז געשטאַנען א קליין שאַפקעלע, וואס האָט קענטיג אויך געדינט פאר א טישל, און א הילצערן ביינקעל, געפארבען אין געדיכטען גרין. אין צימער זיינען געווען נאָך פינף פרויען, און סאשא'ן האָט זיך פון אָנפאנג אויסגעדוכט, אז זיי האָבען אלע איין פּנים.

שפּעטער אָבער האָט זי זיך צו זיי נעהנטער צוגעקוקט. אויפ'ן בעטעל דערביי איז געזעסען א דיקע, געשטופּעלטע פרוי און האָט פון אונטער די ברעמען געקוקט אויף סאשא'ן; איהרע הענד האָבען פויל פונאנדערגעבונדען די שמוציגע בענדלאך פון איהר הויב.

— ווי רופט מען דיך? — האָט זי מיט א באַסאָווער שטימע געפרעגט, ווען איהרע אויגען האָבען זיך בעגעגענט מיט סאשא'ס.

— אלעקסאנדרא... סאשא... — האָט סאשא אָבגעענטפערט, און זי איז אליין איבערראשט געוואָרען פון דעם ציטעריגען קלאנג פון איהר אייגען קול.

— אזוי... אלעקסאנדרא! — האָט די געשטופּעלטע נאָך א

קורצען שווייגען איבערגע׳חזר׳ט און האָט זיך אַ קראַץ געטהאָן אין דיקען אָבגעלאָזענעם בויך.

— אַ פאַמיליען נאָמען האָסטו דאָך! — האָט זי פּלוצלינג אַרויסגעברומט, — נאַרישע דו!

און זיך אומקעהרענדיג צו סאַשאַ׳ן מיט׳ן רוקען, האָט זי גע־נומען זוכען אין איהר העמד.

סאַשאַ האָט אַ פערוואונדערטע איהר אָנגעקוקט און אָבגע־שוויגען.

אַ צווייטע, נאָר אַ מאָגערינקע, קורצינקע, בלאָנדע, מיט אַ רונד בייכעל און לענגליך פּנים׳ל האָט זיך אָבגערופען:

— איהר הערט איהר ניט... זי איז ביי אונז אַ שעלטערין... ביי אונז רופט מען זיך נאָך׳ן פאַמיליען נאָמען.

— קאָזאָראָיעוואַ, מיין פאַמיליען נאָמען — האָט סאַשאַ שע־מעדיג און געכאַפּט אַרויסגערעדט.

די בלאָנדע מיט׳ן בייכעל האָט זיך תיכף אויפגעהויבען און זיך איבערגעזעצט אויף סאַשאַ׳ס בעט.

— איהר, טהייערינקע, זייט פון די קאָמיטעטישע? — האָט זי געפרעגט מיט אַ גלעטענדער שטימע.

— איך... — און סאַשאַ איז שטעהן געבליבען, ניט בעגריי־פענדיג די פראַגע.

— ווי אַלט זייט איהר?

— צוויי... צוויי און צוואַנציג — האָט סאַשאַ אַרויסגעשעפּ־טשעט.

—הייסט עס, מיט אייער אייגענעם ווילען?

— אַליין — און סאַשאַ האָט זיך פערשעהמט. זי האָט זיך אין דער מינוט בשום אופן ניט געקענט אָבגעבען חשבון צו איז עס גוט צו שלעכט.

— און צו וואָס? — האָט די בלאָנדע נייגיעריג אַ פרעג גע־טהאָן.

— אָט אַזוי — האָט סאַשאַ מיט שטוינען געענטפערט. זי האָט ניט פערשטאַנען.

— לאָז איהר שוין אָפּ! — האָט אַ דריטע זיך אַריינגעמישט,

און איהר קול איז געווען אזא פראסטער, ווייכער, לאסצענדער, אז סאשא'ן האט מיט אמאל א ציה געטהאן צו איהר.

אבער די קליינע, שעהנע פרוי האט צו איהר לוסטיג א נייג געטהאן מיט'ן קאפ און איז אבגעגאנגען.

2.

ביינאכט, ווען די פייערן זיינען פערלאשען געווארען, און סאשא איז געלעגען א צונויפגעקנוילטע אונטער דער קאלטער, שטייפער דעקע, האט זיך אלץ, וואס האט איהר אהער אין אנשטאלט געבראכט, פאר איהר פארביינגעטראגען, ווי אין א לעבעדיגע פאטא־גראפיע, אפילו העלער, בלענדענדער ווי אין דער ווירקליכקייט, געהנטער צו איהר בעוואוסטזיין, אזוי צו זאגען.

סאשא איז דאמאלס געזעסען ביים פענסטער, ארויסגעקוקט אויף דער נאסער גאס, אויף וועלכער עס זיינען געגאנגען נאסע מענשען און האבען זיך אבגעשפיגעלט אין די נאסע שטיינער, ווי צוקרימטע, ציטערנדע פלעקען. איהר איז געווען אומעטיג און לאנג־וויילינג.

פון דער פינסטערניש ערגעץ פון צימער איז ארויס א מאגערע קאץ, מיט אן אויפגעהויבענעם עק ווי א שטעקעלע. דארט, ווייט הינטער די פענסטער, האט זיך געהויבען און געפאלען, ווי א ים־כוואליע, דער הילכענדער געררויש פון עפעס א מעכטיגען, אונבע־קאנטען לעבען, און דא איז געווען פוסט און שטיל, נור די קאץ האט א צוויי, דריי מאל, גאט ווייס פאר וואס, א מיאוקע געטהאן, און איבער'ן האלב־טונקעלען זאל האבען זיך שוויגענדיג בעוועגט מיט פלינקע, רווישלאזע טריט, די דילען־וועקסער.

סאשא, אן אנגעשטריינגטע, אנגעצויגענע, האט געקוקט אויף די מאגערע, פערמאטערטע דיענער, האט זיך צוגעהערט צו דעם ווייטען געהילך הינטערן פענסטער, און איהר האט זיך אלץ גע־דאכט, אז עס איז דא עפעס געמיינזאמעס צווישען די דיענער און יענעם לעבען דארט, און אזוי אט וועט זי עס קיינמאל ניט ער־פאהרען.

די וועקסער זיינען אוועק און דער הארבער ריח פון הארע־

וואניע, פון וואקס און שוויים, וואס זיי האבען איבערגעלאזען נאך זיך, האט זיך ביסלעכווייז אויסגעוועפט, און די קאץ האט ווידער עפעס א מיאוקע געטהאן.

סאשא האט מיט פחד אריינגעקוקט אין דעם ליידיגען חשך, מיט די קאלטע, איבריגע מעבעל און פיאנא, וואס האט אויסגעזעהן, ווי א טרונע, און איהר איז בעפאלען אן אימה; עס האט זיך איהר אויסגעוויזען, אז זי איז גאר א קליינינקע, צו אלעמען א פרעמדע, אזא איינזאמע. די מענשען אונטער'ן פענסטער, פון אוי־בען אראב, האבען אויסגעזעהן, ווי צוגעקוועטשטע צום ברוק, ווי שווארצע ווערים, אהן פנימ'ער, צודריקטע אן די נאסע שטיינער.

סאשא האט זיך איינגעבויגען, א כאפ געטהאן די קאץ אונ־טער'ן בייכעל און איהר אוועקגעזעצט אויף די קניה.

— ...אורר... מ־מורר... — האט די קאץ גענומען מורקען. זי האט אויסגעבויגען איהר רוקען און דורכגעשטעקט איהר קעפעל אונטער סאשא'ס האלז.

זי איז געווען א ווארימע און א ווייכע, און פלוצלינג האבען זיך סאשא'ן גענומען קייקלען טרעהרען פון די אויגען און זי האט שטארק, שטארק צוגעדריקט די קאץ מיטביידע הענד.

— ... אורר... מ־מורר... אורר... — האט די קאץ זיך צור־ברומט, פערמאכענדיג פון נחת איהרע גרינע אויגעלאך און ציהענ־דיג דעם רוקען.

— ליעבינקע — האט סאשא ארויסגעשעפטשעט. עס האט איהר אנגענומען א ווילדער פערלאנג אויסצוגיסען אין איין לאסקע את די גאנצע אונענדליכע בעדערפנים אין עמיצענס נאהענטקייט. און עס האט זיך איהר געדוכט, אז זי און די קאץ זיינען איינס, אז די קאץ פערשטעהט איהר און האט מיטלייד מיט איהר. די אויגען זיינען איהר אנגעלאפען און אין דער ברוסט איז איהר עפעס ווארימער און ווייכער געווארען.

— ...אוררר... — האט די קאץ א בורטשע געטהאן און פלוצ־לינג האט זי אויסגעצויגען די פינגער, ארויסגעלאזען די נעגעל און ווי פערגעהענדיג פאר תענוג זיי אריינגעשטאכען אין סאשא'ס פולע, ווייכע קניה.

— אוך! — האָט סאשא א ציטער געטהאָן און מעכאניש אראָבגעשליידערט די קאץ אויפ'ן דיל.

די קאץ האָט א פערוואונדערטע אָנגעשטעלט איהר בליק נים אויף סאשא'ן, נור גלייך פאר זיך, ווי זי וואָלט דערזעהן עפעס א משונה'דיגע זאך, זיך אנידערגעזעצט, צוויי מאָל א לעק געטהאָן זיך די ברוסט, און פּלוצלינג האָט זי שטייף, ווי א שטעקעלע, פער־ריסען דעם עק און איילענדיג און פערזאָרגט ארויסגעלאָפען פון זאל.

און סאשא'ן איז נאָך שווערער געוואָרען אויף'ן הארצען, פונקט ווי עס וואָלט זיך איהר עפּעס אינעווייניג אָבגעריסען.

דער זייגער האָט געשלאָגען זיעבען. עס איז אריינגעקומען דער לאקיי און ניט שענקענדיג סאשא'ן קיין שום אויפמערקזאמ־קייט, האָט ער זיך געטהאָן זיינס — ער האָט מיט זיינע קנאָכעדיגע, שארשיקע פינגער א דריק געטהאָן א קנעפּעל אין וואנד און עס איז אויף א מאָל ליכטיג געוואָרען מיט א פרעהליכען, קאלטען ליכט. דער געוועקסטער פּארקעט האָט אויפגעבלישצעט, די שטוהלען האָ־בען זיך מאָדנע דייטליך אָבגעשפּיגעלט מיט זייערע דינע פיסלאך, די פּיאנאָ האָט זיך ארויסגערוקט פון פינסטערן ווינקעל.

איינע נאָך דער אנדערער זיינען אריינגעקומען ליובקא און די גראָבע רויטע פּאשא. ליובקא האָט זיך אוועקגעזעצט ביי דער פּיאנאָ, איינגעגראָבען דעם קאָפּ, ווי זי וואָלט זיך פערקוקט אויף דעם זוים פון איהר העל־גרינעם קלייד. און די רויטע פּאשא האָט זיך געשטעלט נעבען פענסטער און ארויסגעקוקט מיט א טעמפּען, זינלאָזען בליק.

סאשא האָט זיך א דרעה געטהאָן פאר'ן שפּיגעל, שווער אָב־געזיפצט און זיך צוזונגען. א שטים האָט זי געהאט א שטארקע, נור אן אונאנגענעהמע.

— קוויטשע נים — האָט פּאשא פויל איהר צוגעוואָרפען און האָט זיך צוגעדריקט מיט'ן פּנים צו דער שויב.

— וואס האָסטו דאָרט דערזעהן? — האָט סאשא א פרעג געטהאָן און אָהן שום נייגיעריגקייט איהר אריבערגעקוקט איבער דער פּלייצע.

— נאָר־נישט, — האָט פּאשא אָבגעענטפערט און האָט לאנג־

זאם אומגעדרעהט איהרע נארישע שעהנע אויגען, פאר וועלכע מע־נער פלעגען איהר אויסכאפען — אזוי זיך, כ'קוק... וואס ז'דארט צו זעהן.

סאשא האט זיך אויך צוגעדריקט מיט'ן שטערן צו דער קאל־טער שויב. איצט פון בעלויכטענעם צימער האט זיך דער דרוי־סען אבגעשלאגען ווי א קאלטער פינסטערער תהום. פון אנפאנג האט זי גאר נישט געזעהן, נור דערנאך האט זיך די פינסטערניש פונאנדערגערוקט און אבגעטרעטען, און סאשא האט דערזעהן די זעלביגע נאסע, פוסטע גאס. און איבער איהר, אוועקציהענדיג זיך ווי א דינינקער פעדימעל אין דער ווייט, האבען זיך געווארפען די פלעמלאך פון די לאנטערנעס, לייכטענדיג אהן גלאנץ, פאר עמיצען אן אונבעוואוסטען. און ווידער האט סאשא פערנומען דעם אב־קלאנג פון א ווייטען, הילכענדען גערויש, וועלכען די שויבען האבען שטיל נאכגעציטערט.

— נו, וואס איז דארט? — האט סאשא געפרעגט מיט א טיעפען פערבענקטען טאן, וועלכער איז איהר אליין געווען אונ־פערשטענדליך.

— ווי עפעס א חיה ברומט ערגעץ — האט פאשא גלייכגיל־טיג זיך אבגערופען און האט זיך אבגעקעהרט.

סאשא האט איהר ארייננעקוקט אין די שעהנע נארישע אויגען און עס האט זיך איהר געוואלט דערצעהלען, וואס זי האט היינט געפיהלט, קוקענדיג אין פענסטער. אבער דער געפיהל איז געווען אזוי טונקעל און אונפערשטענדליך פאר איהר אליין, טיעפער פון איהרע ווערטער. און סאשא איז א שווייגענדיגע געבליבען שטעהן און אין הארצען האט זיך איהר אבגעשטעלט אזא אונצופריעדענ־הייט, ווי פון אן אונפערענטפערטער פייגליכער פראגע.

„און וואס איז מיט מיר היינט געווארען?" — האט זי זיך געטראכט מיט טיעפען שרעק און, צוגעהענדיג הארט צו פאשא'ן, האט זי ארויסגערעדט מיט א זויערן, אויסדרוקלאזען טאן:

— מיר איז לאנגווייליג, פאשענקא, לאנגווייליג.

— וואס? — האט פאשא פויל איבערגעפרעגט.

סאשא איז אנטשוויגען געווארען און ווידער האט איהר גע־

מאטערט וואס צו זאגען. איהר האט זיך אזוי קלאהר פארגעשטעלט, ווי זי איז געזעסען גאר אייניזקע אליין אין צימער, אזא פוסטען, ווי א קבר, און זי האט זיך געפיהלט אזוי קליין, איבריג, פערגעסען פון אלעמען, און ווי ערגעץ ווייט פון איהר האט געהוזשעט און געברומט ס׳גרויסע, אונבעקאנטע לעבען. און ווידער האט זי גאר־נישט געקענט אויסדריקען.

— א קאטארגע דאס לעבען! — האט זי זיך פלוצלינג ארויס־געכאפט, ניט הויך, דורך די צייהנער, אבער מיט א מין פערביסענ־קייט, וואס האט זי אליין איבערראשט.

פאשא האט געקוקט פאר זיך מיט א טעמפען בליק און גע־שוויגען. אין א ווייל ארום האט זי פויל געעפענט דאס מויל.

— ניין... נישקשה... אט אין דעם האלברובעלדיגען... — האט זי זיך דערמאהנט און זי האט אנגערופען אן אנדער עפענטליך־הויז, וואו דער איינטריט האט געקאסט ניט מעהר ווי א האלב רובעל — איז טאקע ניט גוט... יעדער פוהרמאן קריכט... שמוציג, א גערוך... געשלעג... און דא נישקשה... מאנעלאך רייניגקע, אויף אן איידעלען אופן, ניט מען זאל דיר... און קארמענען קארמעט מען גוט... נישקשה, מען קען לעבען.

און זי איז ווידער אנטשוויגען געווארען און אויף א מאל איז זי לעבעדיגער געווארען און זי האט צוגעגעבען.

— ביי אונז אין דארף וועסטו אין לעבען ניט אנקוקען אזעל־כע געריכטען.

— און דו ביזט א דארפישע? — האט סאשא געפרעגט מאד־נע נייגיעריג.

— יא, א דארפישע — האט פאשא רוהיג בעשטעטיגט — ביי אונז מאכט זיך אז ארום אט דער צייט איז שוין קיין ברויט ניטא... ניט געבאלעוועט מיט נערעטענישען... און אויך ערד איז וועניג... מען לעבט מיט בולבעס... פון פוהרמאנסטווא און אמאל אזוי... אונזער דארף אזא ארימער, א שרעק! — און די פויערים דארט שכור׳ע... ווען איך האב חתונה, אה, וואלט איך זיך אנגעלי־טען... די עלטערע שוועסטער מיינע, הייסט דאס, האט דער מאן איהרער מיט א שמריק ביז אויף טויט דער׳הרג׳עט... דערנאך איהם

אין טורמע צוגענומען... — האט זי שוין געענדיגט מיט א גאנעץ און זיך אויפגעהויבען.

— וואו אהין? — האט סאשא געפרעגט.

— טהע טרינקען —האט פאשא אבגעענטפערט, ניט אומ־קעהרענדיג דעם קאפ.

סאשא האט זיך ווידער גענומען דרעהען פאר׳ן שפיגעל, אויס־געבויגען די טאליע, די ברוסט פאראויס און געקוקט אויף זיך אי־בער דער פלייצע. נור איהר איז שוין שווער געווען צו בלייבען איינע אליין. דער זאאל איז ווי אנגעגאסען געווען מיט פוסטען, קאלטען ליכט. זי איז צוגעגאנגען צו דער פיאנא, וואו ליובקא איז נאך אלץ געזעסען אן איינגעקארטשעטע.

ווען סאשא איז צוגעקומען נאהענט, האט ליובקא אויפגעהוי־בען דעם קאפ און לאנג געקוקט אויף איהר. איהרע גרויסע, טרויע־ריגע אויגען האבען געקוקט פערלוירען און מיט חשד, ווי ביי א חיה, וואס ווערט געהעצט פון אלע זייטען.

— ליובקא! — האט סאשא מעכאניש איהר א רוף געטהאן.

זי האט זיך אנגעשפארט אן דער פיאנא מיט איהר גאנצער ברוסט און געזעהן ווי אין איהר שווארצער, פאלירטער אויבערפלעך שפיגלען זיי זיך אפ — זי און ליובקא. אין דעם געדיכט ברוינעם אבגעשפיגעלטען שאטען זייערען האבען זייערע פנימ׳ער אויסגעזעהן מאדנע פער׳חושכ׳ט.

ליובקא האט זיך ניט אבגערופען, זי האט נור מיט׳ן פינגער א דריק געטהאן א ביינדעל פון דער פיאנא. עס האט זיך אבגעע־ריסען און צורונען אן איינזאמער, ועהמוטיגער קלאנג.

— א־א־ך — האט סאשא זיך צוגענעצט, און גענומען מיט׳ן פינגער ארומפיהרען ארום איהר אבשפיעגלונג. און ווידער האט זיך ארויסגעריסען דער זעלביגער פער׳עקשנ׳ט אומעטיגער, וויינענ־דיגער קלאנג. סאשא האט זיך איינגעהערט אין איהם און מרה שחורה׳דיג א פאהר געטהאן מיט די פלייצעס. ליובקא האט אונ־זיכער גענומען צוויי־דריי נאטען, ווי זי וואלט ערגעץ געלאזט פא־לען צוויי־דריי שווערע קריסטאלענע טראפענס.

— לאז אב! — האט סאשא וועהטאגדיג ארויסגערעדט.

אבער ליובקא האט ווידער גענומען דיזעלבע נאטע, און דאס מאל נאך א דריק געטהאן אונטען דעם פעדאל — א שטילער, צו־צוויגענער קלאפ האט אונטערגעברומט דעם הארצרייסענדען טאן. סאשא האט פערדראסיג א הויב געטהאן דעם קאפ און זי האט פלוצ־לינג דערזעהן, אז ליובקא וויינט; איהרע גרויסע אויגען זיינען גע־ווען ברייט צועפענט און פערשטיינערט... רינעלאך טרעהרען האַ־בען זיך געצויגען איבער די באקען.

— וואס!... — האט סאשא אויכגעשריען א דערשראקענע און א געפלעפטע.

ליובקא האט געשוויגען, און די טרעהרען האבען שטיל, אהן קלאנג געקאפעט און געפאלען איהר אויף דער נאקעטער ברוסט.

— וואס איז מיט דיר? — האט סאשא געפרעגט, און איהר בליק האט ציטעריג נאכגעפאלגט די טרעהרען, וואס זיינען לאנגזאם געקראכען איבער דער אנגעפוידערטער הויט. זי האט דערפיהלט, אז איהר אליין ווילט זיך שוין לאנג וויינען, נור עפעס שרעקט איהר דערפאר.

— הער אויף, וואס איז מיט דיר?... ליובקא! ליובאטשקא!

— האט זי גענומען טענה'ען צו איהר און איהר אונטערשטע ליפ האט גענומען ציטערען. — האט אימיצער דיך בעליידיגט?... לאז אב... ליובקא!...

ליובקא האט שטיל א דיהר געטהאן מיט די ליפען, נור סאשא האט ניט געכאפט וואס זי זאגט.

— וואס? הא?

— אנגעשטעקט זיך, — האט ליובקא איבערגע'חזר'ט הע־כער און איז מיט'ן קאפ אראבגעפאלען אויף דער פיאנא.

עפעס ווי א גרויזאמע שטיק פינסטערניס וואלט זיך פארביי־געטראגען פארביי סאשא'ן. כאטש עס פלעגען זיך אנשטעקען, און זעהר אפט, אויך איהרע אנדערע חבר'טעס, און כאטש סאשא האט געוואוסט, אז דאס קען זיך טרעפען מיט איהר אליין אויך, האט דאך איהר יונגער, געזונטער, שטארקער און דערווייל נאך ריינער קערפער, ניט געוואלט צולאזען דעם געדאנק. דער געדאנק פלעגט זיך א גליטש טהאן איבער איהר נשמה, ניט איבערלאזענדיג

קיין פיינליך־שמארצענדע שפור. ערשט איצט, ווען זי האט צום ערשטען מאל דערזעהן אזא שרעקליכע פערצווייפלונג, ערשט איצט האט זי מיט'ן פולען בעוואוסטזיין בעגריפען, אז דאס איז אויף אן אמת אזא מיאוס'קייט, אזא גרויל, אז מען דארף אויף דעם וויינען אויף א קול, שרייען, גוואלדעווען און קלאפען קאפ אן וואנד, די נשמה זאל זיך שפאלטען און ארויסווארפען פון זיך די טוידטע האפנונגסלאזינקייט, איהר אהנמעכטיגען צארן. איצט האט זיך איהר אפילו אויסגעוויזען, אז צוליעב דעם טאקע האט זי היינט א גאנצען טאג זיך געפיהלט אזוי שווער, אזוי נעדריקט, אזוי אוי־מעטיג און בעליידיגט. און סאשא האט זיך אויך צואויינט און דורך טרעהרען האט זי געקוקט אויף איהר פערנעבעלטען שאטען אין דער לאקירטער אויבערפלעך פון דער פיאנא.

— זעה נור, ווי זיי קלאגען! — איז צוגעקומען צו זיי א דריטע מיידעל, און האט זיך צולאכט, — אט זיינען נארישע מוידען, שטעהען איינע געגען די אנדערע און קלאגען.

— ביזט אליין א נארישע! — האט סאשא אבגעענטפערט, ניט מיט חוצפה ווי אלעמאל, נור אין א שטילען, דערשלאגענעם טאן. דאך, וויינען האט זי אויפגעהערט און איז אבגעגאנגען פון דער פיאנא. זי האט געהאט אזא געפיהל, אז אימיצער א געוואלדיג גרויסער און אונרחמנות'דיגער האט זיך געשטעלט פאר איהר און מיט א שרעקליך העל ליכט בעלויכטען דאס עקעלהאפטע, אונ־גערעכטע, אימה'דיגע, וואס ווערט געטהאן מיט איהר און ארום איהר און וואס קיינמאל, קיינמאל וועט שוין ניט קענען אנדערש ווערען.

ווען די מאנסבילען האבען גענומען אנקומען, האט סאשא צום ערשטען מאל קלאהר איינגעזעהן, אז זי נעהט זיי קיינעם ניט אן; אז צווישען זיך ווארפען זיי זיך דורך מיט פיעל בעדייטענדע בליקען און מיט אונפארשטענדליכע פאר סאשא'ן ווערטער, וואס דערצעהלען ווענען עפעס, וואס איז ווייט פון איהר לעבען; און ווען זיי ווענדען זייערע בליקען צו סאשא'ן און צו אנדערע מייד־לאך, ווערען זיי ווי אויף א מאל ווי אהן נשמות, הארצלאזע און אונפערשטענדיגע, נור גיעריגע ווי חיות... און אפטער פון אלץ זיי־

נען דאָס געוועזן טעמפּע, שכור'ע מענשען, וואָס האָבען קענטיג ניט געוואוסט וואָס זיי טהוען.

„און אלעמאָל אזוי" — איז א גרויל פערגליווערט געוואָרען אין איהר הארצען.

עס איז געקומען דער פּיאניסט און גלייך זיך אוועקגעזעצט שפּיעלען עפּעס שרייענדעס, אָבער גאָר ניט פרעהליכעס. די מיידלאך האָבען זיך א לאָז געטהאָן פון קאָרידאָר, ווי אויסגעשאָסען פון א שמוציגער, פינסטערער עפּנונג. די מוזיק איז געוואָרען אלץ שרייענדער און ציגישער און פון איהרע איבערטריבען צולאָזענע קלאנגען האָט געדרוישט אין קאָפּ. עס איז געוואָרען הייס און שטיקענד. אלץ שטארקער און שטארקער האָט געשמעקט מיט צוגאנגענער לייב, מיט שוויס, מיט שלעכטע, פּריקרע פּארפּיומען, טאבאק, דורכגענעצטע זייד און שטויב. די מוזיק האָט זיך צוגויפגעגאָסען מיט א שארען און טראמפּלען, מיט געשרייען, מיט איבערפליסיגע, מיאוס'ע ווערטער, און מען האָט ניט געהערט ניט קיין מאָטיוו און ניט קיין ווערטער, נור אין דער לופטען איז געהאנגען א טעמפּער, חיה'שער געוואלד. אין די אויערן האָט איבעלדיג געדרוישט און עס האָט זיך געדוכט, אז דאָס דאָזיגע הויז, וואָס איז איבערפילט מיט מענשען, האלב צודולטע פון פערדאָרבענעם, אונגעזונטען לעבען, אָנגעזויגען מיט טאבאק־רויך, ביער־געטראנק, אויסגעלאסענע פערלאנגען און שרייענדע מוזיק, אז דאָס דאָזיגע הויז איז ניט קיין הויז, נור עפּעס אן אונגעהייערע קראנקע, צוהיצטע קאָפּ, וואו עס רעש'ט מיט פּייניגענדע קלאנגען, וואו עס גיסט זיך שוויס, צופוילטע, אָבגעניצטע בלוט, וואָס קלאַפּט מיט טעמפּען וועהטאָג אין די אָנגעשטרענגטע שלייפען, וועלכע אָט אָט פּלאצען זיי.

און סאשא האָט נעגען איהר ווילען געטאנצט, און געשריען, און זיך געזידעלט און געלאכט.

— לאנגווייליג, — האָט זי א זאָג געטהאָן צו אן אלטינקען בעאמטען, וועלכער האָט איהר ניט אָבגעלאָזען.

— נו, א נאַר! — האָט דער בעאמטער גלייכגילטיג און

ביז אבגעענטפערט און פלוצלינג, ווי איבער געוואלד, האבען זייגע ליפען תאוה׳דיג ארויסגעשעפטשעט: מיר געהן, יא, מיר געהן?

דא האט סאשא גענומען טרינקען, ווי אויסער זיך, דעם ביטערען ביער, פערגיסענדיג אויפ׳ן דיל, אויף זיך, אויף די צוואווארפענע, צוקנייטשטע בעטגעוואנד. זי האט געטרונקען און זיך געבלינעט, און ווען זי האט זיך אנגעטרונקען, איז איהר בעפאלען א פרעהליכ־קייט — א גלייכגילטיגע, אונזיניגע, קראנקע פרעהליכקייט. און ווידער האט זי געזונגען, זיך געזידעלט און געטאנצט, ביז זי האט פערגעסען אלץ מיט אנאנדער — זיך און איהר גרעמען זיך און ליובקען — אזוי, אז ווען אין קארידאר האט זיך אויפגעהויבען א שרעקליך געפילדער און עמיצער מיט א קווימשיג, גרילצענד קול און מיט א טעמפער פערצווייפלונג האט גענומען שרייען: „ליובקא האט זיך אויפגעהאנגען!“ — האט זי אין פלוג אפילו זיך ניט געכאפט, וואס איז דאס פאר א ליובקא, וועלכע האט זיך אויפ־געהאנגען און צו וואס?

ערשט, ווען דער פיאניסט האט מיט אמאל איבערגעריסען די מוזיק און דער פעדאל האט נאכגעברומט מיט א צוציטערטען, צושויבערטען קלאנג, האט סאשא זיך פלוצלינג דערמאהנט אן איהר געשפרעך מיט ליובקא׳ן, און דאס איבריגע, און זי איז מיט אן אויסגעשריי „אך!“ ארויסגעלאפען אין קארידאר.

דא איז שוין געווען פאליציי. סאשא׳ן האבען זיך צוערשט געווארפען אין די אויגען די פערשנעעטע מונדירען און פעלצען פון די פאליציסטען און הויז־וועכטער. זיי האבען געקלאפט מיט די שווערע וואליקעס און געבלאזען פון זיך מיט מונטערע, קאלטע, ריינע לופט, און עס איז געווען אזוי מאדנע צו אטהעמען איהר אין ענגען, פערשטיקטען קארידאר. דער דיל איז געווען אנגע־טראמפעלט מיט ווייכען, פרישען, ערשט געפאלענעם שנעע, וואס איז אין א רגע טונקעל געווארען און גענומען צוגעהן. סאשא׳ן האט זיך אבגעדוכט, אז די גאנצע גאס האט זיך אריינגעריסען אין קארידאר, מיט אלע איהרע פערוויקעלטע, נאסע מענשען, מיט איהר גערודער, געדויש, קעלט און שמוץ. די וועכטער און די פאלי־ציסטען האבען גלייכגילטיג געטהאן עפעס זייער א זאך, וואס איז

סאשא'ן געוועז אונפערשטענדליך, פונקט ווי זיי וואלטען פערנומען געוועז מיט א רוהיגער ניצליכער ארבייט. נאָר דער דיקער, מיט די גרויסע וואָנצעס קווארטאלנער, אין זיין גראָהען מונדיר, וואָס די גלאנציגע מעשענע קנעפ האבען זיך אזוי שטייף געהאלטען אויף איהם און די שווארצע רימענס פון דעם שווערט האבען זיך איינ־געגעסען אין איהם מיט אזא בייזקייט, נור דער קווארטאלנער האָט אויסער זיך געליארעמט און זיך געבייזערט.

און מען האָט געהערט ווי די „עקאָנאָמקע" אויף א וויינענ־דיגען און הייזעריגען באס האָט אלץ גע'חזר'ט:

— בין איך דען דעריין שולדיג?... איז דאָס מיין שולד?...

דאָס פנים איז ביי איהר געל געוואָרען און ווי איבערגעקעהרט פון טעמפער פער'חדוש'טקייט, פון כעס און שרעק.

סאשא האָט זיך געפרובט אריינשטעקען אין די אָפענע טהיר פון ליובקא'ס צימער, און כאָטש א פאָליציסט האָט איהר תיכף ארויסגעשטויסען מיט א גלייכגילטיגער מינע און א גראָבער, מיאוס'־ער קללה, האָט זי דאָך בעוויזען א קוק צו טהאָן אויף ליובקא'ס פיס, וואָס האבען געטאָרטשעט פון אונטער דעם צונויפגעדרעהטען און עפעס נאסען ליילאך. די פיס זיינען געוועזן נאקעטע, ליובקע האָט זיך אפילו ניט אָנגעטאָהן נאָך'ן נאסט; זי איז געלעגען אונ־בעוועגליך, די פיאטעס צוזאמען און די פוס־פינגער פונאנדער, און עס איז געוועזן אי מאָדנע, אי הארצרייסענד צו זעהן אָט די ווייס־ראָזעווע, פרעכטיגע פיס מיט די דינע, צארטע, שטארקע פינגער, ווי זיי ליגען אזוי אונבעוועגליך און איבריג, ווי אראָבגעשליידערטע אויפ'ן אָנגעטראמפעלטען, נאסען, ווי בעשפיגענעם, דיל.

סאשא איז ארויסגעפלויגען אין קארידאָר, האָט זיך שטארק א זעץ געטאָהן מיט דער פלייצע אין וואנד און איז אוועק, מעכא־ניש דרייבענדיג דעם אָבגעשלאָגענעם אָרט.

און אין דער מינוט האָט זי דערפיהלט אזא עקעל, אזא בע־ליידינונג, און אזא שרעק, און אזא רחמנות אויף זיך אליין, אז איהר האָט זיך געוואָלט וואו ערגעץ אנטלויפען, ווערען אוים אזעל־בע, ווי זי איז.

מען האָט פאר פריה פערלאָשען די פייערן, די געסט זיינען

זיך צוגאנגען און עס איז אויף אמאל געווארען פוסט און שטיל. דאס הויז האט זיך ווי פערטוליעט אין בייזען, לויערנדען שווייגען. די מיידלאך האבען מורא געהאט צו געהן שלאפען און זיי האבען זיך ארומגעשטויסען אין קיך, איינינע אנגעטהונענע, אנדערע צו־פאטעלטע, צוקנייטשטע; די פנימער ביי אלעמען זיינען געווען צו־רודערטע, אויסגעקרימטע אין א מינע פון ערוואַרטונג — אט, אט דארף וואס פאסירען און זיי צואווינען זיך אלע. די טהיר אין ליובקא'ס צימער האט מען פערמאכט און דעם פלאץ דערנעבען האט פערנומען א געוויקסיגער, רוהיגער הויז־וועכטער, אנגעטהאן דוקא אין א פעלץ און א היטעל. די טהיר איז נעוועז אזוי ווי אלע טהירען אין הויז, ניט קיין הויכע, א ווייסע, נור דורך דעם, וואס איז פארגעקומען הינטער איהר, האט זי זיך אבגעשיידט פון אלע טהירען און אפילו פון דער גאנצער וועלט און זי איז געווארען עפעס גאר א בעזונדערע, א געהיימניספולע; א פחד האט געוועהט פון איהר. די מיידלאך זיינען אלע ווילע געלאפען א קוק טהאן אויף איהר און פלעגען אין איין געלאף זיך אבטראגען צוריק.

איין מיידעל, וועלכע האט מעהר פון אלעמען זיך גע'חבר'ט מיט ליובקא'ן, איז געזעסען אין קיך ביים טיש און האט געוויינט, טאקע פון רחמנות און אויך פון דעם, וואס אלע קוקען אויף איהר מיט נייגיעריגקייט און שרעק.

עס איז געוועז אימה'דיג אונבעגרייפליך, ווי פאר זיי אלעמען וואלט זיך געשטעלט א הארצרייסענדער רעטעניש, וואס קען ניט געטראפען ווערען.

די „עקאנאמקע“ איז געקומען, פערצארנט און געל ווי א ציטראן. זי האט זיך מיט אימפעט א זעץ געטהאן צום טיש און זי האט גענומען מיט טרייסעלדיגע הענד גיסען און טרינקען פון דעם ביער, וואס איז געוועז אנגעגרייט פאר איהר, ווי אלעמאל. די ליפען האבען ביי איהר געציטערט און די אויגען האבען געווארפען קרומע און בייזע בליקען אויף די מיידלאך; זי האט א ווילע גע־שוויגען און געקליבען נחת דערפון, וואס אלע זיינען שטום גע־ווארען און קוקען אויף איהר מיט דערשראקענע, אונטערטהעניגע אויגען, דערנאך האט זי דורכגעזייהט דורך די צייהנער:

— איך א מענש... דאַ פון וועמען צו רעדען... כא, כא!... א קליינינקייט!...

און אין די ווערטער איז געווען אזוי פיעל אונענדליכע איבער־ראשונג און פערראכטונג, אז אפילו די מיידלאך, וואָס זיינען שוין געוועהנט געווען צו די ערגסטע און גרעבסטע זידלערייען, האָט א שטאָך געגעבען אין הארצען. זיי האָבען זיך דערפיהלט אזוי ניט צום מוטה, אזוי אומעטיג, אזוי פערשעהמט און בעליידיגט, בעזונ־דערס דערפאר, ווייל יעדע פון זיי, ווי נישטיג, ווי פערשמוצט זי איז ניט געווען, האָט דאָך, אין דער טיעפעניש פון איהר הארצען, אונערקלערליך פאר זיך אליין, שטאָלצירט מיט ליובקא'ס האנדלונג.

און זיי האָבען גענומען אין דער שטיל זיך ארויסקלייבען, און איינע די אנדערע האָט אין די אויגען ניט געקוקט.

— סאשענקא, — האָט איינע פון די מיידלאך, פאָליא די געקרייזעלטע, איהר צוגעשעפטשעט.

— וואס איז?

— סאשענקא, הארצעלע... איך האָב מורא אליין... נעהם מיך מיט... לאָמיר היינט שלאָפען אין איינעם.

זי האָט סאשא'ן אין געזיכט אריינגעקוקט מיט אזעלכע ציטע־ריגע, בעטענדע אויגען, ווי זי וואָלט זיך קלייבען פונאנדערוויינען. סאשא האָט זיך דערפרעהט.

— און טאקע קום.. פאָרט היימליכער...

ווען זיי זיינען געלעגען צוזאמען אין בעט, האָבען זיי זיך דער־פיהלט מאָדנע אונבעקוועם; זיי זיינען שוין לאנג געוואוינט געווען צו פיהלען נעבען זיך בלויז מענער. האָבען זיי זיך געשעהמט פאר זייערע קערפערס און האָבען ווי דורך א שטילען אָבמאך אויסגעמי־דען איינע די אנדערע אָנצוריהרען.

עס איז געווען פינסטער און גרויליך. סאשא'ן, וועלכע איז געלעגען ביים ברעג, האָט זיך אלץ געדוכט, אז עפעס שווארצעס, קאַלטעס, רוקט זיך לאנגזאם, לאנגזאם, אָבער מיט א מורא'דיגער קראַפט איבער'ן דיל. אין איהרע אויערען האָט געקלונגען א קלאָ־גענד־מעלאָדישער טאָן, און איהר האָט זיך געדוכט, אז דאָרט, וויים, אין פינסטערען, קאַלטען, פוסטען, ווי א קבר, זאאל פאלען ערגעץ

אריין, ווי קריסטאלענע טראָפּענס, רופענדע, מאָהנענדע פּיאנאָ־קלאנגען. און דאָרט זיצט די טויטע, אונבעוועגליגע, קאלטע, בלויע און שרעקליכע ליובקא, זיצט ביי דער פּיאנאָ, און איהרע טרעהרען פאלען אויף די ביינדלאך, און איהרע טויטע אויגען זעהען גאָרנישט פאר זיך, נור איהר, סאשא'ן, זעהען זיי פון דאָרט, זעהען איהר אזוי שרעקליך קלאָהר און ציהען זיך צו איהר, און דאָ איבער'ן דיל קריכט עס לאנגזאם, לאנגזאם.

— שלאָפסט? — האָט סאשאַ ניט אויסגעהאלטען — הא?

— האָט זי איילענדיג, אָהן אטעם, א רוף געטאָהן און זי האָט דעם קאָפּ ניט אומגעקעהרט. זי האָט זיכער געוואוסט, אז נעבען איהר ליגט פאָליא און דאָך האָט זי אויך געוואוסט, אז דאָס איז ניט פאָליא... און איהר אייגענער קול אין דער פינסטער האָט זיך איהר אויסגעוויזען אזוי פרעמד און שוואך.

פאָליא האָט זיך א ריהר געטהאָן. איהרע אונזיכטבארע, וויי־כע, געקרייזעלטע האָאר האָבען א גלעט געטהאָן סאשא'ן איבער'ן באק, אָבער אָבגערופען זיך האָט זי ניט גלייך...

— ניין, סאשענקא, — האָט זי שטיל זיך קלאָגענדיג ארויסגע־רעדט.

איהר שוואכער, צארטער קול האָט סאשא'ן מיט געוואלד א ציה געטהאָן צו זיך. זי האָט זיך געשווינד אומגעדרעהט און מיט אמאָל, מיט'ן גאנצען קערפּער, דערפיהלט יענעם ווייכען און וואַ־רימען קערפּערל, אָבער געזעהן האָט זי גאָרנישט, חוץ דעמזעלביגען אויסגעפּלייצטען, שווארץ־בלוייליכען חושך. און פּלוצלונג האָבען צוויי אונזיכטבארע, מאָגערע און הייסע הענדטלאך זיך א גליטש געטהאָן איבער איהר ברוסט און פאָרזיכטיג, ציטעריג געפונען און ארומגענומען איהר האלז.

— סאשענקא, — האָט פאָליא שטיל געשעפּטשעט — פאר־וואָס זיינען מיר אזעלכע אומגליקליכע?...

און אין דער פינסטער האָבען זיך דערהערט אזעלכע בעטענ־דע, פערשוּלדיגטע שלוכצען. איהרע האָר האָבען געקיצעלט סאשא'ן אין האלז, איהרע טרעהרען האָבען גענעצט סאשא'ן די העמד און

ברוסט, און די הענד האָבען קרעמפּפעגדיג געזוכט און זיך געקלאַ־
מערט.

— בעסער וואָלטען מיר געשטאָרבען, ווי... אָדער בעסער,
ווען מיר זיינען נאָך קליינינקע געווען... נאָך ווען איך האָב זיך
אין דער גימנאזיע געלערענט, בין איך קראנק געווען... אויף לונ־
גען־אנצינדונג... און זיך אזוי געפרעהט, אז איך בין געזונד גע־
וואָרען און די הערעלאך האָבען זיך גענומען לאָקען ביי מיר...
הלואי וואָלט איך דאמאָלט געשטאָרבען!...

סאשא האָט אלץ געשוויגען, נור פאָליא'ס יעדעס וואָרט האָט
זיך אָבגערופען ערגעץ אין איהר אינעווייניג, פונקט ווי זי אליין
וואָלט עס גערעדט און געוויינט.

— וואס זיינען מיר איצט? — האָט אין דער פינסטער אלץ
געזיפצט און געקלאָגט דער וויינענדיגער קול — אָט ליובקא האָט
זיך אויפגעהאנגען און זינקא'ן האָט מען אין שפּיטאָל אוועקגענו־
מען; מען זאָגט, אז ביי איהר איז אפילו דער נאָז איינגעפאלען...
און געווען דאָך אזא פיינינקע מיידעלע, זינקא... און פונקט ווי
עס וואָלט נעדארפט אזוי זיין... און אזוי וועלען מיר שוין בליי־
בען... קיינער וועט ניט קומען און אונז אוועקפיהרען, אז מיט
אונז זאָל... ניט...

— זעה, זעה וואס איהר האָט זיך פערוואָלט!... נא!... —
האָט פלוצלינג סאשא ארויסגעשעפּטשעט, טרייסלענדיג זיך און קוים
אָבכאפּענדיג דעם אָטעם פאר כעס.

— און אונז וועט מען אהין אוועקשלעפּען... מיר קענען קיי־
נעם ניט און... אלע געהען וועמען עס איז אָן, אלעמען היט מען,
מען זאָרגט דאָרט, און אלץ... און מיר ווי פערשאָלטענע... פאר־
וואס?

— פאר דאָס! — האָט סאשא דורכגעזייהט דורך די צייהנער
און האָט זיך אָבגעקעהרט, כאָטש סיי ווי סיי האָט מען גאָרנישט
געקענט זעהן.

— איך געדענק — האָט פאָליא אין דער פינסטער געטענה'ט,
ווי קלאָגענדיג זיך ניט פאר סאשא'ן, נור פאר עמיצען אנדערש —
ווי איך בין אין גימנאזיע געווען... אזא רייניגקע... איך געה, און

אלע פערקוקען זיך אויף מיר און שמייכלען צו... די מאמע בענע־נענט: נו, מיין טאכטעריל... און קיינער וויים ניט פאר וואס... — האט זי זיך פלוצים איבערגעשלאגען מיט אזא היציגען, אנגעווועה־טאגטען אימפעט — און איך בין גאר נים, גאר ניט שולדיג דעריין!...

— טו ווער איז שולדיג? — האט סאשא א פרעג געטהאן מיט א ציטערענדער ערוואַרטונג, מיט א שטילען קלאַנג.

פאַליא האט זיך א ריס געטהאן מיט איהר גאנצען גוף.

— ווער?... פון וואנען זאל איך וויסען!... איך וויים גאר נישט, איך פערשטעה גאר נישט... נור איך ווייז, אפשר, גאנצענע נעכט און טעג ווייז איך...

און פאַליא האט זיך פאנאנדערגעוויינט מיט א דין, שטיל, אונענדליך הילפלאָז געוויין. עס האט זיך געדוכט, אז נים א מענש וויינט, נור א פליג קלינגט, קלינגט.

— א רחמנות, סאשענקא, א רחמנות — האט זי ווידער געשעפטשעט, שלינגענדיג די טרעהרען — אויף מיך א רחמנות, אויף דיר א רחמנות און אויף ליובקא'ן... אויף אלעמען...

זי איז אנטשוויגען געוואָרען. עס איז געווען אזוי טויט־שטיל, ווי די וועלט וואלט טויב געוואָרען. דערנאָך האט זיך צו זיי דער־טראגען דער געוויין פון ווינד אין קוימען, אזוי: א קלאג טהאן, אויפהערען און ווידער נעהמען ציהען זיין נאיענדען קלאנג: או־או־או־או... ווי די צייהנער וואלטען איהם וועה געטהאן...

— איך האב ליעב קינדערלאך — האט פאַליא אויף אמאל אנגעהויבען שטיל און שעהמעוודיג — אן אייגען קינדעלע, אָה איך וואלט... נאט מיינער, ווי איך וואלט עס ליעב געהאט, סאשענקא!

— האט זי ווי אויסער זיך פון ענטציקונג און פערצווייפלונג גע־כליפעט.

סאשא'ן האט זיך אויסגעדוכט, אז דער טרייסטלאָזער, דין־דינער, שעפטשענדער געוויין לעכערט איהר דורך דאס הארץ, אז זי וועט דאס ניט אריבערטראגען. עס האט זיך איהר געוואלט עפעס אויסשרייען, צורייסען...

— וואס זיינען מיר?... פוילע שטיק פלייש, נישט מעהר!...

מיר פוילען לעבעדיגערהייד... און אנדערע לעבען דאָך... פרעהען זיך מיט דער וועלט... אין גימנאזיע האָב איך אלץ געלייענט... איצט לייען איך נים, פערגעסען... און צו וואָס!... נור דעמאָלט האָט זיך מיר געדוכט, אז איך וועל דאָס אלץ איבערלעבען... אז ביי מיר אין הארצען וואקסט עפּעס געוואלדיגעס... אז דאָס גאנצע גליק, וואָס איז דאָ אויף דער וועלט, וועל איך איבערלעבען, וועט מיינס זיין... אז דאָס גאנצע לעבען, און אלע מענשען זיינען מיינע, און פאר אלע מענשען... און... איך קען דאָס נים אויסדריקען... סאַשענקא...

— טו וואָס טהוט מען? — האָט ביי סאַשאַ'ן זיך ארויסגעריסען מיט א פערשטיקט-טיעפען קול.

פאַליא איז אזוי אונערוואַרטעט אנשוויגען געוואָרען, אז סאַשאַ'ן האָט זיך אויסגעוויזען, אז דאָס שעפּטשעט איצט דער חושך אליין.

— אוועקגעהן... — און פאַליא'ס קול האָט געקלונגען אזוי ציטעריג-פערלאָרען.

סאשא האָט זיך איינגעהערט אין דעם הילפלאָזען קלאנג און זי האָט זיך פלוצלינג דערפיהלט אזא גרויסע און שטארקע, אין פערגלייך מיט דער מאָגערער, שוואכער פאַליא, וועלכע האָט נור געקענט וויינען און קלאָגען. ווי זי וואָלט ממש אָנגעטאַפּט די מעכטיגע פראכט פון איהר יונגען, שטארקען קערפּער, האָט זי זיך א רוק געגעבען מיט די פּיס און מיט די הענד און ארויסגערעדט הויך, ווי עמיצען סטראשענדיג.

— און מיר וועלען אוועק... וואָס דען ניט!

אין צימער האָט שוין גענומען ליכטיג ווערען, און ווען סאשא האָט אומגעקעהרט דעם קאָפּ, האָט זי דערזעהן נעבען זיך די אונקלאָהרע שטריכען פון א קליין, ווייס גופ'ל, און ביי איהר סאמע פנים קוים-קוים בלישצענדע אין דער פינסטער דערשראָקענע אויגען.

פאַליא האָט געשוויגען.

— נו? — האָט סאשא אויסגעשריען בייז, אום בייצוקומען איהר אייגענעם שרעק און צווייפעל.

— וואוהין ? — האָט פּאַליא ארויסגעשטאמעלט מיט מורא. עס איז איהר קוים געווען צו הערען. — וואו וועל איך שוין איצט געהן ?

דאָס ליכטיגע, מונטערע, וואָס האָט ווי אויף א רגע א גלאַנץ געטהאָן פאר סאשא'ן, איז ווי פערבלייכט געוואָרען און איז אָהנ־מעכטיג צושוואומען אין דער מונטער פינסטערניש. און ווי אָנ־כאפּענדיג זיך אָן עפּעס, כמעט מיט פיזישער אנשטרייגונג, האָט סאשא ווילד אויסגעשריען:

— דאָס וועלען מיר שפּעטער זעהן... ערגער וועט דאָך ניט זיין! אוועק און פארטיג!...

און זי איז אראָבגעשפּרונגען מיטביידע הייסע פּיס אויפ'ן קאַלטען דיל. און דאָ האָט זי שרעקליך קלאָהר, מיט אייז־קאַלטען גרויל דערפיהלט, אז די טויטע ליובקא שטרעקט זיך צו איהר פון דעם פינסטערען תהום, וואָס אונטער איהר בעט, און וועט איהר באלד אָנכאפּען פאר די פּיס און אוועקשלעפּען אין אימה'דיגען תהום אריין. קעמפּפענדיג מיט די שוואכקייט אין איהרע פּיס, איז סאשא א באָרפוסע צוגעלאָפען צום פענסטער, א זעץ געטהאָן און איהם אויפגעעפענט אין הויף אריין, אין טיעף־טיעפען ברונעם פון פינסטערניש, און האָט זיך ארויסגעשטעקט ווייט ארוים, בלייבענדיג הענגען איבער דער קאַלטער, נאסער פּוסטקייט. דער ווינד האָט איהר א ריס געטהאָן און אויפגעבלאָזען ווי א פּענכער איהר העמד, גליווערנדיג מיט קעלט איהר רוקען. אָבער אויף די האָר האָט גלייך גענומען פאלען, ערגעץ פון אויבען, ווייך און פאַרזיכטיג, דער אונזיכטבארער שנעע; פּוסט פון אויבען און פון אונטען, גראָה און טויט־שטיל; ער האָט נעשמעקט מיט דעם געמישטען ריח פון נעץ און קעלט. סאשא'ן האָט צונויפגעדריקט די ברוסט, צונויפגעקוועטשט די שלייפען. מיט פערקרעמפּטע הענד האָט זי א כאפּ געטהאָן דעם בלומען טאָפּ און מיט אלע כחות, מיט'ן גאנצען אימפּעט, מיט'ן גאַנצען אונגעשטילטען כעס און האַס, האָט זי איהם א וואָרף גע־טהאָן אין דער ליידיגער פינסטערניש הינטער'ן פענסטער. עפּעס האָט זיך אונטען א שליידער געטהאָן, א שווערער, קלאנגלאָזער קלאַפּ האָט זיך דערטראָגען.

— און איך וועל דאָך... אוועק !... — האָט סאשא צונויפגעביסען די צייהן, אזש די סינבאקען האָבען איהר גענומען וועה טהאָן.

אויפ'ן בעט האָט די קליינע פּאָליא שטיל און אָהנמעכטיג זיך געוואָרפען.

— סאשענקא... קאלט... פערמאך דאָס פענסטער... וואָס טהוסטו דאָרט?... איך האָב מורא...

3.

און א גאנצען טאָג נאָכדעם איז סאשא געווען פערטהאָן אין זיך, שטיל און שווייגענדיג, און האָט ממש געפיהלט אָט דאָס נייע, וואָס איז געווען אזוי אונפערשטענדליך, אָבער אזוי גוט, אז עס האָט פשוט געשראָקען. עס איז געווען אקוראט, ווי דו פיהלסט אין שלאָף, אז דו קענסט פליהען, און פליהסט נאָך ניט, און ווילסט דאָך, און האָסט מורא פאר דעם שעהנעם נייעם געפיהל, וואָס שרעקט דיך מיט זיין משונה'דיגער נייקייט, און וואָס דארף קומען אויף דיר מיט'ן ערשטען פאטש פון די פליגלען. און כאָטש זי האָט זיך געשראָקען, האָט סאשא דאָך געוואוסט, אז עס וועט זיין, עס וועט קומען אונפערמיידליך.

דאָס גאנצע הויז, מיט אלעמען, וואָס אין איהר איז געווען און זיך בעוועגט, האָט זיך ווי אוועקגערוקט ווייט אהינטער און איז געוואָרען אזוי פרעמד, אז עס האָט פון אָנפאנג איהר אָנגענומען א נייגיעריגקייט צו צוקוקען זיך צו דעם, פונקט ווי ביי איהר וואָלטען זיך געעפענט נייע, קלאָהרערע אויגען. און דאָ האָט זי צום ערשטען מאָל בעגריפען, מיט איהר גאנצען בעוואוסטזיין, ווי העסליך, פער־קריפּעלט, אוננאַטירליך דאָס אלץ איז, וואָס טהוט זיך דאָרט: געווען איז ליכטיגער, העלער טאָג, און אלע זיינען געשלאָפען; מען האָט איינע די אנדערע געהאסט, זיך געשלאָגען און זיך געזידעלט מיט די עקעלהאפטעסטע ווערטער, און דאָך געלעבט צוזאמען, גע־ליטען צוזאמען און געטאנצט צוזאמען; אריינגענארט מענער, ארויסגעצווינגען פון זיי געלד, שאפענדיג זיי דעם גרעסטען פערגני־גען, — ניט פאר זיך, און ניט אפילו פאר דער בעל־הבית'טע, ווי

עס האט אויסגעזעהן, נור גלאט אזוי, אהן א ציעל און אהן א זין, ווייל קיינער האט זיך ניט געפרעגט ווענען ציעל און עס איז קיי־נעמ'ס עסק ניט געווען; מען האט אוועקגענומען דאס געזונד, פער־שפרייט קראנקהייט, כאטש קיינעם האבען זיי נישט געוואונשען קיין שלעכטס; פלעגען זיך אליין אנשטעקען און פלעגען אומקומען אויף דעם מיאוס'טען אופן. כאטש געגארט האט מען נאך פרעהליכען, גליקליכען לעבען. און ווען סאשא'ן איז דאס אלץ געקומען אויפ'ן זינען, האט איהר מיט א געוואלדיגער קראפט אבגעעקעלט פון גאנצען הויז מיט אלע זיינע מענשען. אלץ: די נארישע שטוהלען אין זאאל, און די פיאנא, וואס האט געהאט די פארם פון א טרונע, און די פערעקעלטע פנימער, און די העלע קליידער, אין די בלייך־גראהע האלב ליכטיגקייט, און די שמאלע צימערלאך מיט די דונ־קעלע, אהן גלאנץ, דילען, — אלץ, אלץ האט געוועקט אין איהר א פיזיש־שווערען, איבעלדיגען געפיהל.

פאליא די געקרייזעלטע האט זיך אלץ געדרעהט ארום איהר און איהר אריינגעקוקט אין געזיכט שטום און שרעקעדיג. סאשא האט געמאכט א פינסטער פנים און האט זיך אבגעקעהרט פון איהר. זי האט מורא געהאט, אז פאליא זאל ניט פרעגען, און פאליא האט אזוי טרויעריג ניט געוואגט צו פרעגען. צולעצט איז סאשא אוועק פון אלעמען אין לעדיגען זאאל און ווידער גענומען ארויסקוקען צום פענסטער.

עס איז איצט געווען א ליכטיגער אבענד. דער ווייכער, ריי־נער, פוכקער שנעע, וואס איז אויסגעפאלען איבער נאכט, איז גע־לעגען פון ביידע זייטען גאס, ווי צוויי גלייכע, אויסגעצויגענע, ווייי־סע האנדטיכער, און אין מיטען גאס איז דער שנעע געווען אויפ־געגראבען און אויסגעשאטען בערגלאך־ווייז, האט זיך געשטויבט אונטער די פערדישע פיס, זיך גערייטעלט און איז צוגאנגען. די פוהרמאנישע שליטלאך האבען לייכט און געשווינד זיך געגליטשט און פערפאהרענדיג אן א זייט, פלעגען זיי איבערלאזען אזעלכע ברייטע און גלאטע פלעצער, ווי אבגעוועלגערטע בלעטער, אז עס איז געווען א חיות צו קוקען. אזא שטילע העלקייט, דארום אויך אזא גוטע רוהיגקייט. אויפ'ן ווייסען שנעע האט אלץ אויסגעזעהן

אזוי וואונדערליך קלאהר, ריין, שעהן, ווי א טהייער שפיעלצייג.

אויף דעם טראָטואר אנטקעגען איז דורכגעגאנגען א סטודענט. א קליינער, בלאָנדער אינגעל; ער האָט עמיצען פרעהליך אָנגעקוקט און פרעהליך געשמייכעלט. און כאָטש סאשא האָט ניט געזעהן, צו וועמען און צו וואס ער שמייכעלט, דאָך איז איהר אויך געוואָרען דערפון פרעהליך און לייכט אויפ'ן הארצען. און אזוי קוקענדיג אויף איהם, איז אין איהר צולעצט אויפגעקומען א פעסט, טיעף און צוטרויליך געפיהל, וואס איז איהר אזוי נויטיג געווען אום ניט צוצולאָזען אין זיך קיין ביטערנים און קיין פערצווייפלונג. זי האָט זיך דערמאָהנט אָן א „בעקאנטען" סטודענט און זי האָט מיט פרייד א טראכט געטהאָן, אז יענער וועט איהר אלץ איינאָרדנען. און תיכף האָט זיך איהר געגומען דוכטען, אז אלץ, וויינינגסטענס די הויפט זאך, איז שוין אָבגעטהאָן, און אז זי האָט זיך שוין ווי אָב־געטהיילט פון דעם הויז. עס האָט זיך אָבגעריסען א שווערער, מיאוסער קנופ, און דאָס „הויז" איז ווי געוואָרען פינסטערער און ליידינגער, און זי אליין — לייכטער און העלער, פונקט ווי איהר גאנצע נשמה האָט זיך אָנגעטרונקען מיט דעם פרעהליכען, ריינעם ליכט, וואָס איז צונאָסען געווען איבער'ן שנעע, איבער די גאסען, איבער די דעכער, איבער'ן ווייסען הימעל און איבער די מענשען.

ווען עס איז שוין געוואָרען רעכט אָבענד, האָט זי געדארפט אָנטהאָן אויף זיך א כוח, אום צו טהאָן מיט עקעל, פערדרוס און שטומען פארוואורף צו עמיצען דאָס, וואָס זי האָט אלעמאָל געטהאָן.

טאקע דערזעלביגער סטודענט, דער שעהנער יונג און גבר, פון וועלכען זי האָט געטראכט, איז געקומען דעם זעלבען אָבענד, לוסטיג און אביסעל אָנגעטרונקען. ער האָט נאָך פון דער ווייטענס דערזעהן און דערקענט סאשא'ן, און אזוי ווי זי איז איהם פאָריגען מאָל זעהר געפעלען, איז ער גלייך צוגעגאנגען צו איהר מונטער און זיכער. נור דאָ האָט סאשא'ן עפעס אָנגעכאפט א מורא פאר איהם; דאָס איז געווען דערפאר, וואס זי האָט איהם געוואָלט בעטען און רעדען צו איהם, ווי צו א מענשען, און זי האָט אין איהם צום ערשטען מאָל, זייט זי איז אין דעם הויז, א מענשען דערזעהן, און א „מענש" האָט זיך איהר פאָרגעשטעלט אלס אזא הויך און שרעק־

ליך וועזען, א הארד און ריכטער איבער איהר נשמה. דעם גאנצען אבענד איז זי געווען אזא שטילע און פערשעהמטע, אז ער האט זיך אזש פערוואונדערט, און ער האט איהר גענומען רופען, שפאסענדיג און לאבענדיג.

און ערשט אין איהר צימער, אין מיטען אויסטהאן זיך, האט עמיצער איהר א שטויס געטהאן און זי האט איהם אויף אמאל א זאג געטהאן, אז זי וויל אוועק פון דאנען.

דער סטודענט איז פון אנפאנג געווען איבערראשט, האט זיך צולאכט און קענטיג איהר ניט געגלויבט, נור ווען סאשא א צו־מישטע האט גענומען שטיל און אהנמעכטיג וויינען פאר בעליי־דיגונג, האט ער חרטה געקראגען און זיך דערמאהנט, אז לויט זיי־נע איבערצייגונגען, דארף ער, פערקעהרט, ניט איבערראשט זיין, נור גלויבען און פרעהען זיך, הארף ער. דא איז ער צומישט גע־ווארען, ווי א אינגעל, און מיט א הארציגען, שוין צו הארציגען קול, מעהר טראכטענדיג, ווי פיהלענדיג, אז דאס איז גוט, האט ער א זאג געטהאן:

— איז דאך גוט... איז דאך אויסגעצייכענט... א יונג מיט ביינער, סאשקא!... מיר וועלען דאס איינס־צוויי צורעכטמאכען!...

און ווידער האט ער זיך פערוואונדערט און זיך פערלארען, ווייל כאטש ער האט געהאט וועגען דעם פעסטע איבערצייגונגען, אבער געקומען איז ער צו סאשא׳ן ניט צוליעב דעם. דערפאר האט ער זיך ארא[ב]געשלאגען פון וועג, פערפלאנטערט און האט דערפיהלט עפעס אין זיך א פוסטקייט און „ניט דאס".

— אזוי... אזוי — האט ער געמורמעלט און איז שטארק רויט געווארען. ער האט זיך דערפיהלט נאריש און אונבעקוועם. ער האט אויסגעמידען צו קוקען אין סאשא׳ס זייט, וועלכע שוין אן אויסגעטאנענע, האט זיך געלייגט אין בעט אריין, דערנאך האט ער זיך ענטשלאסען אויפגעהויבען און א זאג געטהאן מיט א הייזע־ריג, אבגעהאקט קול:

— וועל איך שוין דאס איינארדנען... — און ער איז צו צו סאשא׳ן.

סאשא האט געקוקט אויף איהם מיט נאאיווען צוטרויען און

נעבעט, און איז דאָך געלעגען אין איהר געוועהנליכער פּאָזע פון חוצפּה׳דיגער ערוואַרטונג. דער סטודענט האָט זיך דערפיהלט שלעכט, זעהר ניט צו מוטה, נור די אָנגעצונדענע תאוה האָט איהם געשלאָגען אין קאָפּ אריין, און זיך רויטלענדיג און פיהלענדיג אַ קעלט, פון פּעראַכטונג צו זיך אליין, האָט ער זיך אויסגעטהאָן און געלעגט.

„נו... איז וואָס... זי איז דאָך... ניט אויף אמאָל... געוואָרען אַ נײַ געבאָרענע...“ — האָט ער זיך געפּרובט בערוהיגען.

אָבער אין דער טיעפעניש פון זיין בעוואוסטזין האָט זיך אָב־געשטעלט אַ שווער, אונבעפרידיגט, פּאַראַיבעלדיג געפיהל...

פון יענעם מאָמענט אָן האָט סאשא, וועלכע האָט זיך אָבגע־שלאָגען פון שטעג, אויף וועלכען זי איז געגאַנגען אָהן מיה און אָהן פּראַגען, געלעבט ווי אין אַ כאַאָטישען נעבעל. איהר האָט זיך געדוכט, אַז זי דרעהט זיך אָהנמעכטיג, אָהן ציעל און אָהן זין, ווי אַ שפּענדעל אין אַ ווירבעל־שטראָם.

דער סטודענט, צו וועמען זי האָט זיך געווענדעט נאָך שטיצע, האָט זיך ארויסגעוויזען פאַר אזא גוטען מענשען, דאָס איהם איז ניט גענוג געווען צו טראַכטען און צו רעדען גוטעס, נור איהם האָט זיך אויפריכטיג געוואָלט אויך טהאָן גוטעס. ער האָט געהאַט אַ ברייטע בעקאַנטשאַפט, און איהם האָט זיך גיך איינגעגעבען איינ־צואָרדנען סאשא׳ן אין דעם אנשטאַלט פאַר „בעל־תשובה׳ניצעס“.

סאשא האָט זיך דערוואוסט וועגען דעם טאַקע פון זיין בריעף, וואָס אַ שיק־יונג אין אַ רויט היטעל האָט איהר געבראַכט. אָבער דער בריעף, איידער ער איז געקומען צו איהר, איז אריינגעפאַלען אין די הענד פון דער „מוהמען“. סאַמע פריהמאָרגען האָט זי זיך אריינגעריסען אין סאשא׳ס צימער און מיט אַ קוויטשיג בייזען, צורייצטען קול האָט זי גענומען שרייען און שעלטען. איהר איז ניט פּאַרגעשטאַנען קיין שום שאַדען, אַנשטאַט סאשא׳ן האָט זי לייכט געקענט קריגען צעהן אזעלכע שעהנע און יונגע מיידלאָך, נור דער „מוהמען“ האָט זיך געדוכט, אַז מען האָט איהר אָנגעטהאָן אַ פּערזענליכע בעליידיגונג און אַז סאשא איז אַן אונדאַנקבאַרע בריאה.

זי האט א שלײדער געטהאן סאשא'ן אין פנים דעם צוקנײטש־טען בריעף און האט זיך מיט אימפעט א װארף געטהאן צו סאשא'ס קופערט, אקוראט, װי זי װאלט מורא געהאט, אז סאשא זאל ניט אװעקטראגען װאס עס איז פון איהרע זאכען.

— װאס כאפט איהר?... שרײט ניט... — האט סאשא גע־מורמעלט, א פערפלאמטע און א פערלארענע.

אין קארידאר האבען זיך שױן געשטופט די מײדלאך און געלאכט פון איהר, פונקט װי זי װאלט װירקליך געהאט צו שעהמען זיך דער־מיט, װאס זי האט פערטראכט. אויף א מינוט האט זי אפילו גע־װאלט זיך אבזאגען פון אלץ, אבער פלוצלינג האט זי זיך צונויפ־געקארטשעט, אויף איהר פנים האט זיך בעװיזען א פינסטערע, פערביסענע מינע.

— ציטערט ניט... איך װעל גארנישט אװעקטראגען... אײערס װעט בלײבען בײ אײך... — האט זי בלויז געמורמעלט.

— שױן גוט! שױן גוט! — האט די „מוהמע" א צוקאכטע געשריען — מיר קענען אײך!....

די מײדלאך האבען געכיכעט.

— אזא פערד! — האט די דיקע, רויטע „מוהמע" זיך גע־היצט — קוק נאר זי אן... צו די עהרליכע זיך פערװאלט!... האסטו װען געזעהן, װי אן עהרליכע זעהט אויס? אך דו...

דאס רויטע, סאמעטענע קלײד, װאס סאשא האט נאר אײן מאל אנגעטהאן און װעלכען זי האט אזױ לאנג און לײדענ־שאפטליך געבענקט, איז, א צונויפגעדרעהטע און צוקנײטשטע, אריינגעפלויגען אין פאק צוזאמען מיט די איבריגע זאכען. בײ סא־שא'ן האבען זיך געשטעלט טרעהרען אין די אויגען פון פערדרוס און בעלײדיגונג.

— װאס אויף צו נ'אמת'ן! — האט זי מיט ציטערנדע ליפען ארויסגערעדט און זי האט זיך אינסטינקטיװ א ריס געטהאן פער־טהײדיגען איהרע קלײדער.

אבער די „מוהמע" האט דערױף װי געװארט. זי האט שנעל פערצאהמט איהר דעם װעג און איהר א זעץ געטהאן איבער דער האנד. און װען סאשא האט אויסגעשריען פון װעהטאג און שרעק,

איז זי ווי שכור געוואָרען פון צאָרן, האָט סאשא'ן א כליוסקע גע־טהאָן אין באק — איינמאָל און צוויי מאָל — און האָט איהר אָנגעכאפּט פאר די האָר.

— נאַ דיר! נאַ דיר! — איז זי שוין גאָר ארוים פון די כלים און האָט זיך אזוי צושריען, אז מען האָט דערהערט אונטען ביי דער פּאראדנער טהיר, און דער שווייצאר, א געשטופּעלטע, גלייכגילטיגע בעשעפעניש, איז אריינגעקומען.

— אָט האָסטו דיר א פאַרשטעלונג! — האָט ער א זאָג גע־טהאָן.

סאשא איז געוואָרען אָן אָנגעצונדענע, זי האָט געוואָלט וואָס עס איז זאָגען, נור פּלוצלינג האָט זי זיך הילפלאָז צואוויינט.

— חיות זייט איהר אַלע אונדאנקבארע! — האָט די „מוהמע" געשריען מיט א וויינענדיג קול. זי איז גאָר א צוגאנגענע געוואָרען, זיך לאָבענדיג מיט די קלעפּ און טרעהרען. דערנאָך האָט זי זיך דערמאָהנט אָן ליובקא'ן, צוליעב וועלכער זי האָט געהאט גרויסע אונאנגענעהמליכקייטען מיט דער פּאָליציי, און ווידער האָט איהר אָנגענומען א ווילדקייט.

— פלאגסט זיך מיט אייך ארום, קליידסט, בענעהסט און איהר... וועסט שוין אויסריכטען זיך ביי מיר א הינטישע מערכה! — האָט זי צונויפגעדריקט די צייהן אזוי, אז עס האָט איהר גענומען שווינדלען פאר די אויגען.

— איך... דיך... דו פערדאם....

סאשא איז א פערשטיינערטע געוואָרען; א טויט בלייכע איז זי אנידערגעפאלען אויפ'ן דיל און זיך פערשטעלט מיט די הענד.

— מוה־מינ־קע! — האָט זי קוים בעוויזען ארויסצורעדען.

די דיקע, פעטע קניה פון דער „מוהמינקע" האָט איהר א זעץ געטהאָן אין געזיכט, זי האָט זיך מיט'ן נאקען אָנגעשלאָגען אָן דעם פענסטער לייסט; איבער איהר קאָפּ און רוקען האָבען גענומען האָג־לען קלעפּ, און אויף יעדען קלאפּ האָט דאָס הארץ אָבגעענטפערט מיט א טיעפען, וועהטאָג'דיגען טרייסעל. סאשא האָט בלויז מיט די הענד זיך צוגעדעקט דאָס פּנים און געשלוכצט.

— אָט האָסטו... — האָט די „מוהמע" זיך אָבגעשטעלט. זי

איז שוין געווען אהן אטהעם און זיך קוים געהאלטען אויף די פיס.

די אויגען האבען ביי איהר ארויסגעטארטשעט רונדע און וויל־דע, און עס איז געווען משונה מאדנע צו זעהן אזא פנים אויף א מענשליכען קערפער. זי האט נאך לאנג און מיאוס זיך געזידעלט און געקוקט אויף סאשא'ן אזוי, ווי עס וואלט איהר א שאד געווען אזוי גיך אוועקצוגעהן און אויפהערען שלאגען.

— ווארט, וועסט קומען צוריק, וועל איך זיך שוין מיט דיר אברעכענען! — האט זי צולעצט אויסגעשריען און זי איז אוועק מיט הויכע קללות און סאפענדיג שווער און אויפגערעגט.

סאשא, א פערטויבטע, א צושלאגענע, האט זיך אויפגעהויבען און מעכאניש גענומען פעררייכטען די האר און זיך ארומדרעהן איבער'ן צימער. דערנאך האט זי זיך דערשראקען ארומגעקוקט, שטיל צוגעמאכט די טהיר. ערשט דאן האט זי זיך אוועקגעזעצט אויפ'ן בעט און גענומען וויינען מיט די הענד אויפ'ן געזיכט. און געוויינט האט זי ניט אזוי פאר וועהטאג און פאר שאנדע, נור דער־פאר, ווייל פאר איהר האט זיך פלוצלינג געעפענט אן אבגרונד פון הוילע גארנישט, און עס האט איהר אנגענומען אזא מורא, אז זי איז שיער ניט געלאפען עמיצען בעטען, אז מען זאל איהר ניט טשעפען, אז מען זאל איהר לאזען דא אויף אלעמאל, ווי געווען.

דערנאך האט זיך געצויגען א לאנגער אבענד — זיך געצויגען לאנגזאם און געמאטערט און געקוועלט.

אין זאאל, האט ווי געוועהנליך, פרעהליך און שרייענד גע־שפיעלט די מוזיק, און סאשא האט געוואוסט, אז דארט איז איצט ליכטיג און פול מיט מענשען. עס האט איהר אוים געוואהנהייט געצויגען אהין, אבער זי האט ניט געוואגט ארייןצוגעהן, און זי איז געזעסען אין ליידיגען, האלב־פינסטערען צימער, זיך צוגעהערט צו די פערשטיקטע קלאנגען, וואס האבען זיך דערטראגען צו איהר דורך די פערמאכטע טהירען, צו דעם געלעכטער און געשפרעכען פון די מיידלאך, וואס זיינען געגאנגען דורך דעם קארידאר מיט די שכור'ע געסט.

סאשא האט א גאנצען טאג ניט געגעסען, און זי האט זיך געפיהלט שלעכט. שפעטער האט זי זיך בלויז געקענט דערמאהנען,

אז אין צימער זיינען ארומגעגאנגען פון ברענענדיגען ליכטעל, גרויסע, שווייגענדיגע שאטענס. און עס איז געווען קאלט און דומפּיג פּוסט. אין שווארצען פיער־עק פון פענסטער האט געקלאפּט אן אונזיכטבא־רער רעגען, און עס האט זיך געדוכט, אז דער אבענד איז ניט לאנג, נור עפּעס אונבעוועגליך, ווי עס וואלט גאר קיין צייט ניט געווען.

און זי איז געווען אויסגעליידיגט פון אלע געפיהלען און גע־דאנקען, אויסער דעם געפיהל פון אונענדליכער איינזאמקייט, וואס האט מורא'דיג געדריקט איהר אויפ'ן הארצען.

אויף מארגען איז איהר אויסגעקומען צו זיין אין דער פּאלי־ציי, און ווידער דער זעלביגער געפיהל פון שרעק און עלענדקייט. די גרויסע, ווייסע פענסטער האבען געקוקט ווי טוידטע, די טישען זיינען געווען שווארצע און די מענשען גראבע און נייגיעריג־בייזע און סאשא'ן האט זיך געדוכט, אז אויך זיי האבען א רעכט צו טהאן מיט איהר וואס זיי ווילען.

מען האט פון איהר געלאכט און חוזק געמאכט. עמיצער האט געזאגט:

— א בעל תשובה'ניצע!

און דאס ווארט האט ער ארויסגערעדט בע'טעמ'ט — מיט זאפט און קלאנג. סאשא האט שוין ניט געוויינט. איהר מוח איז ווי פערנעבעלט געווארען, און זי האט שוין כמעט ניט פערשטאנען, וואס מען טהוט מיט איהר.

מען האט פון איהר גענומען עפּעס אן אונטערשריפט, ערגעץ געשיקט, צוערשט אין איין פּלאץ, דערנאך אין א צווייטען, און צולעצט א הונגעריגע, א מידע, אן אויסגעליידיגטע פון יעדען ברע־קעל מענשליכען געפיהל, איהר געבראכט אהער אין דער אנשטאלט.

4.

סאשא איז כמעט די גאנצע נאכט ניט געשלאפען און אלץ גע־טראכט; פאר איהר, דער קליינער פרוי, מיט'ן קליינעם, אונבע־האלפענעם שכל, איז געשטאנען א געוואלטיג שווערע פראגע.

עס איז געווען פינסטער און שטיל. דער שיין פון די גאסען־לאנטערנעס איז געפאלען אויף דער סטעליע און האט דארט אונ־

זיכער ארומגעטאנצט. דא פלעגט ער זיך אנכאפען, דא פלעגט ער פערלאשען ווערען. דער שנעע איז צו נאכט־צו צוגאנגען און דאס בראזגענען פון די פוהרמאנישע קארעטען איבער'ן ברוק האט ווען ניט ווען, זעהר שוואך, מעהר דורך דאס ציטערען פון דיל, זיך דער־טראגען אהערצו. עס איז געשטאנען גאר א לוויליכער טוי־וועטער און מען האט געהערט, ווי הינטער'ן פענסטער זיינען געפאלען גרויסע שווערע טראפענס אויפ'ן אייזערנעם געזימס. אלע זיינען געשלאפען, און אויף אלע בעטען האבען זיך אונבעשטימט גע־שווארצט פארמלאזע טונקעלע הויפענס, צוגעדעקט מיט פונקט אזעלכע הארטע, הילצערנע, געקארטשעטע דעקעס.

סאשא האט, פון אונטער א ווינקעל פון דער דעקע, מיט בלישצענדע אויגען, ווי א מייזעל, ארומגעקוקט דאס צימער און מיט צוגעשפיצטע אויערען זיך צוגעהערט צו יעדען קלאנג, צו דעם אומעטיגען פאלען פון די טראפענס הינטער'ן פענסטער, צו דעם סקריפען פון א ווייטען בעט, צו דעם שווערען, לאנגען אטהעמען און דעם אונאויפהערליכען הייזעריגען כראפען, וואס האט זיך פון דער פינסטערנים ארויס געטראגען איבער'ן גאנצען צימער.

סאשא'ן איז אויסגעקומען מאדנע, וואס עס איז אזוי שטיל און רוהיג, וואס מען געוואלדעוועט ניט און מען טאנצט ניט, מען שלאגט זיך ניט און מען שרייט ניט, מען רויכערט ניט און מען מאטערט ניט. און א ווארם, לייכט און פריידיג געפיהל האט איהר פלוצלינג דורכגענומען און סאשא האט אזש אנגעהויבען ציטערען און זי האט זיך מיט אימפעט א ווארף געטהאן און איינגענורעט דאס פנים אין שיטערן ציכעל, מיט די גראבע קנייטשען.

סאשא האט ערשט איצט רעכט פערשטאנען, אז איהר פריהע־ריגעס לעבען האט גענומען א סוף; אז קיינער וועט שוין קיינמאל איהר ניט צווינגען צו לאסטשען שכור'ע און עקעלדיגע מענער; אז מען וועט איהר ניט שלאגען, ניט שילטען; אז דאס לעבען ווי אין א היץ־קרענק איז אוועק און וועט זיך שוין מעהר ניט אומקעהרען. פאראויס האט איהר געלויכטען עפעס נייעס, צוקינפטיגעס, אזא פריידיג־ריינער גליק, ווי א זון וואלט איהר אויפגעגאנגען אין שטי־לען מונטערן שיין. און שוין פון דעם בעוואוסטזיין אליין, האט

זיך סאשא'ן געגומען דוכטען, אז זי איז געוואָרען לייכטער, ריינער, העלער. ווי א זיסער ביסען וואָלט זיך איהר געשטעלט אין האלז און גענומען דריקען, און זודיגע שטילע טרעהרען האָבען אויף אמאָל אָנגעפילט איהרע אויגען און נאס געמאכט נעבען איהרע באַקען דאָס ווארים־געוואָרענע קישען, וואָס האָט געשמעקט מיט זייף.

„גאָט מיינער, גאָט... מאך, אז שוין מעהר ניט... אז איך זאָל זיין אזוי... ווי אלע... מאך עס, גאָט, מאך!" — האָט סאשא כמעט אויפ'ן קול געשעפטשעט, און די ווערטער האָבען זיך געריסען פון איהר ברוסט מיט אזא שטארקען געפיהל פון אזא קינדערשער, ריהרענדער, אזא אונפארשטענדליכער פאר איהר ענטציקונג.

עס איז געווען עפּעס רחמנות'דיגעס, אונבעהאָלפענעס אין דעם געבעט, און עס איז מאָדנע געווען, אז אזוי האָט געבעטען א געזונטע שעהנע פרוי, וואָס האָט געברענט מיט לעבענס־לוסט.

סאשא האָט זיך געוואָלט דערמאָהנען אָן אלע עולות: אָן פּאַליא'ן, דער „מוהמען", ליובקא'ן. נור זי האָט עס אין געדאנק אוועקגעמאכט מיט דער האנד.

„א סוף, אן עק!... געווען און אוועק... מיט גראָז בעוואַקסען!... איצט וועט אלץ, אלץ זיין גאָר אנדערש... איך, הייסט עס, וועל אויך זיין אזא מענש ווי אלע... און קיינער וועט שוין ניט א געשריי טהאָן אויף מיר... ווי יענער מיט די וואָנצעס אויף דער פּאָליציי... גאָט דער אויבערשטער... זיסער פּאָטער... ווי אויסגעצייכענט איך האָב דאָס אלץ צוגעטראכט... ווי גאָר ניט איך בין עס... איצט וועל איך טאקע האָבען אמת'ע בעקאנטע... און אליין וועל איך צונאסט געהן... ארבייטען וועל איך... און קיינער, קיינער זאָל אפילו ניט א טראכט טהאָן."

עפּעס ווי אונבעמערקט פאר איהר אליין איז ארויסגעשוואומען די געשטאלט פון דעם סטודענט, וואָס האָט איהר דאָ איינגעאָרדענט.

„מיין טהייערינקער, פארשויין מיינער!" — האָט סאשא אונבעוואוסט, מיט אונענדליכער צערטליכקייט און פערגעטערונג, אויסגעשעפּטשעט, און ערשט נאָך דעם, ווי זי האָט עס אויסגעשעפּטשעט, האָט זי זיך געכאפּט, וואָסערע ווערטער דאָס זיינען.

זי איז געוועהנט געווען, גאַרנישט פיהלענדיג, אַנצורופען די מענער, וואָס זיינען ביי איהר געווען, מיט פערשיעדענע צערטליכע נעמען, אָבער איצט האָט זי זיך פערשעהמט, וואָס זי האָט אזוי א טראכט געטהאָן וועגען איהם. אָבער אזוי גוט איז איהר געוואָרען פון דעם פערשעהמען זיך, אז איהרע גלאַנציגע, ברייט געעפענטע אויגען, וואָס זי האָט געהאט אַנגעשטעלט געגען דעם שוואכען שיין פון די פענסטער, זיינען זיך אַנגעלאָפען מיט אזעלכע לייכטע, לייכטע טרעהרען.

„ליעבענקער, מיין גאָלד!" — האָט זי געשעפּטשעט, זיך דריי־קענדיג צום קישען. און עס האָט איהר אזוי א ציה געטהאָן ביים הארצען, אז זי האָט עס גאָר ניט געקענט ארויסרייידען. זי האָט גענומען צוקלייבען אלע איהר בעקאַנטע צערטליכע ווערטער. אָבער אלץ איז איהר געווען וועניג. זי האָט געוואלט צוטראכטען נאָך עפּעס אזוינס, וואָס זאָל זיין דאָס צערטליכסטע, דאָס בעסטע און דאָס הארציגסטע.

„מיין ערלייזער, וואס איהר זייט!" — איז זי פּלוצלינג עפּעס אריבערגעגאנגען אויף „איהר", און דאָס טאקי איז איהר פאָרגעקומען אזוי גוט, צערטליך און הארציג, אז זי האָט זיך ווידער צו־וויינט.

„וואָס זשע וויין איך?" — האָט זי זיך געפרעגט. נור גרויסע, ווארימע טרעהרען האָבען לייכט גענומען רינען איבער איהרע באקען און זיך צושוואומען איבער'ן קישען.

די דיקע דעקע איז אראָבגעקראָכען פון איהר צופלאָממען קערפּער, און דער קישען האָט זיך איינגעלעגען און זיך פערהארטעוועט אין א קנויל, אויף וועלכען עס איז געווען אונבעקוועם צו ליגען.

„וואָסערע שלעכטע בעטגעוואנט דאָ איז" — האָט זי מעכאניש א טראכט געטהאָן, אָבער זי האָט נאָך אלץ געשמייכעלט דורך טרעהרען צו איהרע יענע גענדאנקען.

און דאָ ערשט האָט סאשא צום ערשטען מאָל פּאַלשטענדיג קלאָהר זיך פאָרגעשטעלט און פערשטאַנען, פארוואס אייגענטליך זי איז אוועק פון שאנד־הויז. זי האָט זיך דערמאָהנט, ווי איהר איז גע־

וועז שווער און אומעטיג נאך פאר ליובקא'ס טויט, ווי אלץ איז איהר געוועז ווידערדיג און לאנגווייליג.

„דאס, וואס די ארימע ליובקא, א ליכטיגען גן עדן איהר, האט זיך אויפגעהאנגען, האט מיך, הייסט עס, נור א שטויס גע־טהאן צו דעם געדאנק. און פאליא די געקרייזעלטע אויך... פא־ליעטשקא, די געקרייזעלטע עופה'לע מיינס!" — האט סאשא רחמנות'דיג איהר גענומען לאסטשען: „מען דארף איהר אויך פון דארט ארויסשלעפען, זי, די נארעלע, וועט זיך אליין ניט דער־טראכטען... און ווען יא, וועט זי זיך דערשרעקען... זי איז א שוואכינקע"...

אין צימער איז פלוצלינג געווארען גאר פינסטער. זי האט אויפגעהויבען די אויגען. עס איז גארנישט געוועז צו זעהן, אויסער דעם שווארץ־בלוילינען חושך... פון די פענסטער האט שוין ניט אבגעשלאגען קיין שיין אויף דער סטעליע, די שויבען האבען קוים, קוים זיך געזעהן אין דער פינסטערניש.

„מען לעשט די לאנטערנעס... שפעט" — האט סאשא א טראכט געטהאן.

און זי האט פערמאכט די אויגען און ווידער זיך גענומען דערמאהנען, ווי אזוי „דאס" איז געקומען, און ווען דאס האט זיך אנגעפאנגען, און וואס געראד האט זי דעם סטודענט דערצעהלט וועגען דעם. גלייך פון אנפאנג איז איהר געוועז אזוי עקעלדיג און אומעטיג, און שווער געוועז צו צוגעוועהנען זיך צו דעם אלעם; זי האט זיך ארייננעלאזען אין דעם ניט פון וואוילטאג, נור פון האר־רעוואניע און הונגער, פון א לעבען אהן פרייד און אהן טרייסט. זי האט זיך אלע מאל געהאלטען, און זי איז ווירקליך געוועז זעהר א שעהנע, און מעהר פון אלץ האט זיך איהר געוואלט, אז אין איהר זאל זיך פערליעבען אן אויסערגעוועהנליכער פארשוין און אז זי זאל האבען די פרעכטיגסטע קאסטיומען.

„איינע האט אפנים א חלשות, און טהוט זי זיך אן, פער־בלענדט זי אלעמען די אויגען... און דו געה זיך מיט א שלומפער... דאס קליידעל פערדריפעט, דאס יאקעל ווי א זאק און די אבצאסען אויסגעקרימט... א פארשויף!... האט עס מיר פערדראסען... איז

יעמאלט נעבען רעסטאראן... אן אפיציער האט א דאמע ארויסגע־זעצט, האב איך זיך פערקוקט און איהר אונגערן א שטויס געטהאן, ווי ער גיט דאס מיר א שטופ אב! איך קוק איהר אן: א חורבה, וואס אט צופאלט זי זיך... און עס איז מיר אזוי ביטער געווארען אויפ'ן הארצען... און דא האט די „מוהמע" גענומען פאדען.... און איך, נארישע, דערצעהל איהר וועגען אפיציר און ווי עס האט מיך ביים הארצען אנגענומען, און זי דורעט מיר, דורעט מיר אין קאפ, אז עס וועלען אי אפיציערען זיין, און אלץ... אז איך בין אן אויס־נאהם א פארשוין, אז פאר מיר ארבייטען, בויגען דעם רוקען און בלענדען די אויגען איז הוילע נארישקייט... אויף וואס זעהענדיג? און איך טראכט מיר טאקע: און באמת א נארישקייט... אויף וואס זעהענדיג?"

דערנאך האט זי זיך דערמאהנט, אז דער ערשטער טאג, וואס זי האט פערבראכט אין הויז, האט זיך איהר, נאכדעם ווי זי האט זיך אויסגעניכטערט, א צייט לאנג זיך פארגעשטעלט ווי א שוידער־ליך שמוציגער פלעק, וואס מען זעהט אין א וויסטען חלום: גרויליגע, דיקע פינסטערניש, וואס לאזט גארנישט דורכקוקען.

„און איך האב דאך אויך דאמאלס זיך אויפהענגען געוואלט!" האט זי א טראכט געטהאן מיט קאלטען שרעק. און זי האט אויף אמאל אויפגעריסען די אויגען, ווי עמיצער וואלט איהר א שטויס געטהאן. איהר האט זיך אויסגעוויזען, אז דא, נעבען בעט, שטעהט די טויטע, אונבעוועגליכע, הויכע ליובקא.

און אלץ איז געווארען שטיל. עס האט זיך נור געהערט דאס רוהיגע אטהעמען פון די שלאפענדע און עס איז ווי ליכטיגער גע־ווארען. די טונקעלע בערגלאך אויף די בעטען זיינען דייטליכער ארויסגעטרעטען און ביסלעכוויז איז געווארען גראהער, בלייכער און ווי עפעס דורכזיכטיגער. ווי פריהער האט דערקוטשעט עמי־צענס דערעסיגע, נודנע כראפען און הינטער'ן פענסטער האבען געטריפט איינזאמע, שווערע טראפענס.

„יא, טאקע געוואלט... כ'געדענק, נישקשה'דיג זיך אנגעטרונ־קען... געמיינט, א שכור'ע וועט לייכטער זיין, ניט אזוי שרעקליך... און שוין דעם האקען געהאט ארייגעקלאפט... אבער מען האט מיר,

ווי עס שיינט, נאָכגעשפּירט... די ערשטע צייט שפּירט מען נאָך אַלעמען... די „מוהמע“ האָט מיך אַזוי אָנגעה'רג'עט, שיער רעם טויט ניט געמאַכט... און דערנאָך ווי גאָרנישט... נור לאַנגווייליג אַביסעל“.

דערנאָך האָט זי זיך דערמאָהנט, ניט פערשטעהנדיג וואָס דאָס איז געווען, אַז אויף איהר איז געקומען אַזאַ שווערע טעמפּע גלייכגילטיגקייט, און ווען דאָס איז אריבער, האָט עס אַוועקגעטראָגען מיט זיך איהר גאַנצע אינערע קראַפט און שאַנדע: זי האָט שוין קיין כוח און קיין פערלאַנג ניט געהאַט צו ראַנגלען זיך. דערנאָך איז געווען שכרות, הוליאַנקעס, טומעל און רויך, א לעבען מיט פערטשאַדעטע קעפּ, און זי האָט זיך צוגעוועהנט צו דעם. אָבער דאַן געדענקט זי זעהר גוט, אַז גאָר פרעהליך און רוהיג איז זי קיינמאָל ניט געווען, אַז די גאַנצע צייט, וואָס זי זאָל ניט טהאָן, האָט ערגעץ אין דער טיעפעניש פון איהר נשמה, אַלץ געזויגט און גענאָגט, און דאָס האָט איהר געטריבען צו שכור'ן, רויבערן, צו טשעפּען זיך מיט אַלעמען און צו שמוצען זיך וואָס מעהר.

„און פאַר וואָס גראַדע איהם... גראַדע איהם האָב איך געזאָגט? יאָ, דערפאַר, וואָס ער האָט דאָס מיר די וואונדען אויפגעריהרט... ווערטער אַזעלכע געזאָגט, מיין ליעב, שעהן אינגעלע!“

און ווידער האָט סאשא גענומען צוקלערען צערטליכע ווערטער, זיך דערמאָהנט יענעם גאַנצען אָבענד, ווען ער איז געווען ביי זיי צום ערשטען מאָל א שכור'ער, א פרעהליכער, ווי ער איז איהר זעהר געפעלען, געלאַכט, געזונגען, און צו איהר, סאשא'ן, א זאָג געטהאָן:

— סאשא, דו ביזט מיט גאָלד צוגלייך!... א פאַרשוין, זאָג איך דיר! ווען דו ביזט ניט קיין מויד, וואָלט איך מיט דיר חתונה געהאַט! זאָל איך אַזוי לעבען, חתונה געהאַט, ווייל דו ביזט בעסער פון אַלע פרויען, וואָס איך קען... און פאַר וואָס ביזטו, סאשקא, א „מויד“ געוואָרען?

סאשקא האָט געלאַכט און אויסגעגאָסען אויף איהם א האַלבע גלאָז ביער, אָבער ער האָט זיך ניט צובייזערט, נור, פערקעהרט, טרויעריג געוואָרען, מיט א שכור'ען, וויינענדיגען טרויער.

— און שוין זשע פערשטעהסט ניט, וואס דו האסט געטהאן מיט זיך, אה? סאשקא! — און ער האט מיט ביטערן בעדויערן, מיט פארוואורף געשאקעלט זיין רייצענדען, צושויבערטען, מיט ביער בעגאסענעם קאפ.

און אט מיט די „רחמנות'דיגע" ווערטער האט ער איהר דער־מאהנט אלץ וואס זי איז אויסגעשטאנען. און ווי אלץ וואלט זיך אין איהר אויפגעהויבען, א דריק געטהאן ביים הארצען מיט עפעס שארפעס. זי האט אויסגעבראכען אין א געוויין, זי האט זיך איינ־שטילען ניט געקענט, און געשטופט פון זיך דעם סטודענט און זיך געקלאפט דעם קאפ. דאס איז אפשר געווען דערפאר, וואס זי איז שכור געווען, אבער אויך דערפאר וואס זי האט פערשטאנען, אז זי האט געטהאן מיט זיך עפעס שרעקליכעס, וואס מען קען שוין ניט צוריק באפען, ווי עס האט זיך יעמאלט איהר אויסגעדוכט.

„א גאנצע נאכט האב איך דעמאלט אבגעוויינט" — האט סא־שא שטיל געטראכט אין זיך, און איהרע אויגען האבען ניט אב־געלאזען די שוין גראה געווארענע פענסטער, וואס האבען בע־טריעבטע, אונבעוועגליכע, אריינגעקוקט אין גרויסען, לאנגווייליגען צימער.

„פון דעמאלט האט זיך אנגעהויבען... דאס א... זיך געגרעמט... געגרעמט... צום שטארבען!"

.5

דער נעקסטער טאג איז געווען אן עמפפאנגס טאג אין אלע שפיטאלען, און דארום האט מען איהם אויך געמאכט פאר אן עמפ־פאנגס טאג אין היים.

דער הימעל האט זיך אויסגעלייטערט, און די זון האט אריינ־געשיינט אזוי העל דורך די פענסטער, אז עס האט זיך געקענט דוכטען, אז דרויסען איז ניט דער פוילער הערבסט, נור דער מונ־טערער פריהלינג. עס איז געווען אזוי ליכטיג, אז אפילו אויף די פינסטערע, גרינליך־גרויע טישען און בענק איז געווען אנגענעהם צו קוקען. טהעע האט מען געטרונקען צוזאמען אין גרויסען צימער, מען האט געטרונקען שווייגענדיג און מיט שטאט, ווייל מען האט

מורא געהאט פאר דער אויפזועהערין, וועלכע האט געהאט אין זיך א סך איבערגעבערענטע גאל.

אָבער סאשא'ן האט זיך גערוכט, אז מען טרינקט אזוי געלאסען און שטאטיג ניט דערפאר, נור ווייל דאָ, אין דעם פאלשטענדיג בע־נייטען לעבען, וואס מען פיהרט דאָ, דארף אזוי זיין: ליכטיג, גע־לאסען און שטאטיג. און דאס איז סאשא'ן מאָדנע געפעלען, זי איז אזש פול געוואָרען מיט קינדערשער ענטציקונג. די אויגען זיינען איהר אלע ווייל אנגעלאָפען מיט טרעהרען און געבלישצעט מיט שטילער פרייד.

„גאָט, מיינער, ווי גוט..."

און ווען סאשא האט זיך דערמאָהנט די פרעהליכע און ליכטיגע געדאנקען, וואס זי האט דורכגעטראכט אין אַט דער „גרויסער" נאכט (אזוי האט זי אָנגערופען די ערשטע נאכט אין „היים", ווי זי איז געוועהנט געווען פון קינדהייט אָן צו רופען די נאכט אויף „סוועט־לאַיע וואָסקרעסעניע"*), איז איהר געוואָרען אזוי גוט אויפ'ן הארצען, אז זי האט ברייט און גליקליך זיך צושמייכעלט אנטקעגען דעם זון־שטראהל, וואס האט זי ווי א זילבערנער פאס, בעשאָטען מיט גאָלד־שטויב, איבערגעשניטען פאר קווער דאס צימער.

אָבער אין דער מינוט האט סאשא געכאפט אויף זיך דעם שפּי־ציג־שטעכיגען בליק פון דער אויפזועהערין, וועלכע האט מיט א רעט־זעלהאפטער מינע געהאלטען אָנגעשטעלט אויף איהר א צוגקוועטשט אויגעל. א נעדיכטע רויטקייט איז זיך פונאנדערגעלאָפען איבער איהר יונגען, נאָך גאָר פרישען פנים.

„וואס איז מיט דיר די שמחה?" — האט סאשא זיך גענומען פאַרוואָרפען מיט א פּלוצלינגען טרויער, וואס האט אונבעמערקט פאר איהר אליין, זיך פון ערגעץ ארויסגע'גנב'עט. זי האט אויסגע־מידען צו קוקען אָן א זייט. — „שווין זיך פערגעסען... קוק איהר נור אָן!... עס געהט איהר איין לאכען... זיץ און שווייג, ווען גאָט האט דיך געשטראָפט".

---

*) דער ערשטער זונטאג פון קריסטליכען פסח, „איסטער סאָנדעי".

און אין עס־צימער איז ווי פינסטערער געווארען, לאנגווייליג און דומפיג, און דער גאלדענער זייל איז ערגעץ פערשוואונדען.

„בעסערן זיך!" — האט די אויפגעהערין איראניש געטראכט, מישענדיג מיט'ן לעפעלע אין קאלטען, בלייכען טהעע. פון סאשא'ן האט זי ניט אראפגעלאזען איהר בייזען, פערעכטליכען בליק. „אט זייערע געדאנקען, ווען מען שטעלט זיי פאר אין קאמיטעט!... אוה, בהמות! — האט זי אויסגעזידעלט די דאמען פון קאמיטעט. — „אט די ארומשלעפערקעס קארמע מיט ברויט... קענען זיי דען, ווען ניט אבשעצען, טו כאטש פערשטעהן דעם זין פון די זארג, וואס די געזעלשאפט לייגט אויף זיי?"—האט זי פלוצלונג מיט פערבי־סענע ליפען איבערגע'חזר'ט אין די געדאנקען א פראזע, וואס זי האט ערגעץ געהערט און ניט גאר פערשטאנען און וועלכע איז איהר אבער זעהר געפעלען.

דערנאך האט זיך איהר מאדנע שטארק פערוואלט א נעהם טהאן סאשא'ן פאר'ן צאפ און א שליידער טהאן אויפ'ן דיל אזוי, אז צווישען איהרע פינגער זאלען בלייבען בינטלאך האר.

נאך'ן טהעע האבען אלע מיט א מאל זיך גענומען איילען. קוים וואס זיי האבען זיך אבגעהאלטען פון לויפען. מען איז זיך צוגאנ־גען איבער די צימערן, ווער זיך סוד'ען און ווער זיך פערנעהמען מיט עפעס.

סאשא האט זיך געזעצט נעבען איהר בעט. זי האט נאך אלץ זיך ניט געקענט צוגעוועהנען צו די שארשיג־ברוינע קאלירען פון די בעטען און צו די גערדע טויטע קנייטשען פון די קאלדרעס. פערוואונדערט און נייגיעריג האט זי געקוקט, ווי איהרע חבר'טעס נעהמען זיך צו רעכט מאכען. זיי זיינען געווען אין די זעלביגע, משונה'דיגע אומגעלומפערטע קליידער, נור אלע האבען זיך ווי אונ־טערגעפוצט: די טאליעס דינער געמאכט און זארגפעלטיגער זיך פערשפילעט. די בלאנדע מיט דעם שעהן קול'כעל האט זיך אראב־געלאזען א לאק איבער'ן שטערן און עס איז געווען א חיות צו קו־קען אויף איהר. און די פרוי מיט'ן קיילעכדיגען בויך האט אריינגעפלאכטען אין איהרע קאלירלאזע, שיטערע האאר א בלוי בענ־דעל. און דאס בענדעל האט אזוי נאאיוו און ציטעריג און אזוי ניט

אין טאקט צו דער פינור און בעוועגונגען פון דער פרוי, ארומגע־טאנצט אויף איהר קאָפּ.

„עס הויבט אפילו ניט אָן צו טויגען!“ — איז סאשא'ן דורכ־געפלויגען איבער'ן קאָפּ.

די בלאָנדע האָט א שמייכעל געטהאָן, כאַפּענדיג דעם בליק, וואָס סאשא האָט געוואָרפען אויף דאָס בלוי בענדעל.

סאשא האָט אָבגעענטפערט מיט א לוסטיגען שמייכעל.

— אַך, זייט איהר א שעהנינקע! — האָט סאשא מיט אויפ־ריכטיגער ענטציקונג צו איהר א זאָג געטהאָן.

— אמת? — האָט די בלאָנדע זיך אָבגערופען מיט א קורץ הייזעריג געלעכטערל.

—אויף נאמנות! — האָט סאשא זיך צושמייכעלט — איהר דארפט נור אן אנדער קלייד האָבען אויף זיך... וואָלט איהר שוין גאָר א פופע געווען... איך האָב איינס אזא רויט קלייד, אָט דאָ...

סאשא האָט אויפגעהויבען די האנד אום איהר צו ווייזען, אָבער זי האָט זיך פּלוצלינג פערכאפּט און איז אנטשוויגען געוואָרען. איהרע אויגען האָבען געפינטעלט פערלאָרען און צומישט.

„טאָר מען ווענען דעם דערמאָהנען?“ — האָט זי זיך פאַר־געוואָרפען. עס איז איהר אָנגעקומען שווער צו אונטערדריקען אין זיך דאָס רחמנות צו דעם רויט קלייד און דעם וואונש צו דער־צעהלען וועגען איהם.

די בלאנדע האָט סאשא'ן ניט פערשטאנען און האָט געוואָלט איבערפרעגען, אָבער אין דער מינוט האָט זיך געעפענט די טהיר, די אויפזעהערין האָט אויף א רגע דורכגעשטעקט איהר געלען קאָפּ און שארף און אָבגעהאקט, ווי די טהיר וואָלט א סקריפּע געטהאָן, האָט זי אויסגעשריען:

— פאלינאָווא... צו אייך.

פאלינאָווא איז דאָס געווען די פרוי מיט'ן גרויסען בויך. קענ־טיג געווען, אז כאָטש זי האָט זיך אָנגעטשעפּעט א בענדעל, דאָך האָט זי ניט ערווארט מען זאָל צו איהר קומען. זי האָט קרענקליך אויפגעשווידערט און א צוטומעלטע זיך גענומען ווארפען אהין און אהער. געכאַפּט מיט די הענד און געצופּט דאָ דאָס

קלייד און דאָ דאָס בענדעל. איהר אויסדרוקלאָז געזיכט איז בלייך געוואָרען און איהרע מאטע, בלויע אויגעלאך האָבען אָבגעשפיגעלט א תמ׳עוואטען, נעביכדיגען שרעק.

— נו? — האָט די אויפזעהערין אויסגעשריען און איהר קאָפּ האָט זיך ארויסגעגליטשט.

פאלינאָווא איז ארוים נאָך איהר, איילענדיג און פּלאָנטערנדיג זיך, מיט דעמזעלביגען צוטראָגענעם געזיכט, און סאשא׳ן האָט זיך אויסגעוויזען, אז געהענדיג האָט זי קורצע און שנעל זיך איבערגע־צלמ׳ט.

—דאָך געקומען — האָט די בלאָנדע א זאָג געטהאָן, און איהר קול האָט אויסגעדריקט אי מיטגעפיהל, אי שפּאָט.

די געשטופּעלטע האָט זיך אָבגערופען מיט איהר גלייכגילטיגען באסאָווען קול:

— סיי ווי סיי אין דר׳ערד... ער וועט ניט חתונה האָבען... א נויט איז איהם!... און זי איז א נאר!

דאָ ערשט האָט סאשא בעמערקט, אז די געשטופּעלטע איז די איינציגע געוועזן, וועמען עס איז אפילו ניט איינגעפאלען צו צופּוצען זיך. זי איז זיך געזעסען אונבעוועגליך אויף איהר בעט, עס ארונ־טערדריקענדיג מיט איהר משונה־שווערען קערפּער.

און ווידער האָט די טהיר זיך געעפענט, און ווידער האָט א סקרי־פּע געטהאָן דער טרוקענער קול:

— איוואנאָווא.

די בלאָנדע האָט זיך אויפגעהויבען און זיך צולאכט.

— וואָס איז דער געלעכטער מיט אייך? — האָט די אויפזע־הערין טרוקען און פערדעכטיג געפרעגט.

איהר האָט אלעמאָל געערגערט און אפילו בעליידיגט, ווען אָט די פרויען, וועלכע זי האָט געהאלטען אָהן א שיער נידריגער פון זיך און אונווירדיג צו אטהעמען אויף דער וועלט, ווען אָט די פרויען האָבען זיך ערלויבט צו לאכען אָדער צו מאכען אפילו א מונטערע מינע.

אָבער די בלאָנדע האָט אויף איהר ניט געקוקט און אלץ גע־

לאכט. זי האָט זיך צורעכט געמאַכט די האָר און איז אַרויס פון צימער.

דערנאָך האָט מען אַרויסגערופען סורטיקאָווא, דיזעלביגע, דיקע, מיאוסע פרוי, וואָס האָט ביי נאכט אזוי אונערטרעגליך געכראָפּעט; נאָך שפּעטער: קאָך, א בלייבע, מאָגערע מיידעל, מיט א בראַדעווקע אויפ׳ן לאנגען האלז. זיי זיינען אוועק, און אין צימער איז געוואָרען נאָך פּוסטער און שטילער. די לופט איז געווען ריין ביז גאר, און יעדעס פּיצעלע קלאַנג האָט מאָדנע שאַרף אָבגעהילכט פון ווינקעל צו ווינקעל און דאָס האָט נאָך פערשטאַרקט די שטילקייט און פּוסטקייט.

די געשטופּעלטע איז געזעסען אונבעוועגליך מיט׳ן רוקען צו סאַשא׳ן, און נאָך איהר ברייט־ביינערדיגען, שטראָם־בעצווינגענעם דיקען רוקען איז שווער געווען צו זאגען צו זי דרעמעלט, צו זי קוקט ארויס צום פענסטער.

סאשא האָט זיך אויך ווי געהיט צו געבען זיך א ריהר און זי איז אויך געזעסען שטיל. און עס איז געווען עפּעס מאָדנע רחמנות־דיגעס אין אָט דער אונבעוועגליכקייט און שטילקייט פון צוויי לעבעדיגע מענשען, אין אָט דעם ליכטיגען, ריינעם צימער. און סאַשא׳ן האָט גענומען דריקען אן אונבעשטימט שווער געפיהל.

זי האָט זיך גענומען דערמאָהנען, וואָס זי האָט געטראַכט היינט ביינאכט, אָבער עס איז ארויסגעקומען אזוי אָהנמעכטיג בלייך. זי האָט זיך געוואָלט צווינגען מיט געוואַלט איבערצורופען יענעם העלען פרייד־געפיהל, וואָס האָט אזוי מעכטיג און לייכט דורכגענומען איהר נשמה, ווען זי, אין דער פינסטערניש פון דער נאכט, האָט זיך פערשטעקט געהאט אונטער דער הארטער, דונקעלער קאָלדרע. נור ארום איהר איז איצט ליכטיג געווען מיט א בלאַסען ליכט און פּוסט געווען מיט א שווייגעדיגער פּוסטקייט, און אויך איהר נשמה איז איצט געווען בלאַס און פּוסט. סאשא האָט זיך צורעכט געמאכט אויפ׳ן בעט, צונויפגעלעגט די הענד אויף די קניה, גענומען דרעהען א האָר, דערנאָך שטיל און פאַרזיכטיג זיך צוגענעצט, און איהר איז געוואָרען אַלץ שווערער און לאַנגווייליגער.

די נעשטופּעלטע האָט זיך אַ ריהר געטהאָן און, ניט אומקעהרענדיג דעם קאָפּ, האָט זי געפרעגט:

— און צו דיר וועט מען קומען?

איהר קול האָט אָבגעהילכט הייזעריג און דומפּיג.

סאשא האָט אויפגעציטערט און איילינ אָבגעענטפערט:

— איך ווייס ניט... — און זיך אליין פערוואונדערט.

„ווער וועט צו מיר קומען?" — האָט זי מיט שטילען אומעט, ווי זיך קלאָגענדיג, אַ טראַכט געטהאָן, און אַזוי העל און דייטליך האָבען זיך פאַר איהר פאַרבייגעטראָגען פּאָליא, די נעשטופּעלטע, און די רויטע פּאשאַ און אַנדערע בעקאַנטע פּנים'ער. זי האָט אָבגעזיפצט.

די נעשטופּעלטע האָט עפּעס אַ זאָג געטהאָן.

— וואָס? — האָט סאשא פאַרזיכטיג איבערגעפרעגט.

— צו מיר וועט שוין קיינער ניט קומען... איך ווייס שוין, — האָט די נעשטופּעלטע איבערגע'חזר'ט מיט אַ מאָדנעם אויסדרוק — צי פון פערביטערטקייט, צי פון חוזק...

סאשא האָט ברייט געעפענט די אויגען, הילפלאָז געקוקט אויף איהר ברייטען רוקען און ניט געוואוסט, וואָס צו זאָגען.

— הייסט עס... איהר האָט קיין קרובים ניט? — האָט זי אונזיכער, ווי פאַר זיך, אַ זאָג געטהאָן.

די נעשטופּעלטע האָט געשוויגען.

— וואָס הייסט ניט?... וויפיעל דו ווילסט... קוזינען, רייכע, ליבליכע ברידער, שוועסטער.

— טו פאַר וואָס זשע?

— אַט פאַר דאָס..

זי האָט מיט הארץ אָבגעריסען און אַנטשוויגען געוואָרען.

און דאָ האָט די טהיר ווידער אַ סקריפּע געטהאָן, און ווען סאשא האָט שנעל זיך אומגעקעהרט, האָט די געלע קאָפּ געקוקט גלייך אויף איהר. עפּעס אַ ווייטע, נאָך גאָר אונבעשטימטע, אָבער שוין אַ פריידיג זיך רויטלענדע האָפנונג איז אויפגעגאַנגען אין סאשא'ס ברוסט.

— קאזאדאיעווא... צו אייך... — האט די אויפזועהערין אומ־געערדט.

סאשא איז אזש אונטערגעשפרונגען, און דאס הארץ האט גע־נומען קלאפען, און גלייך איז איהר געקומען אויפ׳ן געדאנק, אז דאס מוז זיין א טעות.

— צו מיר? — האט זי מיט אן אבגעריסענעם קול איבערגע־פרעגט און מאדנע געשמייכעלט.

עס האבען זיך פארביינעטראגען פאר איהר אלע בעקאנטע פנימ׳ער פון „הויז“.

— יא, שוין צו אייך, — האט די אויפזועהערין אונבעשטימט געענטפערט און איז ניט אוועקגעגאנגען, ווי פריהער, נור געווארט אין טהיר, ביז סאשא איז איהר פארביינעגאנגען.

זי האט געמאכט אזא פנים, ווי זי וואלט סאשא׳ן געזעהן צום ערשטען מאל. זי האט זיך אלץ עפעס געוואונדערט און ניט געוואלט גלויבען. און סאשא׳ן, די גאנצע צייט, וואס זי איז געגאנ־גען איבער׳ן קארידאר, האט זיך אלץ געדוכט, אז אט אט וועט זי צו איהר א געשריי טהאן: „וואוהין?... און דו האסט אויך אן אמת געמיינט, אז מען וועט קומען צו דיר? מארש צוריק!“

אבער די אויפזועהערין איז געגאנגען הינטער איהר און גע־שוויגען. די קנאפעל פון איהרע טופלעס האבען הילכיג אבגעקלאפט איהרע טריט.

שוין גאר א פערציטערטע, אן אונענטשלאסענע איז זי אריין אין די אפענע טהיר פון עמפפאנגס־צימער, און אין דער ערשטער רגע האט זי גארנישט געקענט געניי אונטערשיידען, זי האט נור בע־מערקט: דריי פענסטער, שווארצע שטוהלען, א גלאנציגען פארקעט און א מאסע מענשען אין צימער.

אבער באלד האט זיך איהר געווארפען אין די אויגען א סטו־דענטישער מונדיר און א בעקאנט געזיכט. ווי עפעס וואלט איהר א הויב געטהאן, און אלץ האט זיך גענומען מישען, שווינדלען פאר איהרע אויגען, און עס האט א ציטער געטהאן און אין א רגע זיך צולאפען. אויף דער גאנצער וועלט איז איבערגעבליבען איין, עט־

וואס רויטליכעס, רייצענד שעהנעס, אונענדליך־ליעבעס, שמייכ־לענדעס געזיכט איבער א הארטען, בלויען קראגען.

דער סטודענט האט אונגאטירליך געשמייכעלט און געמאכט עטליכע טריט איהר אנטקעגען.

— נו, גוט מארגען... דיר... אייך... — האט ער ארויסגערעדט אונענטשלאסען.

סאשא האט געוואלט ענטפערען, אבער דער אטעם האט זיך איהר אבגעהאקט, נור זי האט פערשטאנען, און דאס ווי דורך א נעבעל, אז ער שטרעקט צו איהר די האנד. אומגעלומפערט און צוטראגען האט זי אנטקעגען געטראגען איהרע, און איהר האט זיך אבגעדוכט, אז זי האט איהר האנד אבגעלעגען, אזוי אונבעקוועם און שווער איז איהר אנגעקומען.

— נו, צו וואס שטעהן... מיר'ן זיך זעצען... — האט דער סטו־דענט ווייטער געזאגט, און ער איז דער ערשטער אבגעגאנגען אין א ווינקעל און זיך צוגעזעצט.

זי האט איהם נאכגעאיילט און זיך געזעצט נעבען איהם, נור עפעס אזוי ווי מיט איין זייט. און עס איז איהר ווידער געווען אונבעקוועם, אזש ביז וועהטאג, נור זי האט עס ניט געמערקט.

אלע האבען געקוקט אויף איהר און אויף דעם סטודענט נייגיעריג און פער'חידוש'ט, ווייל אהער אין אנשטאלט, צו די געווע־זענע פראסטיטוטקעס, זיינען קיינמאל ניט געקומען אזעלכע מענ־שען. בלויז איין איוואנאווא, די בלאנדע, האט געשמייכעלט און, פינטלענדיג מיט די אויגען, האט זי ניט ארבגענומען איהר בליק פון דעם שעהנעם סטודענט.

דער סטודענט איז געווען אין פערלעגענהייט; ער האט מיט אלע כוחות געזוכט עס צו בעהאלטען, ניט געקוקט אויף סאשא'ן, ניט געוואוסט, וואס צו טהאן, און ער האט בשעת מעשה אפילו א טראכט געטהאן:

„צו וואס אייגענטליך בין איך געקומען?"

אבער באלד האט ער זיך דערמאהנט, אז ער בעגעהט א גוטע, וואוילע, איידעלע טהאט, און ער איז געקומען צו זיך. אפילו דער

געוועהנטער אויסדרוק פון זיכערהייט און זעלבסט־צופריעדענהייט האָט זיך בעוויזען אויף זיין געזיכט.

— נו, אַט זייט איהר שוין אויף אייער נייעם וועג! — האָט ער אָנגעהויבען מיט א צו שעהנער פראזע. אונבעוואוסט פאר זיך האָט ער מיט אַלץ — מיט'ן קול, מיט דעם מאנער, ווי ער האָט גערעדט, און מיט דעם האלב שפּאָטישען און גנעדיגען געזיכט, אונ־טערגעשטראָכען פאר אַלעמען, אז ער אייגענטליך האָט נישט מיט דער פרוי און קען ניט האָבען גאָרנישט געמיינזאמעס, און אז אויב ער איז געקומען אהער, איז עס נור זיינער א קאפּריז, א פאנטאזיע פון זיין „איך", וועלכער איז אונענדליך פריי פון פאראורטיילע. און איהם האָט זיך אַלץ געדוכט, אז דאָס איז ניט גענוג קלאָהר פאר אַלעמען, און ער האָט געוואָלט, אז אלע זאָלען עס זעהן.

אין איהר אומגעלומפּערטען, משונה'דיגען קלייד, ניט פער־פלאָכטען און ניט געפּארבט, איז סאשא איהם פאָרגעקומען, ווי גאָר א פרעמדע, פיעל ערגער סיי אין געזיכט, סיי אין פיגור.

— יא, — האָט סאשא אָבגעענטפערט מיט אזא קול, פּונקט ווי אין מויל ביי איהר וואלט געלעגען א קלעפּיג־שווערע מאסע.

— איז דאָס טאקע זעהר פיין... פון איך — האָט דער סטו־דענט נאָך העכער און גנעדינער ארויסגערעדט. קוקענדיג אויף סאשא'ן, האָט ער דערפיהלט, ווי עס וואָלט איהם פערדראָסען, וואָס סאשא איז אזוי פערגרעבט און פערערגערט געוואָרען.

„אגב, איז זי איצט אויך גאָר ניט שלעכט", — האָט ער צו זיין טרויסט א טראכט געטהאָן. און כאפּענדיג זיך ביי דעם גע־דאנק, האָט ער וועהטאָגדיג זיך אויסגעמוסרט: „אי ביזטו קיין עין הרע א טויגעניכטס!"

דאָס איז ניט געווען קיין אויפריכטיגער געדאנק, ווארום מעהר פון אַלץ אין דער וועלט איז ער געווען איבערצייגט, אז ער איז שוין גאָר קיין טויגעניכטס ניט. אָבער דאָך איז דער געדאנק גענוג געווען, ער זאָל ווערען פראָסטער און הארציגער.

— ווען איהר וועט וואָס דארפען, טו זאָגט — האָט ער איי־לענדיג גענומען ריידען — ד. ה. שרייבט מיר אָן... ווייל איך וועל

אפשר... ניט אזוי גיך... אָדער ווי דאָרטען... איך וועל אייך געבען מיין אדרעס... מאלע וואָס עס מאכט זיך... אָט...

ער האָט ארויסגעכאפּט זיין פּאָרטמאָנע, וואָס איז סאשא׳ן שוין גוט בעקאנט געווען, און ארויסגעקראָגען זיין וויזיט־קארטע.

סאשא האָט איהר אונזיכער אין האנד גענומען, איהר געהאלטען, ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן דערמיט און וואָס צו זאָגען.

— א דאנק... — האָט זי קוים ארויסגעבראכט.

„דמיטרי ניקאָלאיעוויטש ראָסלאוולעוו" האָט זי מעכאניש דורכגעלעזען מיט די אויגען.

און פּלוצלינג, ווי איינער וואָלט איהר א זעץ געטהאָן איבער׳ן קאָפּ, האָט סאשא מיט שרעק א טראכט געטהאָן.

„וואָס זשע טהו איך... ער וועט דאָך באלד אוועקגעהן!"

און איילענדיג און פּלאָנטערנדיג האָט זי גענומען רעדען:

— איך בין אייך זעהר, זעהר דאנקבאר... ווארום ווי איהר האָט מיך... פון אזא לעבען...

— נו יא, נו יא... — האָט דער סטודענט זיך א כאפּ געטהאָן, אָן אָנגעצונדענער, אָבער דאָס מאָל שוין פון א גוטען, אָנגענעהמען און שטאָלצען געפיהל... — איהר מעגט מיר גלויבען... אז איך האָב אייך אלעמאָל געוואונשען גוטעס... און ווינש אייך איצט, און בין תמיד גרייט...

„וואָס אייגענטליך גרייט?" — האָט ער זיך א פרעג געטהאָן און נעגען זיין ווילען איז איהם פּלוצלינג געקומען אויפ׳ן געדאנק אזא ענטפער — א ציניש‍ער, אונפערשעהמטער, — אז ער האָט זיך פערשעהמט און דערפיהלט אן עקעל.

„ניין, איך בין טאקע א שרעקליכער טויגעניכטס!" — האָט ער מיט אמת׳ער פערצווייפלונג, אָבער דאָך קוים איינהאלטענדיג זיך פון א ניט ווילענדיגען שמייכעל, א טראכט געטהאָן. און דאָס איז געווען אזא פיינליכער געפיהל, אז ער האָט ניט בעמערקט, ווי ער האָט זיך אויפגעהויבען.

סאשא האָט זיך שנעל נאָך איהם אויפגעהויבען און איהר געזיכט איז געווען נעביכדיג־דערשלאָגען.

„ער וועט אוועקגעהן, אוועקגעהן... נאר, וואָס דו ביזט... אָה,

נאט מיינער!..." האט עס איהר א צופ געטהאן ביים הארצען.

זי האט מיט'ן גאנצען אינערן געפיהלט, אז מען מוז עפּעס זאגען, עפּעס אויסערגעוועהנליכעס, און זי האט לחלוטין ניט גע־וואוסט וואס.

און אין דער מינוט האט זיך איהר אויסגעוויזען, אז אויב זי וועט עס ניט זאגען און ער וועט אוועק, וועט אלץ ערגעץ פער־שווינדען, און עס וועט בלייבען א פוסטע, טויטע קאלטקייט...

— איז ווען נור עפּעס... האט איהר אן אויספיהרליכען אדרעס

— האט דער סטודענט געמורמעלט און האט אויסגעשטרעקט די האנד, שוין אביסעל צו הויך, אז סאשא זאל זי אננעהמען.

סאשא האט זיך אנגעריהרט צו זיין האנד מיט איהרע קאל־טע פינגער און האט קוים בייגעקומען א פערלאנג א כאפּ צו טהאן איהר מיט איהרע ביידע הענד און מיט אלע כוחות זיך צודריקען צו איהר.

— צום ווידערזעהן, — האט דער סטודענט ארויסגערעדט.

— אדיע — האט סאשא געענטפערט און זיך באלד א כאפּ געטהאן צוריק: צום ווידערזעהן...

און זי איז בלייך געווארען.

דער סטודענט איז אונענטשלאסען, מיט א בליק אויף איהר, ארויס פון צימער.

זי איז איהם נאכגעגאנגען; זיי זיינען ארויס אין קארידאר און אויפ'ן טרעפּ.

— איז אויב... — האט דער סטודענט אנגעהויבען און אנט־שווינגען געווארען. ער האט בעמערקט, אז ער קלייבט זיך איבער־זאגען דאס זעלביגע, וואס פריהער.

פּלוצלונג האט סאשא איהם א כאפּ געטהאן ביי דער האנד, און איידער ער האט נאך בעוויזען זיך צו בעטראכטען, וואס דאס איז, האט זי איהר צוגעדריקט צו איהרע ליפּען, און אבגעלאזען און ווידער זיך צודריקענדיג מיט איהרע ווייכע, זאפטיגע ליפּען, האט זי איהר א קוש געטהאן.

— וואס טהוט איהר! — איז דער סטודענט רויט געווארען.

דאָס איז געווען אַ נײַ אָנגענעהם געפיהל, וואָס האָט אָבער געהאט אין זיך עפּעס זינדיגעס.

— קאָזאָדאָיעווא! וואוהין? — האָט די אויפזעהערין פון אויבען אראָבגעשריען — דאָס טאָר מען נישט!

פון אויפרעגונג איז בײַ איהר ארויסגעקומען: „ניסט!"

— איך וועל נאָך קומען... בעשטימט קומען, — האָט דער סטודענט אײַלענדיג געמורמעלט. דאָס בלוט איז איהם געשטאַנען אין פּנים און ער איז געווען ווי צומישט, ער האָט עפּעס מאָדנע מורא געהאט פאר דער אויפזעהערין. ער האָט פעסט אַ דריק געטהאָן סאשא'ס האנד.

סאשא האָט געשוויגען און געקוקט אויף איהם מיט אונזיניגע, פאר גרויס גליק, נאַסע אויגען.

— שוין צוריק זאָלט איהר געהן! — האָט די אויפזעהערין געשריען.

ווען דער סטודענט איז געגאַנגען איבער דער גאַס, איז בײַ איהם געווען אַ מאָדנער געפיהל: ווי ער וואָלט האָבען געטהאָן ניט דאָס, וואָס ער האָט געדארפט טהאָן; אין הארצען האָט ער געשפּירט אַ מין צורודערטע פוסטקייט, מיט עפּעס אַ לײַכטען צו־מיש פון פערדרוס; מיט דעם זעלביגען געפיהל האָט סאשא אי־בערגעלאָזען די ווײַנענדיגע ליובקא בײַ דער פּיאַנאָ. בײַ איהם איז דאָס געפיהל געווען פײַנליכער און בעוואוסטזיניגער.

„אָבער איך האָב דאָך איהר בעהאנדעלט פײַן... און אין אל־געמײַן... קײנער, — האָט ער מיט פערגניגען אַ טראַכט געטהון, — קײנער... פון מײַנע... בעקאַנטע וואָלט אַזוינס ניט געטהאָן!"

ער איז געווען אויפריכטיג זיכער אין דעם, און דער געדאנק האָט איהם דערפרעהט און בערוהיגט.

6.

פונקט ווי בײַ דער ווײַט גרעסטער מעהרהייט מענער הויבט זיך די ליעבע אָן פון פּשוט'ען פיזישען פערלאַנג, אַזוי הויבט זי זיך בײַ פרויען אָן פון אידעאַליזירען די מעלות פון די מענער, און וואָס מעהר די פרוי איז מאָראַליש ערנידריגט און בעליידיגט, אלץ

געניינטער איז זי צו אידעאליזירען און צו ליעבען. דאָס, וואָס אויסגעלאָסענע פרויען ליעבען זעלטען אויפריכטיג, נעהמט עס זיך דערפון, וואָס די מענער טרעטען צו צו זיי אזוי, אז עס בלייבט קוים פלאַץ פאַר אַנדערע געפיהלען, אויסער די סאַמע גרעבסטע. און דוקא ביי די יעניגע פון זיי, וועמען עס איז ניט אויסגעקומען צו ליעבען, איידער זיי זיינען געזונקען, דריקט זיך אויס נאָכדעם די דאָזיגע פעהיגקייט צו אידעאליזירען און ליעבען אין א פיעל ריינערער און שטאַרקערער פאָרם, ווי ביי די אזוי גערופענע אָרענטליכע פרויען, וועלכע ערוואַרטען זייערע מענער רעגעלמעסיג און מוזען רעגעלמעסיג צופען זיך די נשמה אום ארויסצוקריגען ליעבע.

ווי נור דער סטודענט האָט ארויסגעוויזען זיין אויפריכטיג־מענשליכען אינטערעס צו סאשאַ'ן — אזא אינטערעס צו זיך האָט זי קיינמאָל אין לעבען ניט בעגעגענט — האָט תיכּף די אונטערדריקטע ליעבעס־בעדערפנים זיך אָבגעלעבט, איהר פערכאפּט און איבערוועלטיגט און זיך אויסגעגאָסען אין אן אונענדליך אונטערטהעניגע פערגעטערונג פון דעם מענשען, וועלכער איז איהר פאָרגעקומען אלס דער בעסטער מענש אין דער וועלט. אלץ אין איהם — פון קול, האָר און מונדיר ביז דעם זינן פון זיינע רייד און האנדלונגען — האָט זיך איהר אויסגעוויזען אזוי איבערמענשליך שעהן און איידעל, אז די נשמה איז איהר שיער ניט ארויסגעשפּרונגען פאר זיסער, קינדערשער התפּעלות...

זי איז אריינגעקומען צוריק אין עמפּפאנגס־צימער, זיך וואַקלענדיג ווי א שכור'ע, מיט דעם זעלביגען גליקליך־אונזיניגען שמייכעל אויפ'ן געזיכט. די שטראָף־רייד פון די אויפזעהערין האָט זי כמעט ווי ניט געהערט.

— דאָס איז וואָס אונערהערטעס! איהר האָט, דאכט זיך, זיך איינגעבילדעט, אז מען האָט אייך גענומען אהער אויסשליסליך פאר אייער פערגניגען? פאַר אייערע ליעבעס האָט איהר געקענט גאנץ גוט בלייבען... אין אייער ערהאבענעם אינסטיטוט! — האָט די אויפזעהערין געשריען מיט כעס און שפּאָט.

אין עמפּפאנגס צימער זיינען ווי פריהער געווען א סך מענשען און זיי האָבען זיך פארבייגעטראַגען פאַר סאשא'ן, ווי עפּעס

גאָרניט אריינדרינגענדיג אין איהר בעוואוסטזיין. אָבער ווען זי איז שוין געווען אין טהיר, האָט זי דערהערט אזא געשריי, אז זי איז שטעהן געבליבען א פערשטיינערטע.

עס איז געוואָרען א מהומה.

— דו געמיינער שופט דו, שופט — האָט די קליינע, מאָגערע פאלינאָווא, מיט'ן אראָבהענגענדען בויך, היסטעריש געשריען.

איהרע שיטערע, קאָלירלאָזע הערעלאך האָבען זיך צופאטעלט, דאָס בלוי בענדעל איז איהר אראָבגעפאלען אויפ'ן שטערן, און דאָס פנים האָט זיך בעדעקט מיט רויטע פלעקען. אויסער זיך פאר צאָרן האָט זי מיט'ן גאנצען קערפער זיך געוואָרפען אויף א קליינ־געוויקסיגען מאנכּפּארשוין אין א שווארצען רעקעל און אלץ זיך געצויגען מיט איהרע לאנגע, צוקרימטע פינגער צו זיין טונקעלען פנים מיט די פלינקע לויפענדע אויגעלאך. דער מאן אין שוואר־צען רעקעל האָט איהר לייכט צוריקגעהאלטען מיט'ן עלענבויגען, האָט זיך קנאפ וואָס געגומען צום הארצען, כאָטש ער האָט געפּרובט מאכען א מינע פון פערלעגענהייט. אדרבא, ער איז ווי גאָר צו־פריעדען געווען פון סקאנדאל.

— געלאָסענער, געלאָסענער... שטילער אביסעל, אוודאָטיא סטעפאנאָוונא, בעדענקט זיך... אין אזא פלאץ! — האָט ער מיט א שפּאָטיש קול'כעל געערדט און איז אָבגעטרעטען צו דער טהיר.

— רוצח!

— וואָס? וואָס אזוינס? אזא מיאוס'ע חוצפה!... פאלינאָווא! ווי וואג... שוויינען זאָלט איהר!... — איז די אויפזעהערין אויף־זי ארויפגעפאלען.

— איך קען ניט שוויינען! — האָט פאלינאָווא פערצווייפעלט געיאָמערט — ער... האָט מיך אומגעבראכט, דער מערדער! צו מיר אלץ געטענה'ט: ווארף דאָס דאָזיגע לעבען, איך וועל דיך מאכען גלוקליך... און געלד גענומען!

— וואָסערע געלד! — האָט די אויפזעהערין זיך א כאַפּ געטהאָן.

עס איז געוואָרען ארום א געדרענג, מאנכע האָבען זיך אפילו אויף די שטוהלען געשטעלט, אום בעסער צו זעהן.

דאַ האָט זיך דער בעל הבית'ל אין רעקעל זיך שוין פערלאָרען, דער שפּיץ נאָז איז איהם רויט געוואָרען און די אויגעלאך האָבען זיך גענומען בעוועגען אראָב צו.

— זאָגען קען מען אלץ — האָט ער געמורמעלט, דרעהענדיג מיט די אויגען פון אונטער די ברעמען.

— וואָסערע געלד? מיין געלד!... בלוטיגע דריי הונדערט רו־בעל! ביז א גראָשען... — האָט פּאלינאָווא געכליפּעט און געיאָ־מערט און מיט די פינגער האָט זי נאָך אלץ אזוי נאריש געפיהרט פאר זיין פּנים, ווי זי וואָלט זיך געקליבען זיי ארייןלאָזען אין זיין שלעכט געשווירען בערדעל.

— ער האָט ביי איך פערנומען דריי הונדערט רובל? ווען?

פון געדרענג ארויס האָבען זיך דערהערט אי לאַכענדע, אי ענ־טריסטעטע שטימען.

— ער טאַקע... א מיתה משונה אויף איהם... חתונה האָבען צוגעזאָגט... דערויף אויף דאָס געלד גענומען!... דו געה, זאָגט ער, אין אויסבעסערונגס היים, די שאנדע... די שאנדע אָבצוואַשען, און איך וועל דערווייל א קליינעל עפענען... און דערנאָך... אויס־גענארט! — האָט זי פלוצלינג אויסגעגרילצט און אויסגעפּאטשט מיט די הענד און אויף א מאָל, ווי א זאק, זיך אראָבגעלאָזט צו די פיס פון די מענשען, וואָס האָבען איהר ארומגערינגעלט.

— אי, טאטעלאך מיינע!

— אָט האָסטו דיר א געשיכטע!

— עי, יונגערמאַן, וואָס איז דאָס! — האָט דעם בעל־בית'על אָנגעכאפּט ביים קאָלנער מיט א פרעהליך־בייזער מינע א פּולער, גוטגעקליידעטער מאַן, מיט א בלאַנד בערדעל, דערזעל־ביגער, וואָס איז געקומען צו דער איוואַנאָווא.

דער בעל־בית'על האָט בייז זיך ארומגעקוקט און זיך ארויס־געדרעהט מיט א גליטשיגער בעוועגונג פון זיינע דינע אקסלען.

— און איהר כאפּט זיך נים! — האָט ער מיט רוגזא גע־מורמעלט — איך דארף ניט אויסשטעהן איהרע בלבולים... חתונה האָבען האָב איך טאקע אפשר געוואָלט... וואָס איז דאָ צו ריידען... ווייל איך האָב אזא געפיהל געהאט... אָבער... אלע לאַכען פון מיר:

מיט אזא און אזא וועסטו חתונה האבען!... האבען מיר אויך א שטיקעלע זעלבסטאכטונג... ווער האט עס חשק אויסצושמירען זיך!

פאלינאווא, וועלכע איז געזעסען אויפ'ן דיל מיט א טעמפען, צוטומעלטען בליק, האט מיט א מאל זיך א ריס געטהאן און מיט אלע קרעפטען זיך איינגעקלאמערט אין דער פאלע פון זיין רעקעל, אבער יענער איז קונציג אבגעשפרונגען, און פאלינאווא האט מיט א הילכיגען קלאפ זיך אויסגעצויגען מיטביידע הענד איבער דעם גלאטען, געפארבטען דיל.

— מערד... — האט זי געכריפעט ליגענדיג אויף אלע פיער.

— אבער געלד האסטו גענומען? — האט דער בלאנד־בער־דיגער הערר ניט אבגעלאזען.

דער בעל־בית'על האט זיך פלוצלונג פער'ברוגז'ט אנגעבלאזען.

— און וואס איז אייער עסק? — האט ער מיט א העזה'דיג געלעכטערל זיך אבגערופען — האט איהר געזעהן? און אז ניט געזעהן, טו שטעקט זיך ניט!... און ווען אפילו יא, אז זי האט עמיצען אבגעגעבען איהר קאפיטאל, איז אויף דעם געוועז איהר גוטער ווילען... איך, זי ליעבענדיג, האב אפשר איבערגעטראגען צו איהר מעהר ווי דריי הונדערט קערבלאך...

— לייגנסט, לייגנסט, דו שופט — האט פאלינאווא געכריפעט שוין ווי אהן א קול... — אליין אלץ געצויגען פון מיר... מערדער!...

פלוצלינג איז זי אנטשוויגען געווארען, צונויפגעדריקט די צייהן און האט אנגעשטעלט אויף אלעמען אזא משוגה'דיגען, תמ'עוואטע־פער'חידוש'טען בליק, אז אלע האבען זיך פון איהר א רוק געטהאן. אפילו דער בעל הבית'על איז פאר פחד אנטשוויגען געווארען.

— וואס איז מיט דיר? — האט איוואנאווא זיך צוגעבויגען צו איהר.

די צייהן האבען ביי איהר געקלאפט, די הענד האבען קרעמפ־פענדיג זיך געשטרעקט איבער'ן דיל; פלוצלינג האט זי זיך א כאפ געטהאן פאר'ן בויך און גענומען שרייען מיט א שניידענד, קוויטשיגען קול.

— אָבער זי געהט דאָך צו קינד! — האָט איינער אויסגע־שריען און ווילד נאריש זיך צולאכט...

אַלע מיט אַמאָל האָבען גענומען ריידען און זיך רודערן. יע־דער איז אַרויסגעקומען מיט זיין עצה אָדער בעדויערן. עמיצער איז מיר־נישט־דיר־נישט געלאָפען נאָך וואסער. דער הערר מיט דער באָרד האָט נאָך אַמאָל געוואָלט אַ נעהם טהאָן דעם בעל־הבית'על פאַר'ן קאָלנער, אָבער יענער האָט אויסגעשפּיגען, אָנגעטהאָן דאָס היטעל דאָ גופא אין צימער און איז אַרויס מיט אַ בעליידיגט פּנים.

— קיין בושה און קיין חרפּה! — האָט ער געמורמעלט מיט ענטריסטונג.

אויפ'ן טרעפּ איז איהם אַנטקעגענגעקומען דער הויז־וועכטער, האָט זיך אָבגעשטעלט און טעמפּ איהם נאָכגעקוקט.

7.

צום אבענד, ווען עס איז געוואָרען רוהיג און שטיל, ליכט איז אָנגעצונדען געוואָרען און אַלע זיינען זיך צוגאַנגען אין זייערע צימערן, איז סאשא געזעסען אויף איהר בעט, מיט איוואַנאָווא, דאָס שעהן פּנימ'על. סורטוקאָווא האָט ווידער, כאָטש שלאָפען האָט מען ניט געטאָרט פאַר דער פאַרגעשריבענער צייט, שטיל אונ־טערגעכראַפּעט, מיט'ן קאָפּ געשטיצט אויפ'ן טישעל. די געשטור־פּעלטע איז געזעסען אין אַן אונבעוועגליכער פּאָזע מיט'ן רוקען צו סאשא'ן, נור סאשא און איוואַנאָווא האָבען געפּיהלט, אז זי האָרכט זיך צו. קאָך איז געזעסען אין אַ ווייטען ווינקעל און האָט גענעהט עפּעס ביי אַ ליכטעל. עס איז געווען שטיל.

— אין אונזער קאַמער — האָט איוואַנאָווגא גערעדט, לאַ־כענדיג מיט די אויגען — זיינען אַלע „נייאינקע", פאַר וועלכע מען האָט נאָך ניט אויסגעפונען קיין ארבייט, אָבער ביי זיי איז דאָס גיך... אומזיסט גיבען זיי ניט קיין עסען...

— און ווי זייט איהר, הארצעלע, אהער אריינגעפאַלען? — האָט סאשא פּאָרזיכטיג געפרעגט און זיך אַליין פערוואונדערט, וואָס פאַר אַ שטילע און גוטינקע זי איז דאָ געוואָרען.

— אזוי אָט — האָט איוואַנאָוונאַ זיך צולאַכט און אַ טרייסעל געטהאָן מיט איהר קאָפּ האָר — דערעסען זיך אַרומצוטרייבען איבער די גאַסען.. מיד געוואָרען. אַבזיין דאָ אַ שטיקעל צייט, זיך אויסרוהען... און ווי מען וועט מיך שטעלען צו דער אַרבייט, וועל איך אַוועק.

— וואוהין? — האָט סאשאַ נאָך פאַרזיכטיגער געפרעגט.

— וואָס וואוהין? אָט דאָרט, פון וואַנען איך בין געקומען! — האָט איוואַנאָוונאַ אויף אַ קול און גאָר ניט געשעהמט זיך געענט־פערט.

סאשאַ האָט געקוקט אויף איהר מיט אַ קינדערשען ניט־פערשטעהן.

— וואָס זשע וואונדערט איהר זיך? מיינט איהר טאָקע אויף צונ'אמת'ן אז איך בין געקומען אהער זיך „אויסבעסערען“? — האָט איוואַנאָוונאַ זיך פערגלאָצט אויף איהר מיט אַ קאָמישע מינע.

— צו וואָס זשע זייט איהר גאָר געקומען, ווען ניט דערפאַר?

— געווים ניט תשובה צו טהאָן!... זאָל זיי גאָט העלפען, פאַר וואָס עפּעס אוועקנעהמען פון זיי זייער הייליגקייט... זי וועט זיי אויך צוניץ קומען... ווער האָט אייך אויפגענומען?

— אַ דאַמע... אַ שעהנע אזא... אַ ברונעטע... ד'וויים ניט וו...

— פאָן קרוויזע — האָט די געשטופּעלטע זיך אָבגערופען, מיט אַ דומפּיגען קול, און איז געבליבען זיצען מיט'ן רוקען צו זיי.

— אָט האָסטו — האָט איוואַנאָוואַ זיך צולאַכט, און ווי סאַ־שאַ'ן האָט זיך אויסגעוויזען, האָט זי אַזש זיך דערפרעהט — אָט די קרויזע האָט שוין פערלאָרען דעם חשבון פון איהרע געליעבטע... און זי אויך... אונז אויסבעסערען... צום טייוועל מיט זיי!.. זיי זיינען איינע פאַר דער אַנדערער זינדיגער, אויב עס איז טאָקע דאָ זינד אויף דער וועלט!..

— נו'ו, — האָט סאשאַ מיט אונצוטרויען אויסגעצויגען איהר געזיכט, נור ס'איז איהר געווען אנגענעהם עס צו הערען און זי האָט אזוי גערן געגלויבט אין דעם.

— וואָס עפּעס נו'ו!... מיט זייערע מענער הוליענען מיר, בעת זיי ראַטעווען דאָרט! ביי דער לידקע קרוויזע וואָס אַ טוא־

לעט, א טויזענדער, און אויך „ראטעווען"...! פאר די מאַנזבילכלאַך טהוען זיי זיך אָן און טהוען זיך אויס, און אויב זיי נעהמען דער־פאר קיין געלד ניט, איז עס דערפאר, וואס זיי האָבען אליין גענוג! ראַטעווען! וואָלט כאָטש געווען פון וואָס!

— וואָס הייסט? — האָט סאשא פערלעגען גערריקט מיט די פּלייצעס.

— וואָס „וואָס הייסט"? ....וואָלטען זיי בעסער פון הונגער און עלענד געראַטעוועט, ווען איך האָב אין מאַגאַזין גענעהט און גאַנ־צענע טעג דעם רוקען ניט פונאַנדערגעבויגען... און פאר פיער רו־בעל א חודש! — האָט איוואנאָווא גערעדט מיט א פערביטערט־קייט, וואס האָט אזוי מאָדנע ניט געפּאַרט זיך מיט איהר ווייך, שעהן פּנים'על.

— איך בין אויך פריהער אין א מאגאזין געווען — האָט סאשא זיך אָבגערופען מיט א שווערען זיפץ.

איוואנאָווא האָט א ווײלע געשוויגען.

— בעסער ווערען... וואָלט כאָטש געווען אויף וואס זעהענ־דיג — האָט זי ווידער גענומען ריידען און זי האָט אָבגעקעהרט דעם קאָפּ — נו, איך וועל שוין ווערען א בעסערע... נו... וואס ווייטער?

— וועט איהר דאן זיין אן עהרליכע — האָט סאשא ארויס־גערעדט מיט איבערצייגונג.

איוואנאָווא האָט מיט אזא בייזער פרעהליכקייט אויסגע־פּאַטשט מיט די הענד.

— א גדולה אויף מיר! אָט בין איך דאָך אויך געווען אן עהרליכע, ווען איך האָב געהונגערט... פון דער עהרליכקייט בין איך דאָך אויף דער גאס אַוועק! ווידער, ווילט זיך דאָך יעדען מענשען לעבען, און ניט... דעם אמת גערעדט, לעקט מען אויך אויף דער גאס קיין האָניג ניט... און ביי מיר איז גאָר קיין שמחה ניט געווען, ווען איך בין אויף דער גאס ארויס... אבער דאָך... אָט זאָגט מען מיר, אז איך בין א שעהנינקע!—האָט איוואנאָווא א שמייכעל געטהאָן.

— שוין איינמאָל א שעהנינקע, — האָט סאשא ארויסגערעדט מיט התפּעלות.

— זייט איהר א מאָדנע!... נו, און שעהנקייט איז דאָך נאָט'ס

מתנה, זאָגט מען דאָך... א ברכה... האָב איך מיט אַט דער ברכה אייביג דאָס געדארפט זיצען און טראַכטען: איך וועל פארטיג ווערען דערמיט, וועל איך איבערניצעווען דאָס קלייד פאר דער אַפיצערשע, דערנאָך פּערענדיגען דאס יאקעל, און דערנאָך נאָך... וואָס מען וועט אריינברייגגען, און זיך עלטערן און וועל אלץ יאָק־לעך ניצעווען... און אזוי ביז אין קבר אריין... און אין קבר, מסתמא, וועל איך נאָך מיט די פינגער אזוי מאַכען... און אויפ'ן צלם זאָל זיין אזוי אָנגעשריבען: אן עהרליכע געווען, אן עהרליכע גע־שטאָרבען — איך לאָז זיך שעהן בעדאנקען. דערפון וועט קיינעם ניט קאלט און ניטווארם ווערן!... כא, כא!...

סאשא האָט געשוויגען. עס איז איהר געווארען אומעטיג אויפ'ן הארצען, ווי עפּעס וואלט פערלאָשען געווארען, אבער צו דערזעלבער צייט איז איהר אויך מאָדנע לייכטער געווארען.

איוואנאָווא איז א ווײלע שטיל געבליבען און ווען זי האָט ווי־דער אָנגעהויבען, איז איהר קול געווען א מילדער, א טרוימערישער.

— איך פערשטעה נאָך, ווען עס איז דאָ פאר וועמען דאָס אלץ אויסצושטעהן... ווען מען האָט אן אויפגאבע אין לעבען.... ביי אונז אבער איז די איינציגע פרייד, וואס מיר האָבען, — איז אָנ־צוקושען זיך וואס שטארקער!

— אזוי גאָר? — האָט די געשטופּעלטע זיך אריינגעמישט אזוי אונערווארטעט, אז סאשא האָט אויפגעציטערט.

—יא, אפשר האָט עמיצער נאָך אנדערע פרייד, נו... טו זאָל ער דאנקען גאָט... זיין גליק!... לעב א טאָג! אָבער וואס פאר א פרייד האָב איך געהאט, אָדער זי — און זי האָט אָנגעוויזען אויף סאשא'ן, — אדער די קאָך?

קאָך האָט זיך אָבגעריסען פון איהר ארבייט און האָט א קוק געטהאָן אויף זיי מיט א טעמפּען, לאנגווייליגען בליק.

— הא?

די געשטופּעלטע האָט געשוויגען.

— און ווער קען דאָס פון מיר פאָדערען, אז איך, עלענדע נאַר, זאָל מיין איינציגע פרייד, וואס איך האָב — מיין שעהנ־קייט, מיין יוגענד — אזוי איינטריקענען, אז... איך זאָל געראטעוועט

ווערען? דו זאָג מיר, פאַר וואָס און פאַר ווען? דו גיב מיר עפּעס אזוינס, אז איך זאָל פון מיין ראטעווען אין זיך אזא פרייד דערפיהלען, אז מיר, דער גראטעוועטער, זאָל זיך לייכטער לעבען! אָט! אזעלכע, וועלכע זאלען פאר גאָט'ס וועגען זיך פיינינען, זיינען אפשר אויף דער גאנצער וועלט א צוויי־דריי, און דאָס אויך ניט דאָ, נור ערגיץ אויפ'ן הייליגען אפאָן... און די אלע איבריגע...

דאָ האָט דאָס גלעקעל א קרעכץ געטהאָן און זיך צושאָטען מיט א צובראָכענעם קלינגלען אין קאָרידאָר...

די קאָץ האָט זיך תיכף אויפגעהויבען, האָט זאָרגפעלטיג צוגויפגעלעגט איהר גענעה און גענומען אויסבעטען איהר בעט. אויך די סורטוקאָווא האָט זיך אויפגעכאפּט און די געשטופּעלטע האָט זיך גענומען פויל ציהען....

— און איצט שלאָפינקע געהן! — האָט איוואנאָווא זיך צולאכט — טייוואָלים אזעלכע, זשאלעווען די עלעקטרי!

— און איך האָב נאָך קיין חשק ניט צו געהן שלאָפען — האָט סאשא ניט פערשטאָנען — זיצט נאָך א ווייליגקע, הארצעלע. איוואנאָווא האָט שפּאָטיש איהר אָנגעקוקט.

— אזוי, קיין חשק ניט! אבער מאָלע וואָס קיין חשק ניט. און דאָ איז אזא אָרדנונג. געפעלט ניט? לייגט זיך, לייגט זיך, א ניט וועט קאָרדעליא זיך בעווייזען!...

— וואָס? — האָט סאשא ניט געכאפּט.

— קאָרדעליא... קאָרדעליא פלאטאנאווא... אונזער אויפזעהערין — האָט איוואנאָווא איהר געגעבען צו פערשטעהן.

— צייט צו שלאָפען — האָט די דאמע אין טהיר א סקריפּע געטהאָן.

— באלד — האָט איוואנאָווא ניט גערן זיך אָבגערופען.

אין א מינוט ארום זיינען שוין אלע געלעגען אונטער די שטייפע, ניט בויגעדיגע קאָלדרעס. קאָץ האָט גלייך זיך צוכראָפּעט.

— גיב נור א קוק, די צנועה — האָט איוואנאָווא בייז וועגען איהר בעמערקט — אָה, וויפיעל צניעות זי האָט דאָס אין זיך! די עלעקטרי איז אויף א מאָל פערלאָשען געווארען. דאָס

אפגעברענטע קויהל'כעל האט נאך א שטיקעל צייט זיך געדרייטעלט אין דער פינסטערניש, און האט ארויסגעגעבען פון זיך א שוואַ־כען, פערשטיקטען הוזשען.

און ווען דאס הוזשען האט אויפגעהערט און עס איז געווארען טויט שטיל, האט א ציטעריגער קול, וואס סאשא אליין האט ניט דערקענט, ארויסגערעדט:

— און אויב איך האב יא א ציעל... צו וואס...?

— א שוטה — האט מיט ענטשלאסענער פעראכטונג זיך אָב־גערופען א הייזעריגער, דומפפער באס.

8.

סאשא איז אנשוויגען געווארען. ווי נעכטען זיינען דורכ'ן פענסטער געפאלען פאסען בעוועגליכער שיין, און ארום איז געווען פינסטער און שטיל.

סאשא האט זיך איינגעקוקט אין די פינסטערניש אונטער דער דערבייאיגער בעט און מחנות וויז האבען זיך געדריידעלט און גע־שוואומען פאר איהר פנים'ער, געשטאלטען, געדאנקען פון ביי טאג. און אין מיטעלפונקט איז אזוי קלאר און פערשטענדליך פאר איהר געשוואומען די געשטאלט פון סטודענט דמיטרי ניקאלאיעוויטש.

„אזא ליעבינקער נאמען, — האט סאשא אין זיך גערעדט — מיטיא... מיטינקא... און טאקי אמת, אלע זיינען מיר גלייך... און יענע, וואס האט אויף פראנצויזיש גלאכט, און פאלינאווא... אלע איינס. יעדער מיט זיין זינד, און יעדער קען ביי גאט פערגעבונג אויסבעטען און פאר לייטען ריין ווערען... נו, בין איך געווען אזא... וואס אי'... וועל איך איצט זיין אן עהרליכע, ווי אלע... ניט זינ־דיגער! און ווען ער האט מיך אויף צו אמת'ן ליעב"....

„ליעב?" — האט זי פלוצלונג מיט שרעק זיך א פרעג גע־טהאן און איז בלייך געווארען.

„אז ער וואלט ניט ליעב געהאט, וואלט ער אזוי זיך ניט איינ־געלעגט!" און אפשר פון רחמנות? ניין, ניין, ער האט אליין גע־זאגט, אז איך בין ניט אבצושאצען, אז איך בין — א פארשוין... און דאס, וואס איך בין „אזא" געווען, וועל איך עס מיט טרעהרען

אבוואשען... און ווי וועל איך איהם ליעב האבען... ליעבינקער, גאל־דעלע מיינס, מיין פארשוין!"

און עס איז ארויסגעשוואומען אזא העל־ליכטיגעס, פרעהליכעס. די פינסטערניש איז אנגעפיקעוועט געווארען מיט גאלדענע פונקען און רעדעלאך, זיי זיינען זיך צוזאמענגעלאפען און פאנאנדערגע־לאפען, ווי א גאלדענער ים וואלט זיך א גאס געטהאן. די אויגען האבען זיך אנגעלאפען מיט טרעהרען, און סאשא האט זיי ארואפגע־פינטעלט און ווייטער געטראכט ווי א פער'שכור'טע מיט איהרע געדאנקען. איהר גאנץ וועזען איז פול געווארען מיט אזא ברע־נענדיג געפיהל פון ליעבע אהן א ברעג און פון א מעכטיגען פערלאנג נאך גליק. און זי האט די גאנצע געציטערט מיט א דין, פיין ציטערן פון אונבעוואוסטער קראפט, פון שעהנקייט און יונגשאפט.

עס איז געווען שטיל און פינסטער, און אויף דער גאנצער גרויסער וועלט זיינען געווען נור צוויי: זי און דער מאן, וועמען זי האט ליעב געהאט, און עס איז ניט געווען ניט קיין חרטה, און ניט קיין שרעק פאר מענשען, וועלכע האבען עפעס געוואלט טהאן מיט איהר; עס איז קיין פערגאנגענהייט ניט געווען, בלויז א פערלאנג נאך גליק.

.9

אויפ'ן אנדערן טאג האט מען סאשא'ן איבערגעפיהרט אין א פריוואטע פרויען־שפיטאל, וואו מען האט צונויפגענומען ווער־טערינס פון אומעטום, ווייל די ארבייט איז געווען א שווערע און א געפעהרליכע און האט ניט געגעבען ניט קיין נחת און ניט קיין געלד.

און אין צוויי טעג ארום איז אין שפיטאל געקומען צו פאה־רען מיט א פוהרמאן דמיטרי ניקאלאיעוויטש ראסלאוולעוו. עס איז איהם געווען קאלט און עפעס פערדראסיג. ער האט פון שטענדיג בעזוכט קאפע־שאנטאנען, און טראקטירען, און ביליארד־האלעס און עפענטליכע הייזער, און קיינער האט קיינמאל זיך ניט אינטערעסירט מיט זיין פריוואט־לעבען, אבער די געשיכטע מיט סאשא'ן איז פלוצלונג אלעמען בעקאנט געווארען און אלעמען פער־אינטערעסירט. דער זעלבער הערר, א בעיאהרענטער בעאמטער,

ביי ווענען ער האט זיך משתדל געווען פאר סאשא'ן, האט מיט פערגניגען ביי דער ערשטער געלעגענהייט פאר אלעמען דערצעהלט וועגען דעם. אויך זיין פאמיליע האט זיך דערוואוסט. זיי זיינען געווען וואויל ערצויגענע מענשען און זיי האבען איהם גאר נישט געזאגט, און ער האט געוואוסט, אז זיי וועלען קיין וואָרט נישט ריידען. נור נאך דעם ליידענדען פנים פון זיין מוטער, נאך די אונרוהיג־נייגעריגע בליקען פון זיין שוועסטער און נאך יענעם אונ־אנגענעהם איינגעהאלטענעם שווייגען, וואס פלעגט זיך איינשטעלען ביי זיין אריינקומען, האט דמיטרי ניקאלאיעוויטש געזעהן, אז אלץ איז זיי בעוואוסט און אז זיי זיינען ניט צופרידען פון איהם. און אונאנגענעהמער פון אלץ איז געווען, וואס אויך די חברים זיינע האבען גענומען אונטערלאכען פון איהם, און קענען זיינע איבערצייגונגען, האט ער געפיהלט, אז אין דעם איז עפעס פאר־האן, פון וואס עס לאזט זיך לאכען. נאטירליך, אז מען וואלט זיך גענומען מיט איהם שפארען, וואלט ער מיט דעם פולען בע־וואוסטזיין, אז די גערעכטיגקייט איז אויף זיין זייט, געענטפערט, אז דא איז ניט נור ניטא וואס צו לאכען, נאר פערקעהרט, אז ער טהוט זעהר גוט, אז ער העלפט א מענשען זיך ארויסראטעווען פון א מיאוס לעבען, און אז אזוי דארף מען האנדלען. אבער גלייכ־צייטיג האט ער זיך געפיהלט אזוי, ווי צו איהם וואלט זיך צוגע־קלעפט עפעס אבגעשמאקטעס, געמיינעס, שמוציגעס.

„מען דארף ניט אנדערש א סוף מאכען צו דער נארישקייט" — האט דמיטרי ניקאלאיעוויטש געטראכט, און אלע ווייל זיך א כאפ געטהאן פאר זיין זיץ, ווען דער שליטען פלעגט זיך פערקי־רעווען. עס איז געווען א שעהן, העל וועטער, א געזונטער, מונ־טערער פרעסטעל האט אונטערגעפרארען, און אלע זיינען געווען פרעהליך און אויפגעלעגט, און אזוי אויך ראסלאוולעוו. דאך, האט זיך איהם געדוכט, אז אויף איהם איז עפעס מיאוס'עס פארהאן און אלע זעהען עס.

„און ווי זי האט עס מיר דעמאלט... די האנד!" — האט דמיטרי ניקאלאיעוויטש געטראכט מיט אן אונבעשטימטע געפיהל פון מיטלייד און מיט בעוואוסטזיין, אז ער איז דאס ווערטה.

דער שפּיטאָל איז געווען גאָר אַן אַלטע, מרה־שחורה׳דיגע, אָבגעקראָכענע געביידע. דער אַלטער פאָרטער, פון וועלכען עס האָט געטראָגען עפּעס אַ ריח פון טריוואקס, האָט פאַר ראַסלאָוו־לעוו׳ן געעפנעט די טהיר און צוגענומען פון איהם זיין סטודענטי־שען מונדיר.

— וועמען דאַרפט איהר? היינט איז קיין עמפּאַנג — האָט דער אַלטיטשקער געבעבעט.

— כ׳ווייס, כ׳ווייס, — האָט דמיטרי ניקאָלאַיעוויטש כאַ־פּענדיג גערעדט — איך בין וועגען אַן ענין; איך דאַרף דאָ זעהן די וועכטערין קאָזאָדאָיעווא.

— אַזעלכע איז דאָ ניטאָ — האָט דער אַלטעטשקער געענט־פערט און האָט זיך אַ ציה געטהאָן צום הענגער אַראָבצונעהמען צו־ריק זיין מונדיר.

דמיטרי ניקאָלאַיעוויטש האָט דערשראָקען איהם אָנגעכאַפּט פאַר׳ן אַרבעל.

— זי איז דאָ ניט לאַנג, אפשר ווייסט איהר ניט.

— דאָס איז אויך מעגליך — האָט דער פאָרטער גלייכגילטיג אָבגעענטפערט — געהט אַרויף אויבען, דאָרט וועט מען אייך זאָ־גען.

דמיטרי ניקאָלאַיעוויטש האָט זיך איילענדיג אויפגעהויבען מיט דעם ברייטען, נור טונקעלען אַרויפגאַנג.

דער פאָרטער האָט עפּעס אַ מורמעל געטהאָן אונטער דער־נאָז.

— וואָס? — האָט דמיטרי ניקאָלאַיעוויטש שנעל איבערגע־פרעגט. ער האָט זיך אָבגעשטעלט מיט איין פוס אַן אויפגעהוי־בענעם איבער אַ טרעפּעל.

— איך זאָג, מיר האָבען דאָ אַ סך פון זייערע, עס געדענקט זיך ניט אַלעמען — האָט דער פאָרטער איבערגע׳חזר׳ט נאָך מיט אַ גלייכגילטיגערען טאָן ווי פריהער.

— נו, יאָ... זיכער — האָט דמיטרי ניקאָלאַיעוויטש זיך צו־געאיילט איינצושטימען מיט איהם און האָט פונאַנדערגעשצירעט די צייהן מיט אַ שמייכעל.

און דער שמייכעל איז ביי איהם ארויסגעקומען א שולדיגער, א חניפה'דיגער.

— „צום טייוועל מיט מיר אויך! — האט ער פיינליך א טראכט געטהאן זיך הויבענדיג אויף די שטיעגען — דאכט זיך, אז איך הויב אן מורא צו האבען פאר אלעמען... אקוראט ווי איך וואלט געטהאן עפעס אזוינס, פאר וואס איך דארף ביי אלעמען מחילה בעטען. און איך האב דאך זעהר גוט געטהאן — בעסער פון אלעמען!"...

ער האט זיך שוין דריי מאל פערקערעוועט מיט די שטיעגען אוןביים פערטען מאל האט ער זיך צונויפגעשטויסען מיט סא־שא'ן.

זי האט דערזעהן דורכ'ן פענסטער, ווי ער איז אנגעפאהרען, און מיט א פערגאנגען הארץ, פון פרייד און שרעק, איז זי איהם ארויסגעלאפען אנטקעגען.

אוןביידע האבען זיי זיך אנגעצונדען מיט א יוגענדליכער רויטקייט.

— ניט געריכט זיך? נו, גוט מארגען אייך — האט דמיטרי ניקאלאיעוויטש שטיל א זאג געטהאן, ווי א פערשווערער.

ער האט עפעס ערווארט, אז סאשא, ווי דאס ערשטע מאל, וועט איהם בעגעגנען א פערצאגטע, נור סאשא האט איהם גלייך אין פנים אריינגעקוקט, לייכט און פרעהליך, און געענטפערט.

— ניט געריכט זיך? וואס רעדט איהר... גוט מארגען, גוט יאהר!

אויפ'ן טרעפ איז קיינער ניט געווען; אונטען האט זיך גע־פארעט דער פארטער. אויבען האט רוהיג און געלאסען געטי־קעט דער זייגער, שאקלענדיג זיין גרויסען געלען פערפענדיקעל.

און פלוצלונג איז עפעס מאדנעס דורכגעלאפען צווישען איהם און סאשא'ס ראזעווע, האלב־אפענע ליפען און האט איהם א ציה געטהאן ביים הארצען, און איידער דמיטרי ניקאלאיעוויטש האט פערשטאנען, וואס ער טהוט, האט ער שוין דערפיהלט, אז ער קען עם שוין ניט טהאן און, ווי פער'חלש'ט פון אן אונאויסשפרעכ־ליך־זיסען, ברויזענדען, ציטעריג־גליקליכען געפיהל, האט ער זיך

איינגעבויגען, און זיינע ליפּען האָבען ווי אַליין אויפגעזוכט סאשא'ס וויכע, קעלטליכע ליפּעלאך און זיי צוגעדריקט אזוי, אז זיי האָבען אָבגעדעקט איהרע פעסטע, גלייכע צייהן, און א זודיגער שטראָם האָט איהם אָבגעגאָסען.

טרעהרען האָבען פערצויגען סאשא'ס אויגען, דאָך האָבען זיי געבלישצעט ווי צוויי שווארצע פלוימען.

— אהער... לאָמיר געהן, — האָט זי שטיל א זאָג געטהאָן און אראבגעלאָזט די אויגען.

און ניט ער, נור זי האָט איהם שוין געפיהרט צום עק קאָרידאָר און איהם אוועקגעזעצט אויף דער קאַלטער, הארטער קאַנאַפּע.

— קען מען דען ? — האָט דמיטרי ניקאָלאיעוויטש מאָדנע שטיל ארויסגעשעפּטשעט.

— מען קען — האָט סאשא געענטפערט פּונקט מיט אזא ציטערנדיג קול.

אויך אין קאָרידאָר איז געווען אזוי ליידיג און שטיל, ווי אויף דער טרעפּ. בלויז אין דער קאמער דערביי איז עמיצער שווער געטראָטען הין און צוריק, דאָ זיך דערנעהנטערט און דאָ זיך דערווייטערט, שארענדיג מיט די פּאַנטאָפעל, און יעדעס מאָל, צוקומענדיג צו דער טהיר, האָט ער הילכיג ערגיץ א שפּיי געטהאָן.

און ווידער, ווי געהאָרכענדיג עפּעס אזא ליבען, מעכטיגען און פייערליכען צייכען, האָט דמיטרי ניקאָלאיעוויטש מיטביידע הענד ארומגענומען סאשא'ן, און ציטערנדיג און פערגעהענדיג, האָט ער איהר גענומען קושען אין די ליפּען, וועלכע זיינען איצט געוואָרען אזעלכע הייסע, אז זיי האָבען אזש געבריהט. סאמע ביי זיין פּנים זיינען געווען איהרע שווארצע אויגען, מיט א שפּיעלעוורדיג־גנב'ישען צי געהיימניספולען גלאַנץ, און פון איהר ראָז־פערראָטעלטען פּנים, וואס איז אזוי ניט עהנליך געווען צו דעם טרוקענעם, געפּארבטען, וואס ער האָט פריהער געקענט, האָט געשמעקט מיט אזא פרישקייט, מיט אזא לאָבענדען ריח, אז ער האָט גאָר קיין נאָמען ניט געוואוסט פאר דעם.

— דאָס... טאָר... מען... שוין... דאָ... ניט!... — האָט סאשא

געשעפטשעט, מיט אזא גליקליכער, נאאיווער ביטרעקייט, צו איין ווארט נאך יעדן קוש, און האט זיך אלץ געצויגן צו איהם און זיך געדריקט מיט איהר שטייפער ברוסט און קליין הענדטעל.

— מען... טאר... מען... טאר — האט ער איהר נאכגעזאגט אין זעלבען נאאיוו־צווייזיטיגען טאן.

עמיצער איז געגאנגען אויף די שטיעגען. פון אויבען האט זיך אראבגעלאזען א מאגערע און בלייכע קראנקען־פלעגערין, מיט א פריינדליך־טרויעריגען פנים.

זי איז געווען פונקט אזוי אנגעטהאן, ווי סאשא. זי איז פערבייגעגאנגען און זיך געמאכט ניט זעהענדיג און זי האט זיך גענומען גראבען אין א שאפע אויף יענעם עק פון לאנגען קארידאר. דמיטרי ניקאלאיעוויטש האט ערשט איצט בעמערקט סאשא'ס אנטהאן.

זי איז געווען אין א ווייסען קיטעל, ביז'ן האלז. פון דעם ווייסען, זויבערן שטאף האט איהר וואונדערליך פריש און שעהן פנים'ל ארויסגעקוקט אזוי ניי, ווי ער וואלט איהר צום ערשטען מאל געזעהן. און זי האט געפיהלט איהר נייע שעהנקייט און מיט פרייד איהם אנטקעגען געשמייכעלט.

— נו, ווי פיהלט איהר זיך דא? — האט ער מיט א שמייכעל געענטפערט אויף איהר שמייכעל און געווארפען א זייטיגען בליק אויף דער פלעגערין.

— ניט שלעכט — האט סאשא לוסטיג געענטפערט — די ארבייט אפילו, א שווערע, אבער — נישקשה, עס מאכט ניט... איך וועל דא לאנג פערבלייבען... גוט אזוי....

— וואס עפעס אזוי? — האט ער א פרעג געטהאן, זיך שפיגלענדיג מיט איהר און ארייגקוקענדיג איהר אין די אויגען.

„ווייל איך וויל זיך אויסלייטערן מיט דער קאטארגע, מיט דער שווערער און לאנגווייליגער ארבייט, וועלכע דו האסט קיינמאל ניט געטהאן, אום אויסגעלייזט צו ווערען פון דעם מיאוס'ן לעבען, אין וועלכען איך האב פריהער געלעבט, אום איך זאל דיך ווערטה זיין!" האט גערעדט איהר צורויטעלט געזיכט, אבער סאשא האט

אזוי ניט געקענט ריידען. און זי האָט נור אַ שמייכעל געטהאָן און שטיל געענטפערט:

— אזוי!

— הייסט עס, אז איהר זיינט צופרידען, וואס איהר זייט אוועק? — האָט דמיטרי ניקאָלאַיעוויטש געפרעגט, ניט פער־שטעהענדיג דעם אויסדריק פון איהר געזיכט. דערפאר אבער האָט ער גלייך זיך געכאפט, אז פרעגען האָט ער עס ניט געדארפט.

זי האָט זיך פערלארען און איהר פנים איז געווארען אזוי רחמנות'דיג, קינדעריש און שולדיג.

„דו וועסט אלעמאָל זיך דערמאָהנען אָן דעם?" האָט דאָס פנים געזאגט און ווידער האָט ער עס ניט בעגריפען.

— געוויס.... וואס הייסט, — האָט זי מיט דעם פריהעריג, ציטעריג אונענטשלאָסענעם קול געענטפערט און אראבגעלאָזען די אויגען.

דמיטרי ניקאָלאַיעוויטש'ן איז איצט אַ שאָד געווען, וואס דאָס פנים האָט זיך ביי איהר פערטונקעלט; ער האָט געוואָלט זעהן אויף איהם דעמזעלבען ליעבען, נאאיוו־ענטציקטען אויסדרוק, מיט וועלכען זי האָט איהם געקושט.

— איז דאָך אודאי גוט... — האָט ער גענומען פעררעדען, — איצט, הייסט עס, וועט זיך אָנהויבען אַ ניי לעבען. איהר וועט דאָ, נאטירליך, פערבלייבען נור אַ שטיקעל צייט, און דערנאָך וועל איך אייך ערגיץ וואו בעזאָרגען אַ פּלאַץ.

און סאשאַ'ס געזיכט איז אויף אמאָל ליכטיג געווארען, איה־רע ראָזעווע ליפען האָבען זיך געעפענט און איהרע אויגען האָבען זיך צוטרויליך אויפגעהויבען צו איהם.

— דמיטרי ניקאָלאַיעוויטש — האָט זי פּלוצלונג אַ זאָג גע־טהאָן מיט אזא טיעף־איניגסטען אויסדרוק — ווי איהר גלויבט אין גאָט, איך בין ניט „אזא"... איך בין געווען „אזא", און ניט מעהר... און איך בין קיינמאָל „אזא" ניט געווען.

דמיטרי ניקאָלאַיעוויטש האָט איבערראשט אויף איהר אַ קוק געטהאָן:

— יאָ, נאטירליך... — האָט ער געמורמעלט — דאָס הייסט,

ניט דאָס האָב איך געמיינט, איך פערשטעה און... איך גלויב אייך...

ער האָט זיך צומישט און פערפּלאָנטערט, ווייל ער האָט גוט, ביז צו זייער טיעפסטען זין, פערשטאַנען סאשא'ס ווערטער, און ער האָט זיינע אויערען ניט געגלויבט.

— קאָזאדאָיעווא! — איז די פלעגערין ווידער ארויסגעקומען אין קאָרידאָר — אייער באַראָנעסע ווינט אזש... קומט אריין...

און ניט קוקענדיג אין זייער זייט איז זי אַוועק.

סאשא האָט זיך אויפגעהויבען. זי האָט ניט פערשטאַנען, כמעט ניט געהערט זיינע ווערטער, אזוי איז זי פערשלונגען געווען פון דעם גרויסען געפיהל, וואס האָט איהר דורכגענומען.

— מען דארף געהן — האָט זי טרויעריג געזאָגט.

— וואס איז דאָס פאר א באַראָנעסע?—האָט דימיטרי ניקאָלאַיעוויטש געפרעגט. איהם האָט אי געפרעהט אי פערדראסען, וואס מען האָט זיי איבערגעשלאָגען. ער האָט זיך אויך אויפגעהויבען און פון זיין ריעזיגען וואוקס אראב האָט ער געקוקט אויף איהר פערטונקעלטען געזיכט.

— דאָס איז מיין קראַנקע — האָט סאשא געענטפערט — א משוגע'נע, קאפּריזיוועט זיך, א שרעק! איך האָב זיך שוין אויסגעשלאָגען פון די כחות מיט איהר. אבער מיינט ניט, טייערינקער, אז... — האָט זי זיך פּלוצלונג דערשראָקען — איך בעקלאָג זיך ניט... איך גיב גוט אכטונג אויף איהר.... און זאָל זי זיך נאָך מעהר קאפּריזיווען, זאָל זי.... !

„איך וועל אַלץ פערטראַגען", האָבען איהרע אויגען שולדיג גערעדט.

זיי זיינען געשטאַנען איינס געגען אנדערען, ווי זיי וואָלטען ניט געקענט פּועל'ן ביי זיך עפּעס ארויסצוזאגען. אין קאָרידאר איז געווען האלב טונקעל, זיי האָבען ניט קלאָר געזעהן איינער דעם אנדערענ'ס בליק, נור עפּעס איז געוואקסען און זיך געשטארקט צווישען זיי. עס איז געווען אזא רגע, וועלכע סאשא האָט דערנאָך איהר גאַנץ לעבען געדענקט. עפּעס איז דאָ ניט דערערדט געוואָ־

דען, עס האָט וואָס געפעהלט. דמיטרי ניקאָלאיעוויטש האָט אראָב־ געלאָזען די אויגען און געזאָגט:

— א שאָד... נו, איך וועל דערנאָך קומען... קען מען צו אייך, הייסט עס, אַלע מאָל?

סאשא האָט רעזיגנירט און טרויעריג אָבגעזיפצט.

— אַלעמאָל... פרעגט גלייך אויף מיר.

— אזוי האָב איך אויך היינט געפרעגט, און דער פּאָרטער זאָגט מיר, אז אַזעלכע איז ביי זיי ניטאָ.

סאשא האָט א פּאטש געטהאָן מיט די הענד.

— אך, אזא שלעכטער אלטעטשקער! איך האָב איהם דאָך היינט אליין אָנגעזאָגט...

סאשא האָט זיך גלייך פערשעהמט און אליין זיך צולאַכט אויף איהר שעהמעוודיגקייט.

— נו, מען דאַרף געהן — האָט זי ארויסגערעדט, אָבער זי איז ניט געגאַנגען.

— און... — האָט דמיטרי ניקאָלאיעוויטש אָנגעהויבען.

ווידער, ווי פריהער האָט איהם עפּעס א ציה געטהאָן, און זיינע ליפּען האָבען זיך בעגעגענט מיט סאשא'ס, און אויך דאָס מאָל האָט ער דערפיהלט אן אויסערגעוועהנליכע געשמאַקייט אין זיי.

סאשא האָט איהם נאָכגעקוקט פון אויבען, ווען ער האָט זיך לאַנגזאַם אראָבגעלאָזען פון די שטיגען. פון סאמע לעצטען טרעפּעל האָט ער זיך אומגעקעהרט, דערזעהן איהר ווייס, קליין פּי־ גור'ל, ווי צוגעשמידט צו די לאַנגע, גלייכע פּאַרענצעס, און ער האָט פלוצלונג דערפיהלט א מאָדנע פערליעבטע צערטליכקייט, און ער האָט צו איהר א שמייכעל געטהאָן.

10.

ראַסלאַוולעוו איז אָנגעקומען אהיים, נאָך אַלץ איבערפילט פון דעם טונקעלען, אנגענעהמען געפיהל און א ביסעל א פער־ חידוש'טער איבער זיך אליין. ער איז אריין צו זיך אין צימער־

און באלד האָט די שוועסטער צו איהם אָנגעקלאפּט אין טהיר און איהם אַ רוף געטהאָן.

— מיטיא, מען קען צו דיר אריין?

ראסלאַוולעוו האָט זעהר ליעב געהאט די הויזיגע זיינע, און זיין שוועסטער מעהר פון אלעמען. איצט, ווען איהם איז געווען אזוי גוט און פרעהליך אויפ'ן הארצען, איז פאר איהם געווען אַן אמת'ער פערגניגען צו זעהן די שוועסטער.

— מען קען, מען קען! — האָט ער אויסגעשריען לוסטיג און צערטליך — קום אריין, ניוניא!

ניוניא האָט געעפענט די טהיר און איז אריין. ווי אלעמאָל און וואָס פלעגט אלעמאָל איהם בעזונדערס ריהרען, איז זי געווען אַזאַ ציכטיגע, פרישינקע, אז דאָס גאַנצע צימער איז ווי אַנגע־גאָסען געוואָרען מיט ליכט און מיט דעם פרישען, אנגענעהמען ריח פון ריינקייט און יונגשאפט.

איהר פּנים אבער איז געווען אונענטשלאָסען און צוטראָגען.

— וואָס גוטס וועסטו זאגען? — האָט ראַסלאַוולעוו געפרעגט און פערשפּיעלעט זיין קורטקע. כאָטש אלע האָבען זיי געלעבט אינטים־פריינדליך צווישען זיך, נור ערצויגען זיינען זיי געווען ציערליך־מאַנירליך, שטאָטיג און ער האָט זיך קיינמאָל ניט ערלויבט די קלענסטע אונפּינקטליכקייט אין אַנצוג, ווען די מוטער אדער די שוועסטער איז געווען דערביי.

ניוניא האָט זיך צוגעזעצט אויף דער סאפא, האָט אַנגעשטעלט אויפ'ן ברודער איהרע שעהנע, דאָס מאָל פערשעהמטע אויגען, און גענומען רעדען מיט אַזאַ טאָן, אז עס איז קענטיג געווען, אז זי האָט לאנג געטראכט און זיך צוגעגרייט צו דעם.

— מיטיא, דו ווער ניט אין כעס אויף מיר, איך האָב דיר נור געוואלט זאגען, כאָטש דאָס איז, נאַטירליך, ניט מיין עסק, אז דער פּאַפּאַ איז זעהר אונצופרידען פון דיר, איך האָב אַזש מורא פאר אייערע בעציהונגען — האָט זי ארויסגערעדט דעליקאט און ווייך, אָבשוואַכענדיג דעם זין פון איהרע ווערטער.

ראסלאַוולעוו האָט תיכף זיך געכאפּט, וועגען וואָס דאַ געהט, און אַ קעלט איז איהם אריבערגעלאָפען, אקוראט ווי מען וואָלט

איהם געפּאקט ביי א מיאוס׳ער, אינגעלשער שטיפעריי. ער איז געשטאַנען פאר ניוניא׳ן מיט אראבגעלאזטע אויגען, ניט געוואגט זיי א קעהר צו טהאָן, און די פינגער פון דער לינקער האנד האבען זיך קראַמפּהאפט בעוועגט. און ניוניא האָט געקוקט אויף איהם און איהרע אויגען האָבען אויסגעדריקט צוגלייך א פערשעהמטע אהנונג און א טונקעלע, אגרוהיגע נייגיעריגקייט. זי האָט גע־וואוסט, אז עס זיינען פאראַן שאנדהייזער, און אז אלע יונגע לייט בעזוכען זיי, נור זי האָט זיך בשום אופן ניט געקענט פאר־שטעלען, אז איהר ברודער זאל אויך אהין אריינקומען. זי איז געווען א מיידעל מיט ריינע געדאנקען און זי האָט אפילו מורא גע־האָט צו טראַכטען וועגען יענער טונקעלער זייט פון לעבען, אבער דער אינסטינקט האָט איהר ניט צו רוה געלאָזט, אלץ אונטערגע־זאָגט איהר וואס דער ברודער טהוט און אן אינטריגירענדער, אויפ־רעגענדער פערדאַכט האָט ניט געוואלט פערשווינדען.

— נו וואס, מיטיא? — האָט זי מיט אן אויפציטערנדער שטים איהם א פרעג געטהאָן.

און ווידער האָט דמיטרי ניקאלאיעוויטש ערשטוינט געטראַכט: „וואָס איז דאָס אויף צונ׳אמת׳ן? שוין זשע איז דאָס ווירקליך אזוי עקעלהאפט, אדער די מענשען האָבען זיך אזוי אויסגעוועבט, זיינען אזוי אָבגעשמאקט געווארען, אז זיי קענען נור זעהן עקעל־האפטעס... אפילו אין דער בעסטער טהאַט.“

— אָט וואס, ניוניא, — האָט ער אָנגעפאנגען מיט אזא קול, פונקט ווי ער וואָלט זיך פערשטאמעלט ביי יעדען קלאנג — דאָס איז זעהר צו בעדויערען.... וואס איך און דער פאָטער פערשטעהען אונז ניט... און בכלל...

— און דו פּרוב זיך צו פערשטענדיגען מיט איהם — האָט ניוניא פאַרזיכטיג פארגעשלאָגען און פלוצלונג מורא געקראגען, אז ער וועט טאקע נעהמען רעדען וועגען דעם, וואס איהר האָט זיך אזוי געוואלט, אז ער זאָל רעדען.

— איך גלויב קוים צי ער וועט מיך פערשטעהן — האָט דמיטרי ניקאלאיעוויטש מיט ביטערניש ארויסגערעדט, און דער

פּערביטערטער טאָן איז איהם געפעלען און האָט איהם אויפגעמונ־טערט — שוין צו פערשיעדען זייגען אונזערע אנזיכטען.

— מיטיא, אונזער פּאַפּאַ איז פון אלעמאָל אן אינטעליגענ־טער מענש, — האָט ניוניא זיך אָבגערופען, אביסעל בעליידיגט פאַר'ן פאָטער — זיינע אנזיכטען זיינען תמיד די בעסטע, די עהר־ליכסטע... און ווען דאָס... דאָס אלץ איז גוט, וועט ער עס בענעהמען.

א צערטליך געפיהל צום פאָטער האָט איהם דורכגענומען; דמיטרי ניקאָלאיעוויטש האָט דערפיהלט טרעהרען אין זיינע אויגען און עס איז אין איהם געבאָרען געוואָרען אן ענטשלאָסענהייט אָפען און אונפערשטעלט צו דערצעהלען וועגען אלץ. ער איז צו־געגאנגען צו ניוניא'ן, און אָנגעהמענדיג איהר פאר די אקסלען, האָט ער מיט אן איינפאכען הארציגען קול ארויסגערעדט:

— דו ביזט גערעכט, ניוניא... אָבער דו, דו אליין האלסט דאָך מיך ניט פאר א פערדאָרבענעם?

„אָט אָ!“ — האָט ניוניא פערגעהענדיג פון שרעק און ניי־גיעריגקייט, א טראכט געטהאָן. זי האָט אויפגעהויבען די אויגען און זיך בעמיהענדיג ניט רויט צו ווערען, האָט זי געענטפערט:

— איך ווייס אז דו ביזט ניט פעהיג אויף קיין... מיאוס'ע זאך...

— א דאנק — האָט דמיטרי ניקאָלאיעוויטש געענטפערט א געריהרטער. ער האָט אויפריכטיג געפיהלט אין דער מינוט, אז ער איז ניט פעהיג אויף קיין מיאוס'ע זאך. ער האָט נאָך אלץ געהאלטען די הענד אויף איהרע אקסלען און גערעדט: — עס איז פיינליך צו זעהן, אז גערארע דאָס, וואָס דו האלסט פאר הייליג, ווערט אָנגענומען פון די סאמע נאָהענטע מענשען פאר... א פער־ברעכען, — האָט ער פערענדיגט, זיך דערשרעקענדיג פאר דאָס וואָרט „הולטייסטוואָ“, וואָס איז איהם געקומען אין קאָפּ אריין.

— מיטיא, געה צום פּאַפּאַ! — האָט ניוניא פלוצלינג אויס־געשריען מיט טרעהרען אין די אויגען און מיט א נינציג איניגסטען טאָן אין איהר קול.

דימיטרי ניקאָלאיעוויטש איז א צוטומעלטער געוואָרען און ווי דאָס לשון וואָלט ביי איהם אָבגענומען, אָבער ניוניא'ס אויגען

האָבען מיט אזא צוטרוי און אזא ליעבע געקוקט אויף איהם, דאָס נעגען זיין ווילען, זיך פלאָנטערנדיג, האָט ער ארויסגערעדט:

— איז ער אין דער היים?

— אין דער היים... אין קאבינעט איינער אליין... געה, מי־טיא, — האָט זי ארויסגערעדט מיט א בעטענדיג קול און צוצויגען, און זי האָט איהם אָנגענומען פאר די הענד.

— גוט... איך געה... — האָט דמיטרי ניקאָלאַיעוויטש אונזיכער א זאָג געטהאָן, און ער האָט לאנגזאם זיך גענומען רוקען צו דער טהיר.

— דו ווייסט אזוי דערפרעהען דער מאַמען און מיך — איז זי איהם נאָכגעגאנגען און געפרובט איהם אויפמונטערן.

דמיטרי ניקאָלאַיעוויטש האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און גענומען געהן מיט ענטשלאָסענע טריט, אָבער פאר דער טהיר האָט ער זיך אָבגעשטעלט. עס האָט איהם פלוצלינג א ציה געטהאָן בײם הארצען אזא מין וועה. קוקענדיג ניוניא'ן גלייך אין די אויגען, האָט ער איהר א פרעג געטהאָן.

— און דו אויף מיין פּלאַץ וואָלסטו געהאנדעלט אזוי?

— זיכער! — האָט ניוניא פעסט געענטפערט, ווארום זי איז אין דעם איבערצייגט געווען.

— ווען דו וואָלסט נור געזעהן דאָס מיידעל, — האָט ער זיך פאָרגעשטעלט סאשא'ן און דאָס הארץ איז איהם פול גע־וואָרען מיט אזא מילדער צורודערונג — זי איז אזא אומגליקליכע. און ניט זי איז שולדיג געגען דער געזעלשאפט, נור די געזעלשאפט איז געגען איהר שולדיג.

— יא, יא — האָט ניוניא דערשראָקען צוגעשטימט. איהר האָט זיך אויסגעוויזען, אז ער וויל איהר פאָרשלאָגען, זי זאָל זיך געהן זעהן מיט דער מיידעל.

דמיטרי ניקאָלאַיעוויטש האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגען און האָט קיין ווערטער ניט געפונען, און ניוניא האָט איהם איילענדיג איבערגעשלאָגען, כדי ניט צו לאָזען איהם ענדיגען.

— פון וואנען האָסטו זיך דערוואוסט?

— אָט... די חברים האָבען דערצעהלט — דאָס בלוט איז

איהם אריין אין פנים און ער איז רויט געווארען ווי צונטער. מיט א געפאלענעם קול האט ער זיך פערכאפט. — נו, וועל איך געהן...

— יא, געה, געה, — האט ניוניא אויך מיט א געפאלען קול און אויך איילענדיג זיך אבגערופען. זי האט שוין כמעט ווי פערשטאנען און מורא געהאט צו פערשטעהן.

זי איז געבליבען אין צימער, און דמיטרי ניקאלאיעוויטש איז אריין אין פאטער'ס קאבינעט. ביי זיי ביידען האט זיך אבגעשטעלט א געפיהל, ווי זיי ביידע וואלטען נור וואס געזאגט א פאלשע, א שלעכטע זאך.

ניקאלאי איוואנאוויטש, דמיטרי ניקאלאיעוויטשעס פאטער, איז געזעסען ביי זיין ארבייט אין זיין גוט אויסגעשטאטעטען, היימליכען קאבינעט. ער איז געווען א נאוועליסט און איצט גראד האט ער געהאלטען אין פערענדיגען איינע פון זיינע ערצעהלונגען. דערזעהן דעם זוהן, האט ער אבגעלייגט זיין פעדער, און אויסמיידענדיג צו קוקען אויף איהם, וואס די לעצטע טעג איז געווארען זיין געוואהנהייט, זייט צווישען זיי האט זיך געשטעלט אט דאס ניט ארויסגערעדטע, אונאנגענעהמע, האט ער איהם בעגעגענט מיט א געמאכטען, זארגלאזען אויסגעשריי:

— אה, דאס ביזטו... און איך האב געמיינט, אז דו ביזט נאך ניט געקומען.

— שוין לאנג אין דער היים, — האט דמיטרי ניקאלאיעוויטש געענטפערט אין דעמזעלבען געמאכט-זארגלאזען טאן.

ער האט זיך געזעצט געגען פאטער, גענומען פון טיש א סיגארעט און פעררויכערט. דער פאטער האט געקוקט אויף איהם פון א זייט מיט א פיינליכען, פערדראסיגען אויסדרוק. ערשט היינט האט ער גערעדט מיט דער פרוי וועגען זוהן און ביי זיי איז געווען בעשלאסען צו פערפיהרען מיט איהם א דעליקאטען שמועס. אבער איהם האט זיך געוואלט, אז דער זוהן זאל אליין נעהמען ריידען וועגען דעם און דערמיט בעווייזען, אז ער שעצט איהם און טרויט איהם.

„דאכט זיך, אז איך מעג רעכענען דערויף" — האט ניקאלאי איוואנאוויטש גערעדט צו זיך. דערמיט האט ער געמיינט ניט

זיינע פאַטערליכע רעכטע, נור זיין ליטעראַרישע טהעטיגקייט, וואָס אין איהר עהרליכקייט און פאַרטגעשריטענקייט האָט ער קיינמאָל ניט געצווייפעלט. איהם האָט זיך אויסגעוויזען, אז אָנשרייבען דריי בענדער אזעלכע ערצעהלונגען, ווי ער האָט אָנגעשריעבען, איז א גוטע און א גרויסע זאך און קיינער קען גאָר ניט צווייפלען אין זיין רעכט אויף אלעמענס צוטרוי און אכטונג.

און איהם איז זעהר אָנגענעהם געווען, וואָס דער זוהן האָט אליין אָנגעהויבען.

— הער, פּאַפּאַ, — האָט דמיטרי ניקאָלאַיעוויטש אָנגעטהאָן זיך א כח, נור געמאַכט האָט ער זיך, אז ער קוקט נאכלעסיג נאָך די רינגעלאך רויך — איך האָב בעמערקט, אז דו ביזט מיט מיר אונצופריעדען, און איך וויים פאר וואָס, נור... אָבער...

ניקאָלאַי איוואַנאָוויטש האָט א צורודערטער זיך אויפגעהויבען און גענומען געהן איבער׳ן צימער.

— נו, יאַ... איך וויים..., איך וויים... — האָט ער איהם איבערגעשלאָגען מיט א פיינליך געפיהל און איז רויט געוואָרען.

— אייגענטליך, אין גרונד גענומען, איז אין דעם גאָר נישטאָ אזוינס... און ווען איך מיט דער מוטער... איז עס בלויז געווען צוליעב דיר...

דמיטרי ניקאָלאַיעוויטש איז געווען זעהר צופריעדען, וואָס דער פאָטער רעדט אליין. ער האָט געשוויגען און זיין בליק האָט ער אָנגעשטעלט אויף א פיגור אין טעפּיך.

„אויב אין דעם איז גאָר נישטאָ שענדליכעס, טו פאר וואָס די גאַנצע אויפרעגונג?“ — האָט ער ניט ווילענדיג א טראכט געטהאָן.

— זעהסט — האָט דער פאָטער זיך ענטשלאָסען דירעקט איבערצוגעהן צו דער פראגע — איך בין אויך יונג געווען, נאַטירליך, — ער האָט אונזיכער א שמייכעל געטהאָן — און אויך ניט געווען כשר אין דער בעציהונג... און קיינער איז ניט כשר... אלע מענשען, אלע בשר ודם׳ס — ער האָט ווידער א שמייכעל געטהאָן און גענומען שנעל רעדען — דאָס איז א פיזיאָלאָגיש בעדערפניש, דערמיט וועסטו גאָרנישט מאכען, אָבער צו וואָס עס

אונטערשטרייכען! ווען דו פיהלסט זיך שולדיג געגען די קרבנות פון געזעלשאפטליכען טעמפעראמענט, קענסטו מעהר אדער ווע־ניגער זיך בעטהייליגען אין די געזעלשאפטען, פילאנטראפישע פעראיינען, אבער אזוי... ווירקליך, מיטיא, עס קומט אויס ניט שעהן!... דו ענטשולדיג...

דמיטרי ניקאלאיעוויטש איז רויט געווארען און נאך פלייסיגער גענומען שטודירען די פיגור אין טעפיך. ער האט גאנץ גוט זיך דערמאנט, אז ער אליין האט די גאנצע צייט געפיהלט עפעס שמוציגעס אין דער געשיכטע און ניט געקאנט בעגרייפען, וואס דאס איז אזוינס.

— ווייסט דאך — האט דער פאטער ווידער אנגעהויבען נאך א קליינעם שווייגען, ווי ער וואלט געווארט און ניט דער־ווארט זיך אויף אן ענטפער — ווייסט דאך, אז איך אליין האב ניט ווייניג געארבייט איבער דער פראגע; מיט א יאהר צעהן צוריק האט מען מיך אפילו אין שפאס אנגערופען דער שוץ ענגעל פון דיעזע דאמען, און מיינע בעסטע זאכען אפשר זיינען אנגעשריע־בען מיט דער כונה צו געבען צו פערשטעהן דער געזעלשאפט איהר חוב צו אט די אומגליקליכע!...

דמיטרי ניקאלאיעוויטש האט ערנסט און צושטימענדיג א שאקעל געטהאן מיט'ן קאפ. כאטש דער שוועסטער האט ער גע־זאגט, אז ער גלויבט קוים צו דער פאטער וועט איהם פערשטעהן, נור אין דער טיפעניש פון זיין הארצען איז ער זעהר שטאלץ געוועזען אויף זיין פאטער, דעם שרייבער.

— אט זעהסטו — האט דער פאטער זיך דערפרעהט — איך קען ניט ניט שטאלצירען דערמיט, וואס דו האסט עס געטהאן לויט דער אידעע... אבער דאס האט מען געדארפט אנדערש טהאן... און, ווייסט, איינמאל האסטו זיך שוין פערפלאנטערט, בין איך דיר גרייט צו געבען געלד... קענסט איהר איינארדנען ערגעץ... אין א מאגאזין... אבער דו אליין זאלסט זיך שטעלען אין א צו נאהענטע שייכות צו דעם, איז ניט גוט... ניט ווילענדיג ניט יעדער איינער זיך א טראכט, וואו דו האסט זיך מיט איהר בעקענט און וואס זיינען אייערע בעציהונגען איצט. כאטש איך בין, זעלבסט־

פערשטענדליך, זיכער, איז איצט גאר נישטא... דאס וואלט שוין גאר ניט גוט געווען! — האט ניקאלאי איוואנאוויטש אויפריכטיג אויסגעשריען.

פונקט ווי דער זוהן, האט ער זיך ניט אבגעגעבען קיין חשבון און זיך אויך ניט געקענט אבגעבען קיין חשבון, פאר וואס דאס איז ניט גוט, אבער ער איז געווען פעסט איבערצייגט אין דעם. און דמיטרי ניקאלאיעוויטש'ן האט זיך אבגעדוכט, ווי ער וואלט מיט אם די ווערטער איהם א שמייס געטהאן. ער האט זיך אונרוהיג גענומען בעוועגען, א ווארף געטהאן דעם סיגארעט, נור אין דער נעקסטער מינוט, ווי אלעמאל, בעת ער פלעגט ענטדעקען אין זיך עפעס מיאוס'עס, האט דמיטרי ניקאלאיעוויטש אויסגעזוכט פאר זיך א פערענטפערונג.

„אבער איצט איז דאך גאר אנדערש... יעמאלט איז געווען שווייגערייי, הולטייסטווא, איצט אבער... איז עס פאלשטענדיג ריין... איך..."

אבער די פערענטפערונג האט איהם נאך מעהר דערשראקען, ווי דעם פאטער'ס ווערטער.

ניקאלאי איוואנאוויטש האט בעמערקט די אונרוהיגקייט אויף זיין זוהן'ס געזיכט, אבער אויסטייטשענדיג עס אין אן אנדער זין, האט ער זיך געאיילט צו ענדיגען:

— איך פערשטעה, אז דיר איז שווער, און מיר אליין איז אונאנגענעהם... אבער דו פערשטעהסט דאך, אז איך האב זיך צו דעם ענטשלאסען נור צוליעב דיין טובה... איך זאג נאך אמאל, די געשיכטע, וואס אין איהר גרונד ליגט אן ערדל געפיהל, בעקומט א דאנק די בעגלייטענדע אומשטענדען, אזוי צו זאגען, א מיאוס'ען קאליר... דערצו, ווייסט דאך אונזערע זיטען, ווייסט ווי מען וועט אויף דעם קוקען — עס וועלען נעהמען ארומגעהן קלאנגען, אנצוהערענישען, און ווי איך האב בעמערקט, געהן זיי שוין ארום... דערפאר האט שוין געזארגט גוואזדילאוו, נאטירליך... דו האסט געטהאן א פעהלער, וואס דו האסט זיך צו איהם געווענדעט... בעסער וואלסטו שוין, א שטייגער, געבעטען איסטאמאנאוו'ן.

און וועלענדיג אויפמונטערען זיין זוהן און אבווישען דעם

שלעכטען איינדרוק פון דער אונטערדרוקונג, האט ניקאלאי איוואַ־נאָוויטש לייכט איהם ארומגענומען און נאָר פריינדליך צו איהם א זאָג געטהאָן:

— איך און די מוטער שעצען דיך און ליעבען דיך אזוי, אז עס וואָלט אונז וועה געטהאָן, ווען דיין נאָמען וואָלט אפילו מיט א האָרעלע זיך נאָכגעשלעפּט אין שמוץ... ווייסט דאָך, אז פאר שלעכטע מענשען איז א האָרעלע אויך גענוג.

פון דערבייאיגען צימער האָט זיך דערהערט דער קול פון זיין פרוי, און אויך פון דער טאָכטער. ניקאָלאי איוואנאָוויטש האָט איילענדיג געענדיגט:

— ניט אמת, אז די פראגע איז ערלעדיגט? אויסער דעם, האָסטו שוין איבער גענוג געטהאָן! וואָס נאָך... גיב איהר איבער דאָס געלד און אלץ וועט זיך ענדיגען... שעהן און פיין!...

ער האָט שנעל ארויסגערוקט דעם שופלאָד, ארויסגענומען פון דאָרט א פּעקעל פּאפּיער־געלד, קענטיג פון פריהער צוגעגרייט, און אונגעשיקט, מיט א זייטיגער בעוועגונג, איבערגעגעבען עס צום זוהן.

— דו ביזט ווירקליך גוט! — האָט דמיטרי ניקאָלאיעוויטש געמורמעלט צומישט.

זיי האָבען איינער דעם אנדערען די הענד געדריקט, ווי צוויי פריינד. אזעלכע בעציהונגען פלעגען זייביידען געפעלען.

און בעת ער האָט בעגלייט דעם זוהן צו דער טהיר, האָט ני־קאָלאי איוואָנאָוויטש מיט מילדער פרייד געקוקט אויף זיין זוהן'ס שעהן, צאַרט, דאָך שוין מענליך פּנים און עס האָט זיך איהם גע־וואָלט זאָגען:

„און דער עיקר האָב איך מורא, דו זאָלסט ניט פערקאָכט ווע־רען אין איהר... אזעלכע ליעבע, איידעלע יונגע לייט, ווי דו, ווערען לייכט אָנגעצונדען פון דער אידעע צו ראַטעווען אָט די בריאות. איך אליין האָב שיער ניט געהייראטה א פּראָסטיטוטקע... אך, דאָס וואָלט געווען שרעקליך!"

אָבער ער האָט דאָס ניט געזאָגט און האָט זיך אומגעקעהרט צו זיין ארבייט, געריהרט און שטאָלץ אויף זיין זוהן און אויף דער

עראינערונג פון יענער צייט, ווען ער האָט אזוי אויפריכטיג גע־טרוימט צו ראַטעווען אַ פּראָסטיטוטקע און איהר מאַכען פאַר אַ נייגעבאָרענע.

„זי איז פון מיר דעמאָלט אוועק... ווען ניט... און נאָט צו דאנק!... אין צייט נאָך איינגעזעהן, אז ווער עס וויל די רעטונג, איז דער ראַטעוער, ניט די געראַטעוועטע.“

ניקאָלאַי איוואַנאָוויטש האָט זיך פערצויגען מיט אַ סיגאַרעט, און ערנסט און פערטראַכט זיך געזעצט שרייבען.

11.

נאָך אין זעלבען טאָג אין אָבענד איז דמיטרי ניקאָלאַיעוויטש אוועק צו פוס אויף וואַסיליעווער אינזעל צו איינעם פון זיינע חברים, וועלכען ער האָט זעהר ליעב געהאַט. געגאַנגען איז ער מיט דעם, צו דערצעהלען איהם וועגען אלץ און פרעגען אַן עצה, ווי ער זאָל דאָ אַמבעסטען לויז ווערען פון סאַשאַ'ן. ער האָט אליין ניט געוואוסט, ווי אזוי ער איז געקומען צו דעם בעשלוס, אָבער בע־שלאָסען איז דאָס געווען פעסט, איינמאָל פאַר אַלעמאָל, כאָטש אין הארצען האָט ער זיך שטארק געגעסען דערפאַר.

אויפ'ן וועג איז איהם די גאַנצע צייט ניט ארויס פון זינען, אין וואס פאַר אַ געהויבענער, לעבענסלוסטיגער, אַזש גליקליכער שטימונג ער איז היינט בייטאָג ארויס פון שפּיטאָל. אַלץ איז גע־ווען אזוי גוט, ליעב און שעהן — אי דעם פּוהרמאַנ'ס שליטען, אי די שווארצע קראָהען אויפ'ן שנעע, אי די פּאָליציסטען מיט די לאַנגע וואָנצעס, אי זיין אייגען קערפּער, וואָס איז פול געווען מיט אזא מונטערען, רופענדען געפיהל. איהם איז שווער געווען זיך אָבצושיידען פון איהר, און עס איז געווען אַ מאָמענט, ווען ער האָט שיער פאַרגעשלאָגען איהר ערגיץ זיך טרעפען. ערשט ארוים־געהענדיג האָט ער זיך דערמאָהנט וועגען דעם און זיך פערשעהמט, כאָטש עס איז איהם אזוי אַנגענעהם געווען אויפ'ן הארצען. און דעם גאַנצען וועג האָט ער אַלץ געהאַלטען אין קלערען וועגען איהרע לאַנגזאַמע, בריהענדיגע קושען און דער קאָפּ האָט איהם געשוויג־דעלט און דער קערפּער האָט זיך אָנגעגאָסען מיט פערלאַנג.

איצט איז ער געגאנגען א פּראַוּמערטער, א בעטריעבטער.
„דער פאטער זאגט, אז דאס וואלט שוין געווען צו עקעלהאפט. און איך דענק אויך אזוי. — האט ער מיט פערגניגען בעמערקט, אז ער דענקט פונקט אזוי, ווי זיין קלוגער פאטער, דער שרייבער — און ווען איצט טאר מען עס ניט, טו וואס פאר א רעכט האב איך געהאט זיך צו קושען מיט איהר? דאך, עפּעס א רעכט האב איך יא געהאט! ווארים עס איז געווען אנגענעהם און איך האב זיך א ברעקעל ניט געשעהמט... און איצט שעהם איך זיך! שוין זשע בין איך דעמאלט פערליעבט געווען אין איהר? נאַרישקייטען... ווארים וואס איהר זאלט ניט זאגען, זי איז — אן עפענטליכע מיידעל! און... ווי קען איך איהר ליעב האבען!"
דאך, איז אזא חיות געווען צו דערמאהנען זיך סאשא'ס יעדעס ווארט, יעדע בעוועגונג. עס האט איהם אלץ געשווינדעלט פאר די אויגען איהר ווייס קליידעל, אזוי ריין און שמעקעדיג מיט דעם ריח פון פרישען שטאף און וואס האט איהר אזוי געקליידט.
„פּשוט'ע תאוה!" האט ער נראב א טראכט געטהאן, בכיון אום זיך צו בערוהיגען. כאטש ער האט אלעמאל געהאלטען תאוה פאר א מיאוס געפיהל, דאך האט עס איהם ניט בערוהיגט, אזוי שרעקליך איז פאר איהם געווען דער געדאנק, אז ער האט זיך געקענט פערליעבען אין אן עפענטליכע פרוי, וואס זי זאל איצט ניט זיין.
„און מען דארף עס ענדיגען אויף אמאל... דער פאפא איז פאלקאם גערעכט! און וואס פאר א נאר איך בין: ביי אן אנדערן וואלט עס ארויסגעקומען איינפאך, לייכט און שעהן, און ביי מיר אזוי געמיין, שענדליך... און ווי מיאוס איך בין ארייגעפאלען! אזא שלים־מזל איך בין! פאַ... וואס גיט זיך מיר קיין זאך ניט איין? איך האב דאך געוואלט דאס בעסטע, און ארויס איז דערפון שמוץ... און ווארום שמוץ? דאך ניט דערפאר, וואס איך האב איהר ארויסגעשלעפּט, און ניט דערפאר, וואס איך האב איהר אין שפּיטאל געקושט... טו ווארום זשע? — האט דמיטרי ניקאלאיעוויטש פערצווייפעלט געטראכט. — דאס איז דערפאר, וואס איך האב פאר איין מאמענט צוגעלאזען דעם געדאנק, אז עס קען זיין עפּעס נאהענטעס צווישען מיר און איהר, איך האב צוגעלאזען

די מעגליכקייט, אז איך קען ליעב האבען א פרוי, וואס האט זיך צו אלעמען אוועקגעגעבען... איך האב זיך מיט איהר אויסגעגלייכט און אנשטאט א רעטער בין איך איהר געווארען א נאהענטער מענש! אט דאס איז שמוץ!... אבער זי איז דאך אין מיר פערליעבט! — האט ער זיך א כאפ געטהאן מיט שרעק! —אה, ווי טרויעריג דאס אלץ איז! גיכער ענדיגען, ענדיגען!... נאטירליך, איך וועל איהר געבען אויף א מאשינקע, אויף צו לעבען די ערשטע חדשים... און מעהר קען קיינער פון מיר ניט פערלאנגען!" — האט דמיטרי ני־קאלאיעוויטש שיער, שיער ניט אויסגעשריען אויף א קול, מיט א פערהארטעוועט צארן געגען עפעס, וואס האט טונקעל־שווער, מיט איינגעשפארטער וועהמוט, איהם געדריקט אויפ'ן הארצען. ער איז שוין געווען נעבען הויז, וואו דער סטודענט וואסילי פעדאראוויטש סעמיאנאוו האט געוואוינט.

סעמיאנאוו איז געווען קראנק אויף שווינדזוכט, און איז דער־פאר שטענדיג געזעסען אין דער היים, און ער האט איצט בעגעגענט דעם חבר, מיט א פערגעלטען, פינסטערן געזיכט צוליעב'ן הוסט, וואס האט זיך פערשטארקט געגען אבענד און מחמת דעם נאסען וועטער.

— א, דאס ביזטו — האט ער א זאג געטהאן, עפענענדיג די טהיר. באטש די פארטאטשקע איז געווען אפען, איז אין צימער געווען שטארק אנגערויכערט. סעמיאנאוו, מיט זיין קראנקער ברוסט, האט זיך פון טאבאק דאך ניט געקענט אבגעוואוינען.

— רויכערסט שוין ווידער — האט ראסלאוולעוו מיט פריינד־ליכען פארוואורף און מיטלייד א זאג געטהאן, אראבווארפענדיג פון זיך דעם מונדיר און דאס היטעל.

— אלץ איינס — האט סעמיאנאוו אונבעשטימט א מאך געטהאן מיט דער האנד. אין זיין קול, אויסער טעמפער גלייכגיל־טיגקייט, האט זיך גאר ניט געהערט.

— נו... — האט ראסלאוולעוו אנגעהויבען, זיך געזעצט, פער־רויכענט א סיגארעט און גלייך גענומען רעדען וועגען דעם, וואס האט איהם אזוי געדריקט. — איך בין צו דיר מיט אן ענין... הא!

— נו? — האט סעמיאנאוו ווי גלייכגילטיג געפרעגט. דאס

ווארט איז ביי איהם ארויס מאדנע צוצויגען, זיין געזיכט האט זיך געקארטשעט פון א פיינליכען אנפאל פון הוסט, און ער האט אנ־געשטריינגט אלע כוחות זיך איינצוהאלטען דערפון. איהם האט זיך אלץ געדוכט, אז זיין קראנקהייט און זיין הוסט, און דער לייד־בעץ, וואס ער גיט ארויס, און זיין שטענדיג פערבלוטיגטער, בע־שפיגענער שנופטיכעל, וועקען אין די ארומיגע ניט מיטלייד, ווי זיי זוכען עס צו ווייזען, נור עקעל. ווען ער פלעגט הוסטען, אדער ער פלעגט ארויסגעהן אין פאדערצימער זיך אויסכראקען, האט ער געפיהלט, אז מען מיידעט אוים צו קוקען אויף איהם, אז מען קעהרט זיך אב, און ער פלעגט זיך אליין פארקומען ווי א שמוציג־עקעל־האפטער נאסער פלעק, וואס עס נעהמט אן אן איבעל צו שטעהן נעבען איהם. און כאטש אלע מאל אין אזעלכע פעלע איז ער גע־ווען בעוואוסט ביי זיך, אז ער האט א רעכט צו קרענקען, שפייען, הוסטען, אז קיינער טאר זיך ניט דערוועגען צו פערראכטען איהם דערפאר, דאך האט ער געליטען און געפיהלט א שרעקליכען האס צו אלעמען.

פאר דריי טרים פון ראסלאוולעוו'ן האט זיך געפיהלט דער פרישער, אנגענעהמער ריח פון קאלטען לופט, אריינגעבראכט פון דרויסען, און פון יונגען, געזונדען מענשען. און דער מונטערער, שטארקער ריח איז אריינגעדרונגען אין סעמיאנאוו'ס לונגען און זיי פערשאפט א תענוג. אבער פאר סעמיאנאוו'ס בעוואוסטזיין, דעם פערגיפטעטען פון קראנקהייט און טויט־שרעק, איז דער ריח געווען אונערטרעגליך שווער, פערהאסט.

— נו? — האט ער איבערגע'חזר'ט און ניט אויסגעהאלטען. ער האט זיך פערהוסט און א שפריץ געטהאן מיט די דינע, פער־ברענטע ליפען. — אה, טייוועל! — האט ער מיט אונענדליכען האס צו זיך און צום הוסט און צו ראסלאוולעוו'ן א כריפע געטהאן.

און טאקע מיט דעם געפיהל, וואס סעמיאנאוו האט חושד גע־ווען, זיך עקלענדיג און מיט דעם מיטלייד פון א שטארקען און שעהנעם צו א קראנקען און מיאוס'ען, האט ראסלאוולעוו געקוקט אן א זייט, אבער ער האט ניט געטראכט וועגען איהם, נור וועגען דעם, ווי אנצוהויבען.

און ווען סעמיאָנאָוו האָט אויפגעהערט צו הוסטען, איז אָב־געגאנגען פון שפיי־קעסטעל, זיך נעזעצט אויפ'ן בעט און זיך גע־נומען רייבען די מיעדע ברוסט, האָט ראסלאוולעוו אָנגעהויבען:

— געדענקסט, איך האָב דיר דערצעהלט וועגען דער פראָס־טיטוטקע, וועלכע...

— איך געדענק — האָט סעמיאָנאָוו געענטפערט. אין דער אמת'ן האָט ער אינגאנצען פערגעסען, נור איהם האָט זיך געוואָלט וואס גיכער איבערשלאָגען ראסלאוולעוו'ס געזונדען, שעהנעם קול.

— אזוי, באלעוועסט זיך מיט זיי — האָט ער מיר נישט דיר נישט צוגעלעגט.

ראסלאוולעוו האָט א גלאָץ געטהאָן אויף איהם מיט זיינע פערוואונדערטע אויגען און אָהן שום פערלעגענהייט לוסטיג זיך אָבגערופען.

— ווי זשע אנדערש... אלע זיינען מיר בשר ודם'ס... — ערשט ווען ער האָט דאָס שוין געהאט ארויסגערעדט, האָט ער זיך דער־מאָהנט אן סעמיאָנאָוו'ס קראנקהייט און צומישט אנטשוויגען גע־וואָרען.

אויך סעמיאָנאָוו האָט געשוויגען. מעכאניש האָט ער געצופט און געדרעהט זיין שיטער בערדעל.

— נו, איז וואָס? — האָט ער ווידער א פרעג געטהאָן.

— יא, — איז ראסלאוולעוו לעבעדיג געוואָרען — האָב איך איהר פון דאָרט צוגענומען און איהר ארייננגעגעבען אין א היים... נעהמט זי... בעדענק נור... און פערליעבט זיך אין מיר!

און ביי די ווערטער האָט ראסלאוולעוו זיך פאַרגעשטעלט סאַ־שא'ן, אזא רייניקע, פרישע, בעת ער האָט איהר געהאלזט און גע־קושט אין שפיטאָל, און איהם איז פאָרגעקומען מאָדנע, וואָס ביי איהם רעדט זיך ארויס אזוי לוסטיג און לייכט „פראָסטיטוטקע".

— וואס איז דער וואונדער? — האָט סעמיאָנאָוו זיך אָב־גערופען. ער האָט געכאפט זיין פעראכטענדען טאָן און זיך בע־ליידיגט פאר דער פראָסטיטוטקע, ווי פאר זיך אליין — דו האָסט דאָך איהר גערעטעט! רעטער מיינער... הא!

ראסלאוולעוו, כאָטש ער איז זיכער געווען, אז ער האָט גע־

האנדעלט שעהן, און אז ער איז טאקע א רעטער, האט דאך זיך דערפיהלט קאמיש און אונבעקוועם.

— ניין, אויף מיין עהרען ווארט — האט ער לאכענדיג ווייטער גערעדט—זיך פערליעבט...—און איידער ער האט בעוויזען צו בעקלערען, וואס ער רעדט, האט ער צוגעגעבען — און ווייסט, זי איז שוין גאר, גאר א שעהנינקע, א מחיה!...

— און דו אין איהר האסט זיך אויך פערליעבט? — האט סעמיאנאוו א שמייכעל געטהאן, און זיין שמייכעל איז דאס מאל געווען א גוטמוטהיגער.

ראסלאוולעוו האט געוואלט ענטפערען מיט א שמייכעל, נאר ער האט זיך באלד פערכאפט:

— נארישקייטען, וואס קען דא זיין פאר א ליעבע! עס האט מיך פשוט אנגענומען א רחמנות, ווען זי האט מיר אין האנד א קוש געטהאן... און בכלל א שעהן פנימ'על, און איך האב דאך איהר פון פריהער געקענט.

— הייסט עס, אז אויך נאך דער רעטונג „עסק'סטו" זיך מיט איהר? — האט סעמיאנאוו געפרעגט מיט ביטערען שפאט.

— ניין, וואס רעדסטו! — און ראסלאוולעוו איז רויט געווארען. ער האט אזוינס מיט'ן גאנצען הארצען געהאלטען פאר א שאנדע.

— נור וואס זשע דען?

ראסלאוולעוו האט זיך א ווײלע געשלאגען מיט דער דעה און מיט שרעק האט ער זיך דערמאהנט אן אלץ, וואס איז פארגעקומען צווישען איהם און סאשא'ן אין שפיטאל.

— פערפאלען... איך וויים, אז דאס איז ניט גוט! — האט ער צוטרויליך א זאג געטהאן און האט גענומען דערצעהלען אלץ, וואס עס איז געווען.

סעמיאנאוו האט געהערט און געשוויגען, און אלץ גערדרעהט די דינגע הערלאך פון זיין קאלירלאז בערדעל און זיך איינגעהאלטען פון הוסטען. און דא אין צימער, מיט דעם פוילען ריח פון רפואות, ביים שיין פון א קליין, שלעכט לעמפעל, נעבען א שווייגעדיגען און קראנקען מענשען, וואס איז פערביטערט געגען אלץ און אלעמען,

האט אזוי מאָדנע ניט געפּאסט, וואָס ראסלאוולעוו דערצעהלט, אז ער איז באלד אנטשוויגען געוואָרען און פרעגענדיג געקוקט אויף סעמיאָנאָוו'ן.

— וואסילי פעדראָוויטש! — האט מיט א דין קול'כעל א רוף געטהאָן סעמיאָנאָוו'ס באלעבאָסטע פון הינטער'ן ווענטעל. ער איז איינגעשטאנען ביי א פרוי פון פּראָסטען שטאָדטישען שטאנד.

— וואָס אי? — האט סעמיאָנאָוו זיך אָבגערופען און דעם קאָפּ ניט אומגעקעהרט.

— טהע וועט איהר טרינקען?

— דערלאנגט.

עס האט זיך דערטראָגען א קלינגלען מיט די כלים, די טהיר האט א סקריפּע געטהאָן, און א מאָגערע, טראָגעדיגע פרוי אין א טיכעל האט אריינגעטראגען א בלויען טהע־קעסטעל און נאָך איינס, א ווייס און קליינס, צוויי דיקע גלעזער און סיטנע ברויט. בעת זי האט עס פונאנדערגעשטעלט אויפ'ן טיש, האָבען די סטודענטען געשוויגען.

— איהר וועט אליין פערקאָכען?

— אליין — האט סעמיאָנאָוו געענטפערט.

זי איז אוועק, פערציהענדיג די עקען פון איהר טיכעל אויפ'ן רונדען קיילעכדיגען בויך.

סעמיאָנאָוו האט ארויסגענומען דאָס טהעע און פערשאָטען דאָס קעסעלע. ראסלאוולעוו האט אויפמערקזאם זיך צוגעקוקט צו דעם, מיט א געפיהל פון איבערראשונג און בעליידיגונג.

„וואָס זשע שווייגט ער? ער ווייס דאָך ווי שווער עס איז מיר געווען דאָס אַלץ ארויסצוזאָגען, און שווייגט. און, אגב, וואָס וויל איך פון איהם?... ער וועט סיי ווי סיי ניט געהן... בעסער אנשרייבען... נאטירליך, בעסער אָנשרייבען".

— נו, וואס זאגסטו דערויף? — האט ער פערלעגען און ניט גערן א פרעג געטהאָן.

— וואָס? — האט סעמיאָנאָוו גלייכגילטיג איבערגעפרעגט.

— אָט וועגען דער גאנצער געשיכטע! — האט ראסלאוולעוו

ארויסגעמורמעלט. ער האט זיך געמאכט ווי ער שמייכעלט, אבער אין הארצען האט עס איהם שטארק פערדראסען. דאס פנים האט זיך איהם אנגעגאסען מיט בלוט און ער האט מורא געהאט, אז סע־מיאנאוו וועט עס בעמערקען.

— און איך וועל דיר אט וואס זאגען — האט סעמיאנאוו בייז זיך אבגערופען — דאס זיינען אלץ נארישקייטען.

— ווי?

— אזוי... איך הייב דיך ניט אן צו פערשטעהן: וואס האסטו זיך פון העלער הויט גענומען דערפאר און וואס פייניגסטע זיך איצט?

— א מאדנע זאך, — האט ראסלאוולעוו פעראיבעל געהאט

— וואס האסטו זיך גענומען? און דו וואלסט זיך ניט גענומען?

— ניין — האט סעמיאנאוו צו־להכעיס'דיג געענטפערט.

— מאכט עס דיר ווייניג כבוד... — האט ראסלאוולעוו א שמייכעל געטהאן.

— ניין, ניט ווייניג! — האט סעמיאנאוו קוויטשענדיג אויס־געשריען און ווידער שווער און וועהטאגדיג זיך צוהוסט. ער האט געבריפעט, געשמיקט זיך, געשפיגען און געבראקעט, און זיין גאנ־צער מאגערער קערפער האט זיך געטרייסעלט און זיך געקרימט.

ראסלאוולעוו האט געקוקט אויף איהם און געווארט, אז דאס זאל זיך ענדיגען; ער איז געווארען פערדראסיג און אונגעדולדיג, און האט שיער ניט אויסגעשריען: „הער זשע שוין אויף אמאל!"

סעמיאנאוו איז ענדליך אנטשוויגען געווארען. ער האט שווער געסאפעט. ער האט אבגעווישט די טרעהרען, וואס זיינען אנגע־לאפען אין די אויגען, און דעם קאלטען שוויים פון שטערן.

— וואס פאר א רעכט האסטו געהאט צו ראטעווען איהר?

— האט ער גערעדט מיט שווערען אטעם — גיב נור א קוק, א רעטער... מיינע רעטערס!...

— אז א מענש טרינקט זיך!...

— און אליין ביז'ן קאפ פערזונקען — האט סעמיאנאוו שפא־טיש איבערגעשלאגען — זאג מיר אקארשט, לעבסטו ריין?

— א מאדנע פראגע... פערהעלטניסמעסיג — האט ראסלאוו־

לעוו א מורמעל געטהאן. ער האט זיך דערפיהלט אונבעקוועם.

— פערהעלטניסמעסיג! — האט סעמיאנאוו איהם איבער־געקרימט מיט א קוויטש — אלע זיינען אויסוואורפען, און דו ביזט אן אויסוואורף, און זי איז אן אויסוואורף. דו, ווי אלע, ביזט אזוי ווייט פון אידעאל פון ריינקייט, ווי זי, און זאל מען דיך אקארשט נעהמען ראטעווען, וואלסטו געזעהן, וואס פאר א מינע פון ענט־ריסטונג דו וואלסט געמאכט.

— אט האסטו דיר — האט ראסלאוולעוו זיך צוזונגען — א פערגלייך אביסעל. נאך אלעמען איז זי אן עפענטליכע פרוי, און איך...

— און דו ביזט דער יעניגער, וואס בענוצט זיך מיט איהר... און, אגב, ניט דאס איז דער עיקר... זיי אזוי גוט זאג מיר, פאר וואס פעראכטען מיר אט די דאזיגע עפענטליכע פרוי? טהוען זיי עפעס... עמיצען ווען שלעכטס? גנבים, מערדער, אלערליי גוואלט מענשען פעראכטעט מען דאך ביי אונז ווענינער... זיך אליין פער־אכטען איז שווער, טא לאמיר פעראכטען אנדערע פאר אונזערע זשע... און, אגב, אויך דאס איז ניט דער עיקר — האט סעמיאנאוו זיך אליין איבערגעשלאגען, א מאך געטהאן מיט דער האנד און גע־נומען אנגיסען זיך טהעע.

— וואס זשע? — האט ראסלאוולעוו א פערוואונדערטער איהם אנגעקוקט.

און ער האט פערדראסיג געטראכט: „ניין, איהם קען מען ניט בעטען וועגען דעם“.

— צו וואס? עס וועט צו גארנישט פיהרען! — האט סע־מיאנאוו טרויעריג ארויסגערעדט און איז אנטשוויגען געווארען.

אויך ראסלאוולעוו האט געשוויגען א ווײַלע.

— אט זאגסטו, צו זיי טהוען עמיצען שלעכט, — האט ער אונענטשלאסען אנגעהויבען, זוכענדיג ווערטער אום צו צוקומען צו איהם מיט זיין ביטע און ניט געפינענדיג זיי. — און סיפילים איז קיין שלעכטס ניט?

סעמיאנאוו האט פלוצלונג א שמייכעל געטהאן מיט אזא אומע־טיגען, פערהאלטענעם שמייכעל.

— יעדע קראנקהייט, ברודער, איז א שלעכטס, די ערגסטע, לאמיר דיר זאגען. און סיפילים איז א שלעכטס... נור ווען איך וואלט געקענט, — האט ער ווידער זיך אויפגערייצט און די פינ־טעלאך אין זיינע אויגען זיינען געווארען אזוי ברייט, און ער האט גענומען כאפען די ווערטער, — וואלט איך אזא גארנישט, וואס ווערט צוגאנגען צוליעב יעדער פרויקע, שטעקט זיך אן און צו־וויינט זיך דערנאך, איך וואלט אזא גארנישט ניט אנגעהויבען היילען.

„ניין, איהם קען מען ניט בעטען" — האט ראסלאוולעוו ווידער א טראכט געטהאן.

— נו, ברודער, היינט ביזטו מיר עפעס... בעסער געהן א שפיעל טהאן ביליארד...

— און נאך וואס וועל איך דיר זאגען — האט סעמיאנאוו מעכאניש איהם דערלאנגט די האנד און ניט געמערקט, אז ער געהט אוועק, — ווען לויט האבען חשק און האלטען עס פאר נויטיג אויסצו־בעסערען אנדערע, איז דאס פריהער פון אלץ זייער גוטער ווילען... נו, אזוי צו זאגען, זייער א בעדערפניש... אויב אזוי, דארף מען ניט זיי אונטערטהעניגסט דאנקען, נור זיי דארפען זיך פלייסען מיט אלע כחות, אז יענע זאלען זיי טהאן די טובה און זיך לאזען אויסבעסערען נאך זייער רעצעפט... אט וואס!

ראסלאוולעוו, וועלכער האט שוין געהאט אנגעטהאן דעם מונ־דיר און דאס היטעל, האט געווארפען אויף איהם א זינלאזען בליק און א פרעג געטהאן:

— צו וואס רעדסטו דאס אלץ?

— אט דו, צ. ב. ש. קריכסט מיט דיין אויסבעסערונג, און אליין אויך...

— זי האט דאך אליין געבעטען.

—אליין? אט דערצעהלסטו דאך, אז זי האט זיך אין דיר פערליעבט... זי... זי האט ביי דיר גליק... מענשליכקייט געזוכט, עס איז מיאוס געווארען די אייביגע טיערישע פעראכטונג... און וואס האסטו איהר אנטקעגען געבראכט? פאפירענע רייינקייט...

אָבער צו וואָס טויג ריינקייט אן אומגליקליכען מענשען? עך, איהר אלע!

— וואָס רעדסטו, אויף נאמנות! — האָט ראַסלאַוולעוו פערדראָסיג א זאָג געטהאָן. ער האָט שוין געהאַלטען אין אוועקגעהן.

אָבער סעמיאָנאָוו מיט בעם און מיט אָנגעלאָפענע הייסע טרעהרען פון רחמנות צו זיך אליין, האָט איהם נאָכגעפאָלגט אין טונקעלען פאָדער צימער. ראַסלאַוולעוו האָט זיך געפּאָרעט מיט די קאַלאָשען, און סעמיאָנאָוו האָט אלץ גערעדט.

— שוין זשע פערשטעהסטו נאָך אלץ ניט, אז ריינקייט און מצוות זיינען נויטהיג און גוט בלויז פאר א זאטען בויך.

— מיר האָבען שוין געהערט די זאכען! — האָט ראַסלאַוולעוו א מורמעל געטהאָן. עס האָט איהם גענומען דערעסען דאָס אונבעגרייפליכע בעס'ן זיך און דאָס הייזעריגע פּישצען פון קראַנקען.

— ניין, ניט געהערט! — האָט סעמיאָנאָוו אויסגעשריען און אויסגעפאָכעט מיט די הענד. אין זיין קול האָבען זיך געהערט בייזע טרעהרען. — דאָס איז אן אמת! איך זאָג עס דיר... אָט שטארב איך און איך וויים עס... קיינער וועט שוין מיך ניט בעשווינדלען מיט רחמנות'דיגע ווערטער! מען דארף גליק, מען דארף געזונד, שטארבען דארף מען ניט, און ניט... דאָס...

ראַסלאַוולעוו האָט איהם אָנגענומען פאר א קנעפּעל, און קוקענדיג איהם אין פּנים פון אויבען אראָב, האָט ער גוטמוטהיג גערעדט:

— אודאי גליק... איך וויל דיך טאקע בעטען... מעהר פון אלץ וויל איך, אז זי זאָל גליקליך זיין... און זיין פּנים האָט אָנגענומען א זעלבסטצופריעדען־בעשיידענעם אויסדרוק.

— טו האָב חתונה מיט איהר... זי האָט דיך ליעב, האָב חתונה!... אָט האָסטו גליק!... דאָס איז פאר'ן אָנפאנג...

— נארישקייטען! — האָט ראַסלאַוולעוו זיך צולאכט אויפריכטיג, אָבער אָהן הארץ, — מיר דוכט זיך אויף אן אמת, אז זי מיינט גאָר ניט קיין שפּאַס... טהייערער, געה מאָרגען צו איהר... זי איז איצט אין שפּיטאָל פאר א פלעגערין... גיב איהר דאָס געלד, זאָג איהר: פון מיר אויף א מאשינקע און ווייטער דאָרט... א ניט,

זאָל איך אזוי לעבען, בעקומט זיך אן אומגליקליכע לאגע... דער טייוועל וויים וואס... איך קען דאָך ניט אויף אן אמת מיט איהר חתונה האָבען.

סעמיאָנאָוו האָט שווייגענדיג געקוקט אויף זיין רויט, ווייך, דיק און געזונד פּנים.

— ביזטו א לומפּ! — האָט ער ארויסגערעדט מיט א דומפּיגען קול, ווי שטיקענדיג זיך מיט האס.

— וואָס? — האָט ראסלאָוולעוו ניט דערהערט.

ער איז געווען כמעט צוויי מאָל אזוי גרויס ווי סעמיאָנאָוו, און זיין גאנצער געזונדער קערפּער האָט געאטהעמט מיט קראפט און זיכערהייט.

— א לומפּ ביזטו! — האָט סעמיאָנאָוו איבערגע'חזרט, אָבער געגען זיין ווילען איז עס דאָס מאָל ארויסגעקומען שפּאסיג און שפּילעוודיג.

— נו, לאָז עס! — האָט ראסלאָוולעוו זעלבסט צופריעדען און אויפגעלעגט זיך צושמייכעלט — און דו זיי א פריינד און מאך עס אָב פאר מיר... הא?

די שיטערע הערלאך האָבען זיך סעמיאָנאָוו'ן צוגעקלעפּט צום קאַלטען שטערן, איהם איז שווער געווען צו שטעהן. ער האָט געפיהלט אזא רחמנות צו זיך און זיך געשעהמט דערמיט, וואס ער האָט געזאָגט.

— גוט — האָט ער געענטפערט און בשעת מעשה געקוקט מיט א קרומען בליק אין ווינקעל אריין.

ראסלאָוולעוו האָט פעסט און פריינדשאפטליך געדריקט איהם די האנד.

— נו, א דאנק! און איצט געה איך... ועסטו מארגען אהין געהן?

— יא.

— טו, אויף ווידערזעהן.

— אויף ווידערזעהן.

ראסלאָוולעוו האָט געעפענט די טהיר און איז ארויס אויף די שטיגען, זיך אומגעקעהרט און א שמייכעל געטהאָן צו סעמיאָנאָוו'ן.

די טהיר האט זיך פערמאכט, און מען האט געהערט, ווי ער לאזט זיך לאנגזאם ארונטער פון די טרעפען. סעמיאנאוו איז געבליבען אליין אין האלב־טונקעלען פאדערצימער. א מינוט איז ער געשטא־נען אונבעוועגליך און אלץ בלייכער און בלייכער געווארען. פלוצ־לינג האט ער זיך אבגעריסען פון ארט, ארויסגעשפרונגען אויף די קאלטע שטיעגען, זיך איבערגעבויגען מיט'ן גאנצען קערפער איבער די פארענצעס און מיט אן אבגעריסענעם קול, מיט אויסערגעוועהנ־ליכער בייזקייט און פעראכטונג, האט ער מיט אלע כוחות אויס־געשריען אין דער פוסטקייט אריין:

— לומפ! טפו זאלסטו ווערען!

זיין קול האט הילכיג זיך אראבגעקייקעלט מיט'ן שווינדעל־בוינגען פון די טרעפען, און סעמיאנאוו, ציטערנדיג מיט'ן גאנצען קערפער פון דורכנעהמענדער קעלט און פון צארניגער אויפרעגונג, האט לאנג זיך צוגעהערט, אריבערגעבויגען איבער דער פארענצע, ביז עס האט איהם אנגענומען אן אימה פון דער שווייגעדיגער פוסט־קייט, קוים בעלויכטען מיט רויכערדיגע לעמפלאך.

.12

די פלעגערין, וואס די נאכט איז איהר רייה געווען, האט באגינען אויפגעוועקט סאשא'ן און איז אוועק וועקען אנדערע. עס איז נאך געווען גאנץ פינסטערליך, דורך די פענסטער איז קוים, קוים דורכגעדרונגען א שוואך, בלייך־גרוי און אומעטיג ליכט, עס איז געווען פייכט און קאלט אין דער גרויסער געביידע, וואס האט זיך אבגעקיהלט איבער דער נאכט. סאשא האט זיך איילענדיג אנגעטהאן. זי האט די גאנצע נאכט געציטערט און איהרע צייהן האבען גיך־גיך געקלאפט; זי האט געפיהלט, אז איהר לייב קאר־טשעט זיך און ווערט ווי אויסגעשאטען מיט קליינטשינקע בלעזע־לאך. אויך די אנדערע פלעגערינס, קוים זיכטבארע אין דעם האלב־דונקעל, האבען געציטערט אויף זייערע בעטען. אלע האבען גע־שווינגען. יענע, וועלכע האט געוועקט, האט ניט אויסגעטאנענער־הייד זיך א ווארף געטהאן אויף'ן בעט דערביי און איז גלייך איינ־געשלאפען; סאשא האט געזעהן איהרע מיעדע, איינגעפאלענע,

טונקעלע אויגנגלעדלאך אויף איהר בלייך געזיכט, וואס האט אויס־געקוקט ווי בלוי ביים שוואכען שיין.

נאָך אלץ ציטערענדיג האט זי געזוכט זיך צו דערוואַרעמען דורך אייגענע בעוועגונגען. זי איז ארוים אונטען, אין עס צימער פון די בעדיענטע, וואס איז געווען אין קעלער־שטאק. דאָרט איז געווען נאָך קאלטער, פייכטער און אזוי פינסטער, אז מען האט געמוזט אָנצינדען די עלעקטרישע לעמפּלאך, וואס זיינען געהאנגען פון נידריגען געוועלבטען סופים.

און פונקט ביי אזא גרינליכען טיש, ווי אין דער אנשטאלט, האט סאשא איילענדיג און בריהענדיג די ליפען זיך אָנגעטרונקען מיט טהעע. זי האט געזוכט צו דערוואַרעמען איהר פנים און איהרע הענד מיט דער הייסער פּארע.

— קענסט זיך גאָר ניט דערוואַרעמען — האט זי געמורמעלט.

די דיקע, אלטע פלעגערין, וואס איז געזעסען לעבען איהר, האט שווייגענדיג אויף איהר א קוק געטהאָן און גלייכגילטיג זיך אָבגעקעהרט.

„וואָסערע אונהיימליכע מענשען זיי זיינען!" — האט סאשא א טראַכט געטהאָן, „און אלע אזוי!"

זי האט דאס שוין געהאט בעמערקט און געטראַכט, אז דאָס איז דערפאַר, וואָס די ארבייט איז דאָ א שווערע, לאַנגווייליגע און עקעלדיגע, און אז לעבען לעבען זיי אויך לאַנגווייליג און מאָנאָטאָן, און רק איינער דעם אַנדערן אויף די אויגען, צווישען איבלע ריחות, קראַנקע קאפּריזען, צווישען מענשען וואָס מאַטערען זיך און שטאַר־בען אלע אויף איין שטייגער.

„אי, איז דאס א לעבען!" — האט זי א טראַכט געטהאָן, און האט זיך אויפגעהויבען און אוועקגעטראָגען דאָס קריגעל אויף איהר פּלאַץ, — איך וואָלט בשום אופן דאָ ניט געבליבען!... און אָט לעבען דאָך מענשען, און עלטערן זיך... קיין ליכט, קיין פרייד... גאָט מיינער... ווען ניט מיטענקא, וואָלט איך א שפּיי געטהאָן אויף אלץ"...

— קאָזאָדאָיעווא, אייך רופט די קראַנקע אייערע! — האט

א פלעגערין געזאגט און איז פארבייגעגאנגען קלינגענדיג מיט די פלעשלאך...

סאשא האט אבגעזיפצט, האט זיך צורעכט געמאכט די האר און איז אוועק צוריק אויבען מיט די ליידיגע, ברייטע — שוין צו ברייטע — און זויבערע שטיעגען. איהרע טריט האבען משונה ווילד אבגעהילכט אין דער פוסטקייט.

אין צימער פון דער קראנקער באראנעסע איז די לופט געוועז א שטיקענדע און ניט נור א ווארימע, נור א זודיגע, ווי אין א באד. עס האט געשמעקט מיט רפואות, פארפיומען, וואס מען האט גע־שפריצט אום צו פערשטיקען דעם גודנעם, זיסליכען און שארפען ריח פון פוילענדען קערפער. סאשא'ן האט אזש אין קאפ א זעץ געטהאן, ווען זי איז אריין אין אט דער לופט פון קאלטען קארידאר.

די באראנעסע איז געלעגען אויפ'ן רוקען און געקוקט צו דער טהיר מיט די איינגעפאלענע, קראנקע און צורייצטע אויגען. די מויל ווינקלען האבען זיך געהויבען ארויף און אראב. מיט איהרע דינע, פערקרעמפפטע פינגער האט זי קרענקליך איילענדיג געפיהרט איבער דער קאלדרע. אויף יענער ברוסט, וואס דער קרעבס האט געפרעסען און וועלכער קיין אפעראציע האט ניט געקענט העלפען, איז געלעגען א פענכער מיט אייז, איינגעוויקעלט אין א האנדטוך.

— גאט מיינער — האט זי מיט א קאפריזנע־פערליטענעם קול בעגעגענט סאשא'ן — מען קען זיך דאך גאר ניט אייך דער־רופען... אט די פערד פערשטעהט גאר ניט... איך האב די גאנצע נאכט נים געשלאפען... גיט אייז אהער... קעהרט מיך אום...

איהר שוואך, קאפריזנער קול האט דערעסיג געקלונגען סא־שא'ן אין אויער, בעת זי האט ארונטערגעשטעקט איהרע הענד אונ־טער דעם מאדנע שווערען, אבגעלאזענעם קערפער פון דער בארא־נעסע און איהר אונטערגעהויבען אויף די קישענס.

— העכער... נאך... מיין גאט, איהר טהוט מיר וועה... נאך...

דער גערוך פון נאסען, קראנקען שוויים, וואס האט אנגע־זאפט איהר העמד, האט סאשא'ן א שלאג געטהאן אין פנים און אין מויל. די לייליכער אונטער איהר האבען זיך צונויפגעדרעהט און זייגען געוועזן עקעלדיגע, הייסע.

— ווילט איהר טהעע אדער מילך? — האט סאשא געפרעגט, אבכאפענדיג דעם אטהעם און צורעכט מאכענדיג די צושאטענע האר.

די באראנעסע האט ניט גלייך געענטפערט. מיט איהרע בייזע, פינסטערע אויגען האט זי געקוקט אויף איהר גלייך אין פנים אריין.

— מילך? — האט סאשא איבערגעפרעגט.

— אך, זעלבסט פערשטענדליך! איהר ווייסט דאך, וואס איך טרינק אין דער פריה! — האט די באראנעסע צורייצט געענטפערט.

סאשא האט אבגעשוויגען און איז אוועק נאך מילך.

„און איך האב אויף א האר קיין רחמנות ניט אויף איהר — האט זי ארויבגעהענדיג פון די טרעפ, געטראכט וועגען דער בארנעסע — א געזונטע האט זי אויך געמוזט זיין אזא שלעכטע....“

דעם ערשטען טאג האט סאשא רחמנות געהאט אויף איהר, און עס איז איהר געווען שרעקליך און אזוי מאדנע צו טראכטען, אז אט די פרוי איז קראנק און אז דער לייב ביי איהר פוילט, און אז זי וועט באלד שטארבען. אבער די שווערע, עקעלדיגע ארבייט ארום איהר האט באלד אבגעטעמפט איהרע געפיהלען, אט ווי ביי די צוויי גרויסע פויערים, וואס זיינען געקומען אנטקעגען סאשא'ן, נור וואס זי איז אריינגעקומען. זיי האבען גלייכגילטיג געשלעפט א ווייסען טרעגער פאר עמיצען, וואס איז ביי נאכט געשטארבען, געשלעפט און זיך געזידעלט צוליעב עפעס א לייאך. סאשא איז שוין גאר מעכאניש געגאנגען ארום דער קראנקער, איהר איבערגעקעהרט, געטראגען די כלים, געקארמעט און געטראכט ניט וועגען איהר, נור וועגען זיך.

די מילך האט אויפגעקאכט, און סאשא איז געקומען צוריק.

— שוין זשע קענט איהר ניט גיכער, — אה, מיין גאט, — האט די בארנעסע בעגעגנט, שיער ניט מיט צייהן־קריי־צעניש. דאס איז געווען די שנאה, די אונענדליכע קנאה פון א קראנקען, אונגליקליכען מענשען, צו א געזונדען און דורכדעם גליק־ליכען מענשען.

— וואס קען מען שוין גיכער! — האט סאשא אבגעמורמעלט ווי פאר זיך און פערדראסיג.

— איהר זאָלט ניט וואַגען מיר גראָב צו זיין! — האָט די באַראָנעסע אויסגעקוויטשעט.

סאַשא האָט אָבגעשוויגען.

— שוין ווידער מילך... וויפיעל מאָל געקאָכט?

— צוויי.

— ניט אמת, איהר ליינט... קאָכט אויף נאָך אַמאָל.

— אויף מיין עהרענוואָרט, צוויי — האָט סאַשא געשמייכעלט.

— און איך זאָג אַז ניט... ווי וואָגט איהר צו שפּאַרען זיך מיט מיר... איך זאָג אייך, קאָכט אויף נאָך אַמאָל...

סאַשא איז ווידער אַרונטערגעגאַנגען.

עס איז געוואָרען דערוויייל טאָג, אין די קאָרידאָרען איז געוואָרען ליכטיג און וואַרם. דורך די גרויסע פענסטער האָבען זיך געגאָסען שטראַמען זונען־שיין, אָבער דער שפּיטאָל האָט עס ווי ניט בעמערקט, פול פון זיין שווערען, איבעלדיגען און אבשטאַרבענדיגען לעבען. אויך סאַשא האָט ניט געמערקט די וואַרימקייט און דאָס ליכט, האָט געטהאָן איהר שווערע, פריידענלאָזע אַרבייט, האָט געהויבען די קראַנקע, זיי געקאָרמעט, און געגעבען רפואות, ערנאָך געגעסען מיטאָג, אונטען אין קעלער־שטאָק.

נאָך מיטאָג האָט זי זיך צוקריגט מיט איהר קראַנקע.

— איהר מיאוס'קייט! — האָט די באַראָנעסע געשריען, זיך פערכלינענדיג פון טרעהרען און מאַכטלאָזען כעס. — ווי וואָגט איהר מיר גראָב זיין! איהר ווייסט, ווער איך בין און ווער איהר זייט!...

סאַשא האָט זיך דערשראָקען און בעליידיגט. זייט זי איז אַרויס פון שאַנדהויז, האָט קיינער אויף איהר אַזוי ניט געשריען, און איהר האָט זיך שוין געדוכט, אַז קיינער וועט קיינמאָל מעהר ניט זידלען, אַז קיינער האָט איצט קיין רעכט אויף דעם.

אין די קולות פון דער קראַנקער, אין איהרע בייזע געשרייען האָט זי דערהערט דיזעלביגע בעליידיגונגען, וואָס האָבען זיך געשאָטען אויף איהר אין איהר פריהערדיגען לעבען, און אויף א רגע האָט זיך איהר אָבגעדוכט, אַז זי זיצט אויפ'ן דיל, בעדעקט זיך

מיט די הענד און אויף איהר קאָפּ און רוקען פאַלען מיט וועהטאָג די קלעפּ פון דער „מוהמען".

און ווען די קראַנקע איז פּלוצלונג אנשווינען און בלייך געװאָרען און פערקוועטשט די אויגען און עקשנות'דיג ביטרע איהר א שטוים געטהאָן אין פּלייצע מיט איהר ביינערדיגער, שוואַכער פויסט, האָט סאשא פּלוצלונג זיך צוואוויינט, פערשטעלט דאָס פּנים מיט די הענד און אוועק.

— נאָט מיינער, נאָט, — האָט זי געשעפּטשעט — כאָטש וואס גיבער ארויסרייסען זיך אין אמת'ן לעבען!... וואס איז דאָ אזוינס... מיטינקא, מיין ליעבינקער! וואס קוקסטו...

און זי האָט אליין ניט געוואוסט, וואס זי ערוואַרט פון איהם.

אזוי איז אוועק א טאָג, א שווערער, וועהמוטיגער און לאַנגװייליגער.

שוין גאָר נעגען אבענד איז א קראַנקען־פלעגערין געקומען און סאשא'ן א רוף געטהאָן.

— עמיצער פרעגט אויף אייך, — האָט זי געזאָגט.

— געקומען! און איך... נאַרישע! — האָט סאשא שיער ניט אויסגעשריען און כמעט לויפענדיג זיך אוועקגעלאָזען איבער'ן קאָרידאָר, א לייכטע און א לוסטיגע, פערגעהענדיג פון ליעבע און ערװאַרטונג. זי האָט ערוואַרט עפּעס אויסערגעוועהנליך פרעהליכעס, וויכטיגעס.

סעמיאָנאָוו, אין א לאַנגען, שלעכטען רעקעל, צוריסען אונטער די אָרעמס, איז געשטאַנען אין קאָרידאָר, מיט דער היטעל אין האַנד.

— דאָס זייט איהר קאָזאָדאָיעװאַ? — האָט ער בייז געפרעגט.

בייז איז ער געוועזען ניט אויף איהר, נור אויף דאָס שטיקעניש און וועהטאָג אין ברוסט, וואס האָט זיך היינט בעזונדערס פערשטאַרקט.

— איך — האָט סאשא געענטפערט, אבשטעלענדיג זיך אין האַסט האַרט פאַר איהם.

— איך קום פון ראַסלאָוולעוו'ן — האָט סעמיאָנאָוו א זאָג געטהאָן.

— אָך, זייט אזוי גוט — האָט זיך עפּעס ביי איהר ארויס־

— זיי זיינען ניט קראנק? — — זיי זיינען ניט קראנק? — גערעדט און זי איז רויט געווארען, — זיי זיינען ניט קראנק? — האט זי אונרוהיג א פרעג געטהאן.

— ניין, געזונד, מסתמא — האט סעמיאנאוו אלץ נאך בייז אבגעענטפערט און זיך צוהוסט.

סאשא האט געשוויגען.

— ראסלאוולעוו האט געבעטען מיך אייך איבערגעבען, אז ער פאהרט איצט אוועק און אז ער וועט, מן הסתם, לאנג אויסען זיין... דאס הייסט ניט דאס, נאר איינפאך, ער... אט האט איהר דא געלד, — האט סעמיאנאוו דורך'ן הוסט און מיט כעס אויס־געשריען. ער האט אויף סאשא'ן ניט געקוקט. ער האט פון קע־שענע ארויסגעקראגען דעם פאקעט, וואס ער אליין האט היינט פריה זארגפעלטיג פערקלעפט. — און ווען אייך געפעלט דא ניט, וועט ער אייך בעזארגען — — א פלאץ... אין א מאדע־מאגאזין, ביי מאדאם עלזא, פיעלייכט.

סאשא האט געשוויגען. סעמיאנאוו האט פערוואונדערט אויף איהר א קוק געטהאן און איז געשטאנען און אין האנד האט ער אזוי אונגעשיקט געהאלטען דעם פאקעט.

עס איז געווען אזוי שטיל, אז מען האט געהערט, ווי איינער געהט ארום, שארט מיט די פאנטאפעל און שפייט הילכיג ערגעץ אריין.

— נעהמט דאס געלד — האט סעמיאנאוו מיט כעס ארויס־געבורטשעט.

דער קאפ האט ביי איהם געשווינדעלט פון שוואכקייט, און אין די אויערן האט געקלונגען, און עס איז איהם שוין ניט אנגע־גאנגען קיינער און קיין זאך אין דער וועלט, אויסער דער טעמפער, נאגענדער וועהטאג אין ברוסט.

סאשא האט צוגענומען.

— מעהר גאר נישט? — האט סעמיאנאוו געפרעגט.

— גאר נישט — האט סאשא קוים מיט די ליפען א ריהר געטהאן.

סעמיאנאוו האט א ווײלע געשוויגען.

— נו, א גוטען.

— א גוטען.

סעמיאָנאָוו איז אוועק, מיט א געבויגענעם רוקען און הוסטענ־דיג.

סאשא איז לאנג און שטיל געשטאַנען און געקוקט אין מאָגערן, אָבגעריבענעם רוקען פון סטודענט, וואָס האָט זיך אראָפּגעלאָזען פון די טרעפּ. דערנאָך האָט זי דאָס געלד אריינגעלעגט צו זיך אין קעשענע און איז אריין אין צימער פון די קראַנקען־פלעגערינס. דאָ האָט זי זיך צוגעלעגט אויפ'ן בעט, זיך צונויפגעדרעהט אין א הויפען, ווי זי וואָלט געוואָלט בלייבען אונבעמערקט פון אלעמען.

— איהר זייט קראנק, קאזאָדאָיעווא? — האָט א פלעגערין געפרעגט.

— ניט מיט אלעמען, — האָט סאשא שטיל געענטפערט.

— דאָ קראנק ווערען איז איינס און צוויי! — האָט די פלעג־גערין ארויסגערעדט מיט שנאה צו אימעצען. — איך וועל האָרט עמיצען אוועקשטעלען פאר אייך, און איהר ליעגט זיך דורך א ווײַלע. נעהמט די טעמפּעראַטור.

— גוט — האָט סאשא געהאָרכזאַם אָבגעענטפערט.

און סאשא איז אָבגעלעגען דעם גאנצען אבענד און די גאנצע נאכט אויף דעם בעטעל, מיט דעם קליינעם הארטען, לעדערנעם קישעלע, וואָס זי האָט עס נאָכדעם געדענקט א גאנץ לעבען.

13

פאר איהרע אויגען האָבען אין דער פינסטער געטאַנצט און געשוואומען גאָלדענע רעדער, און עפּעס טיעף אין די אויגען, העל בעלויכטען פון אן אינווענינסטען ליכט, זיינען געשטאַנען, זיך צו־נויפגעשוואומען און זיך צושוואומען איינע נאָך די אנדערע פּנים'ער, מענשען, סצענען. אלץ, וואָס סאשא האָט געהערט און געזעהן פאר די טעג, האָט זיך געשטעלט פאר איהר, און זי האָט אזוי דייטליך געפיהלט, אז עפּעס האָט זיך אָבגעריסען א קנופּ, וואָס זי האָט אליין צוגעקלערט, און אז זי איז ווידער איינע אליין, אן איבעריגע פאר אלעמען, אן אומגליקליכע, ווי פריהער.

„נו, איז וואָס... ניט ליעב, איז ניט ליעב — האָט זי מעכאַניש

געטראכט און זי האט אריינגעקוקט אין דעם חושך, וואס איז בע־לעבט געווען מיט בעקאנטע געשטאלטען — איך האב געמיינט, אבער מאלע וואס איך האב געמיינט... קען מען דען אזעלכע ליעב האבען? וויים דיין ארט!..."

עס האט זיך פארבייגעטראגען פאר איהר דער מאדע־מאגאזין, וואו זי האט געארבייט, איידער זי איז פון וועג אראב, און סאשא האט ווי דערפיהלט דעם דינינקען שפיץ פון דער נאדעל און דעם וועהטאג אין די פינגער, און אין רוקען. און טונקעל האבען זיך געמאהלען פאר איהר די פנים'ער פון איהרע אמאליגע חבר'טעס, ווי זיי זיצען אייביג איינגעבויגענע איבער א לאנגווייליגע, פאר זיי גאר ניט נויטיגע ארבייט.

„און ווידער, הייסט עס, אין יענער קאטארגע אריין!" האט סאשא שיער ניט אויסגעשריען, ווי אויפכאפענדיג זיך פון א שרעק — „און צוליעב וואס?... האב איך דען דערפאר די אלע יסורים איבערגעטראגען, אום אנצוהויבען אלץ פון דאס ניי? אבער דא בלייבען! אלע מאל ארום קראנקע געהן... אהן ליכט, אהן פרייד... האב איך דען אזוי זיך פארגעשטעלט, ווען איך בין פון יענעם לעבען אוועק?"

עס האט זיך דערהערט א ניט דרייסטער, צוגעשטיקטער קלאנג און איז אויסגעגאנגען אין פינסטערניש.

„אבער דאס וויין איך דאך", האט סאשא'ן זיך דורכגעטראגען דורך'ן קאפ.

טרעהרען זיינען איהר אנגעלאפען אין די אנגעשטרענגטע אויגען, און די גאלדענע רעדער האבען זיך גענומען דרעהען און זיך פערלארען, און אלץ איז פערשוואונדען, און זי האט שוין קלאר זיך געזעהן און אלץ, וואס מיט איהר טהוט זיך און וואס עס שטעהט איהר פאר.

עפעס האט אין הארצען איהר א דריק געטהאן, פון אנהויב אזוי לייכט, דערנאך מיט וועהטאגדיגער שווערקייט, און זי איז פול געווארען מיט רחמנות צו זיך אליין. זי האט אנגעטהאן זיך א כח צו פערשטעהן, וואס דאס איז אזוינס, און זי האט פלוצלונג זיך דערמאהנט, אז עס טהוט איהר מארגע באנג די ליכטיגע.

שטילע, קינדעריש־התפעלות׳דיגע פרייד, וואס זי האט איבערגעלעבט די ערשטע נאכט אין היים, ווען זי איז געלעגן אין בעט און געקוקט אויף דעם גרויליכען פלעק פון פענסטער און געוואָרט, אז פון מאָרגענדיגען טאָג אָן וועט זיך אָנהויבען א ניי, א וואונדערליך ריין און גליקליך לעבען.

„נאר, נאר, וואָס דו ביזט! — האָט זי מיט ביטערען פאר־וואורף געזאָגט צו זיך אליין — אזוינס איז גאָר נישט פאראן...״

ערגעץ ווייט האָט א קלאפ געטהאָן א טהיר און א סקריפּע געטהאָן מיט׳ן רעדעל, עמיצער איז מיט שלעפּעריגע טריט דורכ־געגאנגען אין קאָרידיאָר, דערנאָך האָט די שווינדזיכטיגע אין דער דריטער קאמער זיך צוקרעכצט.

סאשא האָט זיך דערמאָהנט דעם קלאנג פון דער פיאנאָ אונ־טער ליובקא פינגער, דעם וועהמוטיג־איינזאמען קלאנג, וועלכער איז אזוי פלוצלונג פערשוואונדען, און איהר האָט זיך פאָרגעשטעלט, אז דאָס קרעכצט ניט די קראנקע, נאָר די פיאנאָ אונטער ליובקא׳ס פינגער.

„און עס קומט אויס, אז ליובקא האָט בעסער פון אלעמען געהאנדעלט — איז איהר געקומען אויפ׳ן געדאנק — געשטאָרבען און אָן עק... ווען גליק איז ניטאָ, איז זי בעסער אויך ניטאָ!.. צו וואָס זיך געפייניגט!... ווען גליק איז ניטאָ, איז דאָך אלץ איינס וואו און ווי מען לעבט... אויסבעסערער! — האָט זי זיך דער־מאָנט איוואנאָוואָ׳ס ווערטער — א קלאָג אויף זיי!״

עמיצער איז צוגעקומען צו דער טהיר מיט שווערע טריט און איהר געעפענט. א שווארצער שאָטען האָט איבערגעהאקט דעם פאס העלען ליכט, וואס האָט זיך דורכגעריסען פון בעלויכטענעם קאָרידאָר דורכ׳ן גאנצען צימער.

— קאזאדאיעווא אלעקסאנדרא! — האָט די פעלדשערין א רוף געטהאָן מיט איהר קלאנגלאָז־אויסגעוועבטען קול פון מאנאָ־טאָנעם, שווערען שפּיטאָל־לעבען.

— הא? — האָט סאשא זיך אָבגערופען און זיך צוגעזעצט אויפ׳ן בעט.

— ווי גאָט איז אייך ליעב, געהט צו אייערער... זי רופט

איך... פערמאטערט האט זי מיך! — האט די פעלדשערין גע־רעדט מיט א גלאנגווייליטען און בעטענדען טאן.

סאשא האט זיך מעכאניש אנגעטהאן און איז ארויס, פינט־לענדיג געגען ליכט מיט די מידע, לעבלאזע אויגען.

— ווארפט זיך משוגע'נערוויז... קיינער קען איהר ניט צו־טרעפען.

סאשא האט געקוקט אויף איהר יונגען, אבער זעהר ניט שעהנעם, קאלירלאזען פנים, מיט די גרויע האר, אנגעזאפט מיט דעם ריח פון יאדאפארם און קארבאל, מיט די מאטע אויגען און בעטריעבטען אויסדרוק אויף די אבגעלאזטע מויל־ווינקלען.

„אט אזא וועל איך אויך זיין!" האט זי א טראכט געטהאן מיט שרעק.

און פלוצלונג האט זי דערפיהלט, אז עס הויבט זיך אין איהר א פראטעסט, פון א יונגען, שטארקען ווילען, וואס פאדערט זיין רעכט.

— און אלע זיינען זיי אזוי — האט זי ארויסגערעדט בייז און איז אוועק מיט'ן קארידאר.

אין צימער פון דער באראנעסע איז אויך געוועזן שטיקענד און האלב פינסטער.

די באראנעסע איז געלעגען אויפ'ן רוקען און מיט פיבעריש גלאנציגע אויגען האט זי בעגעגענט סאשא'ן.

— וואס פערלאנגט איהר? — האט סאשא א פרעג גע־טהאן און האט זיך אליין פערוואונדערט אויף איהר בייזען און גראבען קול.

— וויפיעל מאל האב איך אייך געזאגט, אז איך קען ניט אזוי... איך קען ניט! — האט די באראנעסע געשריען מיט אן אנגעריסענעם קול און וויינענדיגען כעס.

— וואס קענט איהר ניט! — האט סאשא ניט פערשטאנען.

— איהר ווייסט נעביך ניט?... אך, ווי פיין! וויפיעל מאל האב איך געזאגט, אז איך קען עס ניט ליידען, אז פערשיעדענע זאלען מיך בעדיענען... זי הויבט ניט אן צו וויסען! איך פערלאנג א בעדיענטע, וועלכע זאל מיר... וועלכע זאל וויסען מיינע גע־

וואוינהייטען! עס איז ניט אויסצוהאלטען... איך וועל זיך קלאָ־גען!...

סאשא האָט געקוקט אויף איהר, און ביי איהר אין קאָפּ האָט זיך מאָדנע עפּעס געפּלאָנטערט.

— וואו זייט איהר אהינגעקומען?

— איך האָב דאָך... געשלאָפען...

— די באראָנעסע האָט א שוּפ געטהאָן מיט׳ן גאנצען קערפּער.

— געשלאָפען? זעהט נור, כ׳לעבען... האָט מען אייך בעאונ־רוהיגט?

סאשא איז פּלוצלונג צוגעגאנגען צו איהר גאָר נאָהענט און זיך איינגעבויגען:

— ביי מיר, פּריצה, האָט אן אומגליק געטראָפען — האָט זי ארויסגערעדט שטיל, מיט בעטאָנונג.

די באראָנעסע האָט פערוואונדערט א ווייל׳ע געשוויגען.

— אן אומגליק? וואס מיינט איהר?

— מיך האָט מיין געליעבטער אוועקגעוואָרפען... א נאָהענ־טער מענש — האָט סאשא פּונקט אזוי שטיל זיך פערבעסערט. זי האָט געקוקט דער באראָנעסע גלייך אין פּנים אריין.

— אזוי? און וואס איז דאָס מיין עסק? — האָט די באַ־ראָנעסע אויסגעשריען — הערט נור אביסעל, וואָסערע צערטליכקיי־טען!...

— און איהר, וואס, וויינט ניט, לייענענדיג אייערע בריעף?

— האָט סאשא צו־להכעיס׳דיג, ווי פון עפּעס געשטויסען, איהר אָבגעענטפערט.

די באראָנעסע איז בלאס געוואָרען. איבער איהר פּנים האָט א שוועב געטהאָן יענער ווייכער, פערלאָרענער, קלעגליכער אויס־דרוק, וואס מען מערקט ביי מענשען, וואס האָבען פון גליק ניט געוואוסט.

די בריעף, פון וועלכע סאשא האָט גערעדט, זיינען געווען בריעף פון איהר מאן, וועלכער האָט שוין לאנג ניט בעזוכט זיין קראנקע, לאנגווייליגע פרוי.

אָבער די באראָנעסע האָט בייגעקומען איהר געפיהל. זי האָט

געהאלטען פאר אן ערנידריגונג פאר זיך ארויסצואווייזען עס פאר אזא נישטינגען מענשען, ווי סאשא.

— דאכט זיך, איהר פערגלייכט מיך מיט זיך? — האָט זי הויכמוטהיג א זאג געטהאָן.

— דאָך אלץ איינס — האָט סאשא איהר אָבגעענטפערט — אלעמען ווילט זיך גליק... מיר, און אייך און אלעמען!...

— גליק. — א שעהנע מעשה! אָבער איהר זייט דאָ ניט פאר גליק, נור ארומצוגעהן ארום קראנקע!... טהוט אייער ארבייט... הויבט מיך אויף!

סאשא האָט זיך ניט גערירט פון ארט.

— איהר הערט, צי ניט?

— און איהר וואָלט ארומגעגאנגען ארום קראנקע! — האָט זי געפרעגט.

די באַראָנעסע האָט מיט שרעק און האס אויסגעקרימט אויף איהר איהר בלישטשענדען קראנקען אויג.

— איך האָב אייך דאָך שוין געזאגט, איהר זאלט זיך ניט דערוועגען מיך צו פערגלייכען מיט זיך... איהר... איהר דארפט זיך שעצען גליקליך, וואס מען ערלויבט אייך אטעמען!... אזא נאַר־נישט! — האָט זיך ביי דער באַראָנעסע ארויסגעריסען.

— אָי, א גליק! — האָט סאשא ווי פון היץ זיך צושמייכעלט — אָטעמען קען מען אומעטום... און איהר פּאָדערט צופיעל דערפאר... איהר!

— ווי וואגסטו צו ריידען אזוי מיט מיר — האָט די באַראָנעסע אויסגעשריען אויסער זיך און האָט צוגעגעבען א מיאוסע, גראָבע זידלעריי, וואס זי האָט ערגיץ וואו געהערט — איך וועל דיך הייסען ארויסווארפען פון דאנען, דו אומגליקליכע!... אויף דער נאס וועסטו פוילען — האָט זי געגוואלדעוועט.

א קאלט, שווער געפיהל האָט דורכגענומען סאשא׳ן און האָט זיך ארויסגעריסען מיט א שניידענד געשריי:

— אָן אומגליק! איבערגעשראָקען!... אלע וועלען מיר פערפוילט ווערען... און איהר נאָך גיכער פון מיר!

— אָה — האָט די באַראָנעסע אויסגעשריען רחמנות'דיג, דערשראָקען.

און עפּעס פרעהליך־בייזעס האָט אונטערגעכאַפּט סאשא'ן און ווי נעהמענדיג נקמה אָן עמיצען, האָט זי געשריען.

— נו, יאָ... איהר וועט פוילען, פוילען... איהר פוילט דאָך שוין איצט!... איהר עהרליכע... כאַפּט אייך!...

די באַראָנעסע האָט עפּעס שוואַך און ניט קלאָר אַרויסגעמור־מעלט, האָט אויפגעהויבען אַ האַנד און — זיך צוויאַמערט. און איהר יאָמערן איז געוועזן אַזאַ שרעקליך־עלענדער, אַז סאשא איז, מיט ברייט־געעפענטע אויגען, אַנטשוויגען געוואָרען. זי איז פול גע־וועזן מיט כעס און גרויל. זי איז אַרויסגעשפּרונגען אין קאָרידאָר און אַנטלאָפען.

עס האָט געגרויט אויף טאָג.

סאשא איז צוגעגאַנגען צום פערמאַכטען פענסטער, האָט אַרויס־געקוקט אויף דער קוים, קוים שעמערירענדער גאַס, זיך אַ כאַפּ גע־טהאָן פאַר'ן קאָפּ און אַרויסגערעדט הויך און צוצויגען:

— אַלע וועלען מיר פוילען... איך און אַלע... כאָטש אַ קליין ביסעלע פרייד! און אַזוי איז דאָך אַלץ איינס! לאַנגווייליג... אור־מע־טיג!...

פאַר'ן פענסטער האָט זיך פאַרביי־געטראָגען מיט אַ דומפּפער בראַזגעריי אַ קאַרעט מיט אָנגעצונדענע לאַנטערנעס... די געוויקסיגע פערד האָבען ווי געדעקט דעם ברוק, און דער קוטשער, אין אַ וויכ־טיגער פּאָזע, האָט געהאַלטען די הענד אויסגעשטרעקט.

„פון אַ באַל, ווייזט אויס — האָט זי געטראַכט — יאַ, ווען כאָטש עפּעס... און אַזוי! צו וואָס? מוחל, מוחל זיי אַלעמען... דער קוטשער, מ'סתם, איז אַ גאַנצע נאַכט געזעסען, געוואַרט — איז איהר פלוצלונג געקומען אויפ'ן געדאַנק — אַך, אַזוי לאַנג־ווייליג! און וואָס עפּעס?..."

דער נאַסער ברוק הינטער'ן פענסטער האָט גענומען בלישצען. און די אויגען ביי סאשא'ן זיינען נאַס געוואָרען, ווי דער ברוק הינ־טער'ן פענסטער, און איהר האָט זיך געדוכט, אַז זי גיסט זיך צונויף מיט'ן ברוק, מיט'ן גרויען הימעל, מיט דער גרויער, נאַסער שטאָדט,

אז ערגיץ איז גיטאָ קלאָרעס, ריינעם, לעבעדיגעם, נור אומעטום א קראנקע, נודנע, זינלאָזע צוגאָסטענקייט.

און אָט דאָס עקעלדיגע געפיהל אין איהר יונגען, פול קראפט און שעהנקייט, קערפּער, אזא זשעדנעם נאָך גליק, איז פערשוואונדען ערשט דאן, ווען סאשא, אין א ניי, שעהן קלייד, פון שטאָהלקאָליר, אין א גרויס פּרעכטיג הוט, געקויפט אויף ראסלאוולעוו'ס געלד, האָט זיך דערזעהן אין שפּיגעל ביים אריינגאנג אין זאל: „אלכאזאר“; זי האָט דערזעהן דאָס, וואס זי האָט אם מעהרסטען ליעב געהאט: זיך גופא, א שעהנע, א פערפּוצטע, א פּרעכטיגע פון קאָפּ ביז די פיס.

און ווען זי איז שוין געווען גאר שכור, האָט סאשא אויסגעשריען:

— צום טייוועל מיט אייך אלעמען!

א שכור'ער, פּרעהליכער הערר, אין א גלאנציגען צילינדער, האָט זיך צולאכט.

— וואס גאָר?

סאשא האָט הפקר'דיג א מאך געטהאָן מיט דער האנד.

— קום, א פּאָהר טהאָן, ליעבינקער... אלץ איינס!...

און ביי נאכט, אין זיינע ארעמס, האָט סאשא א בערוישטע און א צוהוליעטע זיך געפיהלט לייכט און אָנגענעהם. אין קאָפּ האָט געהילכט, און עס האָט זיך געדוכט, אז עס איז פּרעהליך.

דער פריה־מאָרגען איז געקומען א גרויער, א טויטער, אן אונענדליך און פערצווייפעלט אומעטיגער...

.1904

גרויל און פינסטערניש

גרויל און פינסטערניש

1

ווי געוועהנליך, האָט נינאָטשקע פערבראַכט דעם גאַנצען אבענד ביי דאָס אַלטע פּאָר פּאָלק איוואַלגין. עס איז איהר גוט און פרעהליך געווען ביי זיי, ווייל ביי די אַלטיטשקע איז תמיד געווען אַזוי ליכטיג־היימליך, און אויך ווייל איהר, נינאָטשקע׳ן, איז אומעטום געווען פרעהליך: זי איז ווי איינגעטונקט געווען אין יוגענד פרייד און האָפנונגען פון קאָפּ ביז די פיס. זי האָט אַלץ נעפּלאָפּעלט וועגען דעם, ווי וואונדערליך עס ווילט זיך איהר לעבען און לוסטיג זיין. ארום עלף א זייגער האָט זי זיך אויסגעקליבען א היים, און דער אַלטער איוואַלגין אליין איז איהר אוועק בעגלייטען.

דרויסען איז געווען פינסטער און פייכט. פון טייך, וואָס איז ניט געווען צו זעהן הינטער די צושוואומענע אין דער טונקעלקייט הייזער און שייערען, צונויפגעגאָסענע אין איין שווערער, שווארצער מאַסע, ווי א געשפּענסט, האָט געבלאָזען א רייסענדער, נאַסער און שטייפער ווינד. וועהמוטיג, אימה׳דיג האָבען געהורזשעט די ווערבעס אין די גערטנער. אויפ׳ן טייך האָט עפּעס געסאָפּעט, געקראָכען לאַנגזאַם, ווי מיליאָנען בלעטער וואָלטען זיך געשארט מיט א צוציטערטען, וואַקסענדען גערויש, ביז עס האָט זיך צושאָטען מיט א מאָדנעם קלאַנג, טראַסקעריי און געקרעכץ.

— דער אייז האָט זיך געריהרט, — האָט דער אַלטער איוואַלגין א זאָג געטהאָן. ער איז מיט מאַטערניש געגאַנגען געגען ווינד.

דער ווינד האָט געריסען און געשליידערט די פּאָלעס פון זיין

מאנטעל און נינאטשקעס קלייד און געשפריצט פון ערגעץ מיט קאלטע טראפענדלעך.

— דער פריהלינג געהט! — האט נינאטשקע זיך אבגערופען הילכיג־פרעהליך, ווי אלץ וואס זי האט גערעדט.

און, ווירקליך, עס האט זיך גערוכט, אז אין'ם חושך פון דער נאכט געהט עמיצער איבער'ן טייך, אין דער לופטען, מיט'ן ווינד. געהט מעכטיג, ווי א שררה, מיט ווארימקייט און נעץ.

— און באלד זייט איהר אין דערהיים! — האט איוואלגין א זאג געטהאן, נאר אום צו שאפען אנגענעהמעס דער ליעבער מיידעלע, אזא יונגער, פרעהליכער, גוטער און מילדער, וועלכע האט געוועקט אין זיין אלטען הארצען א בעזונדער ווארים־געפיהל, א פרייד און אומעט צוגלייך.

— אה, איצט, גאט צו דאנק, איז ניט ווייט! — האט ני־נאטשקע אויסגעשריען און אבגעקעהרט דאס פנים פון ווינד. איהר קול האט א ציטער געטהאן אזוי מונטער זיס.

זיי זיינען דורך דאס פינסטערע נאסע געסעל און זיך פער־קערעוועט אויפ'ן אפענעם פלאץ. דארט איז ליידיג געווען און עס האט געטראגען א קעלט, ווי פון א קעלער. ביים צווים ארום קירך איז נאך געלעגען דער האלב־צולאזטער שנעע און ווייסליך שעמערירט אין ארומיגען גראהען חושך. פון הינטער דער קירך, וועלכע איז קוים געווען צו זעהן דורך די טונקעלע הוילע בוימער, וואס האבען געקנאקט מיט די שפיצען, ווי מיט ביינער, האט זיך ארויסגערוקט א גרויסער מויער, מיט נאקעטע ווינקלען; ער האט א קוק געטהאן זיי גלייך אין פנים אריין מיט צוויי העל־בעלויכטענע פענסטער, ווי צוויי פון פחד אויסגעגלאצטע אויגען אין חושך אריין.

— אה, עמיצער איז געקומען צופאהרען, — האט נינאטשקע א זאג געטהאן פעראינטערעסירט.

זיי זיינען צוגעקומען צום טויער, אריינגעקוקט אין הויף, א פינסטערן און פערמאכטען פון אלע זייטען. פון ערגעץ האט אן אטעם געטהאן אויף זיי מיט ווארימען, פייכטען מיסט, און זיי האבען זיך אבגעשטעלט פאר'ן גאניק פון דער פאלקס־שוהלע.

נינאטשקע האט אויסגעשטרעקט איהר האנד. איוואלגין ...

מעשה פריינד אַ דריק געטהאָן איהרע קליינע צאַרטע פינגערלאַך מיט זיין ברייטער אַלטער האַנד און אַ זאָג געטהאָן:

— גוט נאַכט, הייפּעלע גליק!

ער האָט אַראָבגערוקט די אויערן פון זיין היטעל און גענומען איילענדיג טאַפּען מיט'ן שטעקען צוריק אַהיים; זיך אומגעקוקט אויף די פענסטער, זיין געבויגענער רוקען האָט אַ שווינדעל געטהאָן אין פאַס העלען ליכט, און ער איז פערשוואונדען אין דער גראָהער ווינטיגער פינסטערניש.

נינאַטשקע איז געשווינד אַרויף אויפ'ן גאַניק און אָנגעקלאַפּט אין פינסטערען פענסטער. עמיצער איז אַרויס פון טויער, און שווער טרעטענדיג איבער די לוזשעס, איז ער אונטען צו צום גאַניק.

— דאָס ביזטו, מאַטוועי? — האָט נינאַטשקע געפרעגט. — דער שליסעל איז ביי דיר?... ווער איז געקומען?

— איך, פריילין, — האָט אַ שוואַרצער מענש געענטפערט מיט אַ הייזעריגען כריפּ.

— דער שליסעל איז ביי דיר?

— אָט...

די טרעפּלאַך האָבען אַ סקריפּע געטהאָן און מאַטוועי איז אַרויף אויפ'ן גאַניק. ער האָט זיך פאַרביינעשטופּט פאַרביי נינאַטשקע'ן און געעפענט די טהיר. מיט אַ שטילען פּישץ האָט די טהיר זיך אַ זעץ געטהאָן אין דער פינסטערניש אַריין. עס האָט אַ שמעק געטהאָן ברויט.

— ווער איז געקומען? — האָט נינאַטשקע נאָך אַמאָל גע־פרעגט.

מאַטוועי האָט ניט גלייך געענטפערט.

— דער סליעדאָוואַטעל *), מיט'ן דאָקטאָר, מיט'ן פּריסטאַוו... אין טאַראַסאָווקי איז ענטדעקט געוואָרען אַ טויטער קערפּער.

נינאַטשקע איז טאַפּענדיג דורך דאָס פאָרהויז, אַריין אין קלאַס־צימער און לאַנג אַרומגעזוכט שוועבעלאַך...

— וואו האָב איך זיי נאָר אַהינגעטהאָן?..

---

*) אונטערזוכונגס־ריכטער. פּריסטאַוו—פּאָליציי־קאָמיסאַר.

מאטוועי איז געשטאנען ערגעץ אין דער פינסטערניש און געשוויגען.

נינאטשקע האט געפונען די שוועבעלאך און אנגעצונדען דעם לאמפ. א שוואך ליכט, ציטערענדיג ווי אויסצוגעהן, האט זיך צושוואומען איבער'ן צימער, וואס איז אנגעשטעלט געווען מיט שווארצע טישען־בענק, ווי מיט טרונעס.

— איך, פרייליין, דארף געהן נאך פערד אויף דער פאטשט און אויך די „איינגעשווארענע" צונויפטרייבען אין טאראסאווקע...

— ביי נאכט? — האט נינאטשקע זיך פערוואונדערט און זיך אבגעשטעלט פאר איהם מיט דער לאמפ אין האנד.

מאטוועי האט א פיהר געטהאן מיט'ן האנד און אבגעזיפצט.

— איהר, פרייליין, וואלט בעסער צום גלח, אפשר, ווארים זיי זיינען דא נישקשה'דיג אנגעשנאסקעט, גוואלדעווען, וועלען אודאי אייך ניט לאזען שלאפען.

— מאכט ניט — האט נינאטשקע געענטפערט. — שכור'ן שטארק?

— א פראגע א ביסעל — האט מאטוועי האלב מיט פערדרוס, האלב מיט קנאה ניט גערן געענטפערט און ווידער אבגעזיפצט. — טרינקען אין איין אטעם דעם גאנצען אבענד. אויף נאמנות, בעסער צום גלח, ווארים ביי זיי וועט א גאנצינקע נאכט אזוי אוועק...

— מאכט ניט... — האט נינאטשקע ווידער געענטפערט.

מאטוועי'ס שווייגען האט אויסגעדריקט: זיין הסכמה דארויף ניט ער ניט.

— טא וועל איך געהן, הייסט עס.

נינאטשקע האט בעגלייט דעם פויער ביז צו דער טהיר, פער־ריגעלט נאך איהם, איז דורך דאס קלאסען־צימער און מיט דער לאמפ אין האנד אריין צו זיך.

און גלייך האט זי דערהערט פון הינטער דער פערמאכטער און פערהאנגענער טהיר, וואס האט אבגעטהיילט איהר צימער פון צימער פאר „דורכרייזענדע בעאמטע", א הילכיגען, ביז גאר שכור'ן געלעכטער, א קלינגעריי פון גלעזער און א רוקעריי מיט דער קא־

נאפע. פון אונטער דער טהיר האָט געטראָגען מיט טאבאק און נאָך מיט עפּעס אַ שווערען, זודיגען ריח.

נינאָטשקע האָט געעפענט די פּאָרטאָטשקע, האָט נייגיעריג זיך אומגעקוקט אויף דער טהיר און אָנגעשפּיצט איהרע אויערען.

— שוין גוט, שוין גוט... מיר קענען אייך!.. און אַליין אודאי ניט איינמאָל דעם באָרען אָנגעטאַפּט... — האָט עמיצער געשריען מיט אַ גראָבען, אונאָנגענעהמען קול.

— שטילער, דו! — האָט אַ צווייטער זיך געוואָרגען מיט אַ שכור׳ן, טעמפּען געלעכטער.

און אָט האָבען אַלע דריי זיך אַזוי צוהירזשעט, אַזש די טהיר האָט גענומען ציטערן.

— ניין, איך שווער אייך, חברה, נור איין מאָל...

נינאָטשקע׳ן איז פּלוצלונג שווער געוואָרען אויפ׳ן הארצען, און זי האָט זיך דערפּיהלט בעליידיגט, כאָטש זי האָט גאָרנישט פערשטאַנען. מיט אַ טונקעלען חשד איז זי אָב צום טיש מיט אונ־ענטשלאָסענע טריט.

„טאַקע געדאַרפט בעסער בלייבען נעכטיגען ביי די איוואַלגינס", האָט זי שרעקענדיג און זיך עקלענדיג געטראַכט.

פון יענער זייט וואַנד האָט מען געשריען, געליאַרעמט, גע־רוקט מיט די שטוהלען און אייניגע מאָל האָט זיך געדוכט, אַז זיי נעהמען זיך ראַנגלען, ווי ווילדע חיות אין אַ שטייג.

נינאָטשקע האָט זיך געמיהט ניט צו הערען. זי איז פער־קלערט געזעסען ביים טיש, געקוקט אויפ׳ן פייער און געטראַכט:

„אבי מען זאָגט, אַז בילדונג איידעלט דעם מענשען. — אונ־זערע פויערים וואָלטען אַזוי ניט געגוואַלדעוועט... ווייסען זיי דאָך, אַז איך בין דאָ... ניין, אַ שלעכטער מענש ווערט פון בילדונג נאָך ערגער... ער טהוט ווי אומישנע."

דערנאָך האָט זי גענומען טראַכטען, אַז סוף אפּריל וועט מען זיך שוין קענען פּאַקען.

„זאָל שוין וואָס גיכער... מיד!"

און נינאָטשקע האָט אונבעוואוסט פאַר זיך געמאַכט אַ מי־רע, לאַנגווייליגע געזיכט, אָבער אין געדאַנק האָט זיך איהר פאָר־

געשטעלט עפעס פרעהליכעס, ליכטיגעס, האָבען זיך געטראָגען מאָד־נע אינטערעסאַנטע פנים׳ער, האָט זיך געשפּרייט אַ העלע, ווייטע רחבות, און איהרע ליפען האָבען געשמייכעלט מיט שטילער פרייד אויף צו להכעיס די אָנגעכמורעטע אויגען.

פלוצלונג האָבען זיך דערהערט שטילע, נאָר בולט׳ע קלעפּע־לאַך אין טהיר.

נינאָטשקע האָט אַ ציטער געטהאָן און אויפגעהויבען דעם קאָפּ.

— מ..מאַמזעל, — האָט עמיצער אויסגעשריען אזוי נאָהענט, ווי ער וואָלט געווען אין דעם צימער גופא — קען מען אפשר ביי אייך אויסבאָרגען אַ ל... ליכטעלע... ביי אונז לעשט זיך דער לאָמפּ.

נינאָטשקע האָט פערלעגען געשמייכעלט, אקוראַט ווי יענער, וואָס האָט גערעדט, וואָלט איהר געקענט זעהן, און פונקט אזוי פערלעגען געענטפערט:

— אַך, ביטע...

זי האָט זיך אויפגעהויבען, איילענדיג גענומען זוכען אין קאָ־מאָד, געפונען אַ ליכטעל און איז צו צו דער טהיר. דער ריגעל איז געווען אויף איהר זייט. נינאָטשקע האָט אָבגעריגעלט, קוים קוים געעפענט די טהיר און דורכגעשטעקט די האַנד דורך די שפּאַלט.

— אַט נעהמט, ביטע.

— ט—טויזענד ד׳נקען, מ־מאַמזעל... — האָט אוננאַטירליך העפליך, מיט אַ שכור׳ער, זיך פּלאָנטערנדיגער צונג עמיצער אַרויס־גערעדט. נינאָטשקע האָט געהאַלטען די האַנד הינטער דער טהיר און הילפלאָז געדרעהט מיט׳ן ליכטעל. זי האָט ווי דערהערט אַז אָבגעהאַקט נעלעכטערל, און פלוצלונג דערפיהלט זי, אַז אַרום איהר האַנד טהוט מען אין דער שטיל עפּעס געהיימעס, מיאוס׳עס. אָבער איידער זי האָט נאָך בעוויזען אָבצוגעבען זיך וואָסער עס איז חשבון, האָט אַ פולע האַנד צוגענומען דאָס ליכטעל, מיט הפקר׳שער העפּ־ליכקייט צוגעדריקט איהרע שפּיץ־פינגער צום גליטשיגען קאַלטען סטעאַרין.

— מערסי, מערסי, מאַמזעל — האָט ישנעל און נאָך אוננאַטיר־ליכער עמיצער אַ זאָג געטהאָן.

— ניטאָ פאַר וואָס — האָט נינאַטשקע מעכאַניש אָבגעענט־פערט און צוריקגעצויגען די האַנד.

אין צווייטען צימער איז ווי שטיל געוואָרען... עס דערטראָגט זיך קוים, אונבעשטימט, האַלב־פערשטיקט אַ זשומען: זשש...

נינאַטשקע האָט זיך בערוהיגט, זיך צוגעזעצט אויפ'ן בעט, מיד אָבגעזיפצט און גענומען זיך אויסטהאָן, אראָבגענומען די שיך, דאָס קליידעל, דאָס יאַקעל און געבליבען אין איין העמד און לאַנגע שווארצע זאָקען מיט בלויע, גומענע בענדלאַך איבער זיי. די פיס, שלאַנק ארומגענומען מיט שווארצען, האָבען אויסגעקוקט אַזוי ליעב־קליין, קינדערש־צאַרט; די דינע, רונדע הענטעלאַך האָ־בען אַזוי נאַאיוו געבלישצעט. זי האָט גענומען צורעכט מאַכען די האָר צום שלאָפען געהן: אראָבגעלייגט די שפּילקעס אויף די קניה און זיך פערפלאָכטען.

— מאַמזעל — האָט ווידער זיך דערטראָגען פון יענעם זייט טהיר — מיר טרינקען טהעע... ווילט איהר אפשר מיט־טרינקען?

דערזעלביגער שכור'ער קול, איבערטריבען העפליך, נאָר מיט עפּעס נייעס. אן אונרוהיגקייט האָט זיך געפיהלט אין איהם, פּונקט ווי דער, וואָס האָט גערעדט, האָט ביי יעדען וואָרט זשעדנע אויפ־גערעגט געבלאָזען מיט די נאָזלעכער.

— ניין, אַ דאַנק! —האָט נינאַטשקע דערשראָקען אָבגעע־ענטפערט און זיך אַ כאַפּ געטהאָן פאַר דער קאָלדרע.

דער קול איז אַנטשוויגען געוואָרען און אַ שטילקייט האָט זיך איינגעשטעלט. אַ סעקונדע האָט זיך אויסגעוויזען אז אַלץ שווייגט, נאָר באַלד האָט זיך דערטראָגען דורך דער פאָרטאָטשקע דאָס ווייטע הוזשען און סאָפּען פון טייך. דער ווינט האָט אַ ריס געטהאָן אַ לאָדען, האָט אַ ברום געטהאָן איבער'ן דאַך, פון דאָרט האָט זיך עפּעס אַ שאָט געטהאָן און אונטען זיך צושמעטערט מיט אַ גלעזערנעם קלונג. הפּנים אַן אייז־ליכטעל.

נינאַטשקע האָט שטיל, ווי גנב'ענדיג זיך און ווי זוכענדיג זיך צו בעהאַלטען, זיך געלעגט און ארויפגעצויגען אויף זיך די קאָלדרע ביז איבערן האַלז. מיט רונדע, אונבעוועגליכע אויגען, מיט אַן אונ־בעגרייפליכען, קאַלטען שרעק, האָט זי געקוקט צו דער טהיר, און

ווי איבערגעשראָקענע פויגלען, האָבען משונה געשווינד זיך געדרעהט די געדאנקען ביי איהר אין קאָפּ:

„לויפען... וואָלט כאָטש מאַטוועי געקומען".

נור אנשטאט צו אנטלויפען, האָט זי מורא געהאט זיך א ריהר צו טהאָן, אַלץ פעסטער געצויגען די קאָלדרע מיט קראַמפּהאַפט צונויפגעדריקטע פינגער און געפּרובט זיך בערוהיגען:

„גאָר נישט מיט גאָר נישט, שכור'ע, איך וויים וואס... וואס קענען זיי מיר טהאָן.... זיי ווע‌לען זיך דאָך ניט דערוועגען אריינ־צוקומען אהער."

איהר האָט זיך אויסגעוויזען, אז דאָס איז דאָך אזוי איינפאַך, אונצווייפעלהאַפט, און גלייכצייטיג האָט זי געפיהלט, אז עס קומט, דערנעהנטערט זיך אונגלויבליכעס, אונזיניגעס, שוידערליכעס.

פון יענער זייט טהיר איז נאָך אַלץ שטיל געווען.

— נו יא, די טהיר האָט זי פון דעסטוועגען געלאָזען אונפער־ריגעלט, — האָט שרעקליך שטיל עמיצער א שעפּטשע געטהאָן גאָר נאָהענט, ווי איהר אין אויער אריין, און טאַקע דערפאר וואס דאָס שעפּטשען איז געווען אזוי שטיל, אז מען האָט עס קוים געקענט הערען, און דאָך האָט זי עס געהערט אזוי, ווי עמיצער וואָלט איהר געגרילצט אין אויער אריין, איז עס געווען אזוי שוידערליך. א טויט שרעק איז איהר בעפאַלען, א זעץ געטהאָן אין קאָפּ אריין.

— און וואס ריזיקירען מיר?.... — האָט אין איהר אויער זיך אריינגעריסען א שעפּטשען, שארף ווי א שפּיעז, און אין זעלבען אויגענבליק האָט זיך דערהערט א משונה־פּאַרזיכטיגער, אימה'דיג שטילער גערויש, ווי עמיצער מיט א פערהאַלטענעם אטעם וואָלט גע־שטאַנען הינטער דעם טעפּיך און געפּרובט עפענען די טהיר. עס האָט א גאָס געטהאָן און זיך געגומען מישען, רוישען ביי איהר אין מח, א פיעבערישער שרעק האָט דורכגענומען איהר לייב און זעעל, ווי א שארפער, בלענדענד־העלער געדאנק וועגען א שוידערליכען, אונגלויבליכען און אונפערמיידליכען אונזין האָט ווי בעלויכטען די גאנצע וועלט און איהר אין מיטעלפונקט אריינגעוואָרפען. ני־נאַטשקע איז אויפגעשפּרונגען, זיך געשטעלט נעבען בעט, א האַלב־נאַקעטע, א קליינע, א שטעביג־שעהנע, ווי א חיה'לע.

דער טעפּיך האָט שטיל זיך פּערקאַטשעט און פון אונטער איהם איז אַרויסגעטרעטען און זיך געשטעלט אַן אונבעשטימטער שווערער שאָטען.

— ווער איז עס ?... וואס ווילט איהר ? אוועקגעהט, איך וועל שרייען !... — האָט נינאַטשקע אַרויסגערעדט מיט אַ רחמנות'דיג ציטערנדען קול.

דער שאָטען האָט זיך פּלוצלונג געגעבען אַ וויעג, אַ טרעט געטהאָן, און אַ גרויסער, שווערער, רויטער איז ווי אַריינגעפאַלען אין צימער אריין. און תיכף נאָך איהם האָט זיך אַריינגערוקט אַ צווייטער און אַ דריטער שאָטען.

— מיר... געקומען... דאנקען פאר דאס ליכטעל... אין... אל־געמיין... אפשר, איך לאַנגווייליג... אַ שעהן מיידעל און גאר... — האָט אומגעלומפּערט, שרעקליך, שווידערליך דער מאַן גערעדט, און נאָך זיינע רונדע, פּערלאָפענע אויגען, אָהן שום מענשליכען אויס־דרוק האָט נינאַטשקע געזעהן און פערשטאַנען, אַז ער איז שכור און נאָך עפּעס, דאָס „לעצטע, אונפערמיידליכע". זי האָט זיך אַ ווארף געטהאָן ווי אין קלעם, און אַ ווילדער געשריי האָט דורכגע־שניטען די לופט :

— ראַטעוועט ! ! !

—טסס.. האָט איינער פון זיי דערשראָקען אַ פייף געטהאָן.

אַ גרויסער, שווערער, הייסער האָט איהר אַ ווארף געטהאָן איבער'ן בעט פּאַר קווער ; זי האָט דערפיהלט שווייסיגע, נאַקעטע פינגער אויף איהר נאַקעטען פוס, איבער'ן קניה, אַן אונגעדולדיג ברומען ; אַ נאַסער, זיך שטיקענדיגער אָטעם פון אַ צוואווילדעטער רציחה... די תאוה האָט זיך אראבגעריסען פון קייט...

.2

זיי האָבען זיך אויף אַ מאָל אויסגעניכטערט, ווען אלץ איז שוין געווען געענדיגט. דאַן האָט דאָס אָבגעטהאָנענע זיך געשטעלט פאר זיי, ווי קאַלטער גרויל, וואס גליווערט דאָס בלוט און שטייפט די געדאַנקען.

עס האָט געגרויט אויף טאָג, דער לאָמפּ האָט זיך געלאָשען, אין

צימער איז געווען עקעלהאפט און שטיקענד. די קישענס האָבען זיך געוואלגערט אויפ'ן דיל, די קאָלדרע צונויפגעדרעהט צופוסענס. אויף איהר לייב זיינען געהאנגען טראנטעס אנשטאט א העמד, און זי איז געלעגען א נאקעטע, א צוקלאפטע, אין בלויע פלעקען, און זיך געדרעהט, און געוואָרפען, געוויינט און געשריען, און זי איז שוין ניט געווען די שעהנינקע מיידעלע, נור א קלענליך־מיאוסע, א שרעקליכע, ממש אן עקעלדיגע.

דער מאָגערער, לאנגער פריסטאוו, אין איין העמד און רויט געקארבטע הויזען, איז געזעסען, האלב אריבערגעוואָרפען איבער דערברייט פון בעט, געהאלטען איהר אין די אָרעמס און געדריקט דאָס מויל; דער דאָקטאָר און דער סליעדאָוואטעל זיינען געשטאנען נעבען זיי, זיך אומגעלומפערט געטראמפעלט אויף איין אָרט. די הענד האָבען געציטערט, די אויגען מוטנע פערגלאָצט און די פנימ'ער האָבען זיך מאָדנע געגרויט אין באגינען־ליכט.

— הער זשע, טייבעלע... עס איז דאָך שוין אלץ איינס.... פערפאלען... הערט זשע... עס איז דאָך אלץ איינס איצט, פער־שטעהט... האָבען אלע דריי אויף אמאָל געטענה'ט, איבערשלאָגענ־דיג איינער דעם אנדערען, און אלע דריי אויף א מאָל אויפגעהערט, דערשראָקענע און פערלאָרענע.

אָבער נינאָטשקע, וועלכע איז שוין ניט געווען די פריהעריגע, ווייכע, צארטע, ליעבע מיידעלע, נור אן עלענד, צוקריפעלט, שמור־ציג שטיק פלייש, האָט זיך געוואָרפען אין פריסטאוו'ס הענד, זיך געריסען און מיט ווילד פערגלאצטע אויגען געשריען.

— וואָס זאָל מען איצט טהאָן מיט איהר?! — האָט דער סלעדאָוואטעל ארויסגעזאָגט דורך די צייהן פערצוויפעלט, שרע־קעדיג און בייז.

פון דאָרף האָט זיך שוין דערטראָגען א ווייטער, אונבעשטימ־טער גערויש, סאמע אונטער'ן פענסטער האָט דריי מאָל א קרעה געטהאָן א האָהן.

— אָה! — האָט נינאָטשקע ארויסגעריסען איהר מויל פון אונטער דעם פריסטאוו'ס האנד און זיך צוקוויטשעט. און פלוצ־לינג האָט זיין פנים זיך צוקרימט מיט א שרעקליכען טיערישען

צאָרן. מיט זיכערער, הארצלאָזער קראפט **האָט ער א כאפּ געטהאָן איהר פּנים, א דריק געטהאָן** און צונויפגעקוועטשט. **שפייעכץ און בלוט האָבען זיך דורכגעקוועטשט** דורך זיינע פינגער, **פאר א סעקונדע האָבען זיי איינע** די אנדערע געקוקט גלייך **אין די אויגען אריין, עקשנות'דיג** שטייף, **ווי** מיט איין **שארפען בליק און** שרעקליך און אונמענשליך איז דער בליק געווען.

— נו, שריי... נו, שריי!... — האָט ער געציטערט מיט אונזיניגען נצחון.

.3

א קלאָהרער, זוניגער פריהמאָרגען. פון די הייזער און פארקאנס האָבען זיך געצויגען לאנגע, נאסע שאָטענס, און דאָרט, וואו די זון האָט געלויכטען, האָבען געשטאָכען די אויגען די בלישצענדע לוזשקעלעך, און די פערפראָהרענע, אין שמוץ פערטראמפּעלטע שטרויעלאך האָבען געגלאנצט ווי גאָלדענע. דער שוהל הויף איז ליידיג געווען, בלויז די שפּורען פון רעדער אין דער נאסער ערד האָבען זיך געזעהן. אין צימער „פאר די דורכרייזענדע" איז די מעבעל געווען צונויפגערוקט, א חוץ דער קאנאפּע, וועלכע איז זיך פעסט געשטאנען אויף איהר אָרט, פערשטעלענדיג די טהיר צום צווייטען צימער; אויפ'ן דיל האָבען זיך געוואלגערט פלעשלאך, מוטנע גלעזער; זיינען עקעלהאפט צושמירט געווען נאסע קופּקעלאך אש, צוטראמפּעלטע שטיקלאך סיגארען. עס האָט זיך מאָדנע ניט געגלויבט, אז דאָ זיינען מענשען געווען. הינטער דער טהיר, אין ניגאָטשקע'ס צימער, איז געווען אונבעוועגליך שטיל, און עס האָט זיך געדוכט, אז איהרע פעסט פערמאכטע לאָדענס, ווי צונויפגעדריקטע צייהן, האָבען ווי פערביסען בעהאלטען א סוד.

ביז עלף דעם זייגער האָבען ארום שוהל־גאַניק זיך גערודערט אינגעלאך און מיידעלאך, זיך געיאָגט איינס נאָך ־אנדערען, זיך געשטופּט, געשלאָגען און געגוואַלדעוועט, ווי א מחנה וואָראָביטשיקעס. און ווען דער זייגער האָט געשלאָגען עלף, האָט פּלוצלינג פון הויז זיך ארויסגעריסען א צושראָקענע, אימה'דיגע שטילקייט. עמיצער, אָבקלאפּענדיג שווערע טריט, איז מיט א שרעקליכער

בשורה דורכגעלאָפען די גאס. די גאס האָט אויפגעלעבט, זיך גע־נומען ריהרען. פון אלע זייטען, ווי פון א פוסטען אָרט האָבען זיך גענומען שיטען מענשען. זיי זיינען געלאָפען צו דער שוהלע, פינסטערע, דערשראָקענע, מיט געשרייען. עס איז געקומען צולוי־פען דער אלטער איוואַלגין, דער דיקער „עלטסטער", דער אוראד־ניק.*) מען האָט געעפענט די טהיר און פרעמדע מענשען, מיט צו־שראָקענע, נייגיעריגע בליקען, האָבען זיך מיט ליארם ארייגגעריסען אין ניגאטשקע'ס שטילען, אומעטיגען און, ווי עס האָט זיך געדוכט, אויף אייביג אנטשוויגענעם צימער.

שטיל און וועהמוטיג, מיט דעם לשון פון צער, האָט עס שווייגעדיג גערעדט וועגען דעם שרעקליכען, געהיימען סוף פון א לעבען. עס איז געוועען צוגעקליבען, קענטיג, מיט אן אונגעניטער, פרעמדער האנד; די מעבעל איז געוועען אויסגעשטעלט שוין אין א צו שרייענדער אָרדנונג, און דאָס בעט צוגעקליבען, ווי א לאנג פערגעסענע און פערלאָזענע. ניגאטשקע'ס קליידער זיינען געוועען צונויפגעלעגט אויף'ן שטוהל שוין מיט א צו פאלשער פינקטליכ־קייט, און געשמעקט האָט עס מיט א שרעקליך אונבעוועגליכען ריח, קוים מערקליכען, וואָס איז כמעט ווי קיין ריח ניט געוועען.

ניגאטשקע אין א ריין, ווייס העמד, מיט נאָך ניט אויסגע־גלעטע קנייטשען, מיט א נאָך ניט אויסגעוועפּטען זייף־גערוך, איז געהאנגען אויפ'ן הענגער, פון וועלכען די קליידער זיינען געוועען אראָבגענומען. די דינע, שוין גרינליכע, הענטלאך, זיינען הילפ־לאָז אראָבגעהאנגען, די פיס אין שווארצע זאָקען, מיט בלויע בענד־לאך, האָבען אוננאטירליך זיך אויסגעבויגען, ווי זיי וואָלטען פּיינ־ליך געזוכט צו דערגרייכען די ערד, און די קאָפּ, פערוואָרפען אויף הינטען, א גרויסע, אויפגעבלאָזענע, בלויע, מיט אונמענשליך פערגלעזערטע אויגען, מיט א שאַרשיגען בלאָהען צונג, וואס איז פערהויקערט געשטאנען אין טויטען, קאלטען מויל, מיט פערגלי־ווערטען קויטיג־בלוטיגען שוים אויף די קלאָהרע ליפען און מיט

*) דער הויפּט פון דער דאָרפישער פּאָליציי. אונטער איהם זיינען די „דעסיאטסקעס."

דעם אויסדרוק פון אזא וועהטאג און גרויל, וואס א לעבעדיגער מענש קען עס זיך גאר ניט פארשטעלען און בעגרייפען.

דער אלטער איוואלגין האט ווילד געשריען. און די מענשען, ווי פון זינען אראב, האבען געשריען, געררעדט אהן א זין און אהן א טאלק, א שווערער זיפץ איז ארומגעגאנגען איבער דער גאס און זיך צושוואומען אין דער געדיכטער פויערים מאסע. וואס האט זיך געשפארט צום גאניק. און עס איז קיין סוף און קיין מאס ניט גע־ווען צו דעם גרויל און עקעל, און די טאפענדע, זוכענדע נקמה האט זיך אלץ געשטארקט.

.4

דער פריסטאוו, דער סלעדאוואטעל און דער דאקטאר זיינען געקומען אויף מארגען צו אבענד צו, ניט אלע אויף א מאל, נור איינציגווייז. עס איז נאך ליכטיג געווען, און די שאטענס האבען זיך גענומען אויסציהען, און אין די שאטענס האבען זיך גע־וויסעלט די דינגע, קנאקעדיגע אייז־הייטעלאך. פון דארפס־פער־וואלטונג זיינען זיי אוועק צו דער שוהלע, ארום וועלכער עס איז שוין געווען לעדיגליך, און עס זיינען געשטאנען צוויי דעסיאטסקעס מיט אויסדרוקלאזע פנים'ער און בלישצענדע בליקען. די בעאמטע זיינען שווייגענדיג ארויף אויפ'ן גאניק און אריין אין דער שוהלע. דער דיקער, פולער דאקטאר האט שווער געאטהעמט און נאריש בעוועגט מיט די פינגער ווי א צוגעשטיקטע חיה קראצט די ערד; דער מאגערער, הויכער פריסטאוו איז געגאנגען פאראויס, און דאס פנים איז ביי איהם געווען הארט ווי שטיין, פעסט און ענטשלא־סען. דער סלעדאוואטעל האט זיך געהאלטען אן א זייט. זיין דין, ווייס העלזעל, אונטער דעם קליינעם חוצפה'דיגען פנים'על, מיט די פערדרעהטע, ליכטיגע וואנצעלאך, האט זיך געקארטשעט, ווי עס וואלט געוואלט איינגעזונקען ווערען אין די פלייצעס.

דער פריסטאוו איז דער ערשטער אריין אין צימער און איז גלייך צוגעגאנגען צו ניגאטשקע'ס גוף; קאלט, אונבעוועגליך האט ער זיך דורכגעזעהן דורכ'ן ליילאך. א סעקונדע האט ער איהר גע־קוקט גלייך אין שרעקליכען טויטען פנים אריין, דערנאך האט ער

זיך אָבגעקעהרט און מיט א דומפּען קול, ווי פון אייזען ארויס, א זאָג געטהאָן :

— שלעפּ...

דיביידע דעסיאטסקעס האָבען שנעל א וואָרף געטהאָן זייערע היטלען הינטער דער טהיר און פאַרזיכטיג טאָפּטשענדיג מיט זייערע פאסטעלעס, זיינען זיי צום בעט צוגעגאנגען. די הענד האָבען ביי זיי געציטערט, און גרויל, רחמנות האָבען ארויסגעקוקט אפילו פון זייערע געבויגענע, אָנגעשטראמטע רוקענס, נור זייער אטעמען, ריידען איז געוועז אונטערטהעניג טעמפּ.

— לעבעדיגער, — האָט דער פּריסטאוו א זאָג געטהאָן מיט דעמזעלביגען דומפּען און געוועהנטען פּעסטען קול.

די פּויערים האָבען זיך א כאַפּ געטהאָן. די שווארצע פּיסלאך האָבען א ציטער געטהאָן, זיך אויפגעהויבען און הילפלאָז זיך אראָבגעלאָזען. פון אונטער'ן אָרעם, בעפרייט פון דעם גראָבען, ווי ליים רויטען, שטריק איז ארויסגעפאלען א בלייך, גרינליך הענדטעל און איז אראָבגעהאנגען צום דיל.

— טראָגט ארויס אין שייער...

די פּויערים האָבען זיך געגעבען א רוק, זיך אָבגעשטעלט, ווידער זיך א רוק געטהאָן און, אונטערגעכאפּט מיט די הענד, האָבען זיי פאַרזיכטיג ארויסגעטראָגען עפּעס, וואָס האָט געשיינט צו זיין אי שווער אי ברעכיג.

און ווען די שווארצע פּיסלאך, משונה טאָרטשענדיג, האָבען זיך ארויסגערוקט פון טהיר אויפ'ן גאניק, האָט דער זעלביגער דערשטיקטער זיפץ, א גרויל, וואָס דער מוח בענעהמט עס ניט, זיך דורכגעטראָגען דורך דעם גאס, וואָס האָט פּלוצלינג גענומען לייכטען פון הונדערטער ברייט צועפּענטע אויגען.

— צוטרייבט דעם המון, — האָט דער דאָקטאָר שנעל, אָהן אטעם, מיט שרעק, א זאָג געטהאָן דעם פּריסטאוו אין אויער אריין.

דער פּריסטאוו האָט זיך אויסגעגלייכט. דאָס פּנים איז ביי איהם געוואָרען הערשענד און קאלט, און ער האָט אויסגעשריען אויפ'ן הויכען קול :

— וואָס פאר א שטעהן דאָ... פונאנדערגעהן. מארש!...

דער המון האָט שווייגנדיג זיך א ריהר געטהאָן, זיך צונויפ־געדריקט, זיך נעגעבען א וואָרף און שטעהן געבליבען.

— פונאנדערגעהן, פונאנדערגעהן! — האָבען דער אוריאד־ניק מיט די דעסיאטסקעס, שרעקעדיג און טומעלדיג, גענומען שרייען און געפּאָכעט מיט די הענד.

מען האָט ניטאָטשקע'ן שוין געהאט צוגעטראָגען צום שייער און אראָבגעלאָזען אויף די פערפראָהרענע, הארטע ברעטער. דאָס קליינע, טויטע קעפּעל האָט שטיל זיך א שאָקעל געטהאָן און גע־בליבען ליגען.

איינער פון די דעסיאטסקעס, א בלאנדער און א בלייכער, האָט ציטערענדיג זיך איבערגע'צלמ'ט.

דער פּריסטאוו האָט א גלאָץ געטהאָן אויף איהם מיט זיין בליק און קאלט מעכאניש א זאָג געטהאָן:

— אָב... רוף די „איינגעשוואָרענע".

דעם פויער'ס פּנים האָט זיך צונויפגעקאָרטשעט, ווי עס וואָלט זיך געוואָלט אין זיך בעהאלטען, און דער טעמפּער, חיה'שער שרעק האָט דורכגעקוקט דורך דער דורכזיכטיגער מענשליכער רחמנות.

5.

נאָך'ן פּאלמעסען זיינען דער דאָקטאָר און דער סלעדאָוואטעל שטום געגאנגען אין דאָרפס־פערוואלטונג. דרויסען איז געשטאנען א נאכט אָהן שטערן און חושכ'דיג אריינגעקוקט אין פענסטער, און עס האָט זיך געדוכט, אז אין פינסטערן פאָרצימער שטעהט עמיצער און הערט זיך צו.

— אך, מיין גאָט, מיין גאָט! — האָט דער דאָקטאָר שטיל אָבגעזיפצט און געוויקעלט א סיגארעט מיט די אונגעשיקטע, דיקע פינגער, וואָס האָבען ווי פערגעסען, ווי מען מאכט עס.

דער סלעדאָוואטעל האָט געוואָרפען אויף איהם א שנעלען בליק און גענומען געהן הין און צוריק איבער'ן צימער.

זייביידען איז אונערטרעגליך שווער געווען אויפ'ן הארצען און זיי האָט זיך געדוכט, אז זיי קענען בשום אופן ניט קוקען איי־נער דעם אנדערן אין די אויגען. דורך די אָנגעלאָדענע שווערע

קעפּ, וואָס זיינען צונלייך געווען קרענקליך לעדיג, אויפגעבלאָזען גרויס, ווי ביי משוגעים, האָבען זיך געטראָגען שפּרינגענדיג, צובראָ־כענע עראינערונגען. פּאָרמלאָזע, נור שאַרפע ווי מעסערס.

מינוטענווייז האָט זיך דעם דאָקטאָר געדוכט, אַז עס איז גלאַט אַזוי, אַ פעהלער, וואָס לאָזט זיך אויסבעסערען, אַז דאָס אַלץ וועט זיך ענדיגען, פערשווינדען, און עס וועט זיין פּונקט אַזוי גוט, פרעהליך און בעקוועם צו לעבען, ווי געווען. אָבער פּלוצלינג פלעגט ארויסשווימען אַ פייעריגער נעבעל, אַ נעבעל פון שכור׳ן משוגעת, פון פערגעסענהייט, און פון נעבעל ארויס פלעגט ארויסשווימען אַ בלויער, קאַלטער גוף, וואָס איז פריהער געווען אַ נאַקעטער, שעהנער פרויען־קערפּער, אין שווארצע זאָקען מיט בלויע בענדלאַך, און איז אויף אַ רגע געוואָרען אַ זאַך, מיט וועלכער מען האָט גע־טהאָן, וואָס מען וויל, אַ וויכע, ליידענשאַפטליך־זיסע, בריהעדיגע זאַך, וואָס מען האָט געפּייניגט מיט ווילדער ענטציקונג, מיט הארצלאָזער מאכט. און דאָס לעבען, און די מעגליכקייט צו לעבען פלעגט פערשווינדען, דער מאָרגענדיגער טאָג פלעגט ווי אריינרינען אין דער שווארצער עפענונג פון אונענדליכען שרעק. עס פלעגען זיך ווייזען מאָדנע שטראָפענדע געשטאַלטען, בעקאַנטע פּנים׳ער פלעגען קוקען פרעמד און סטראַשענדיג, איבער׳ן קאָפּ פלעגען זיך הויבען אונפערמיידליכע, מעכטיגע פויסטען און דאָס הארץ איז געפאַלען, געזונקען אין תהום פון שרעק און שאַנד.

— אָך גאָט, מיין גאָט! — האָט דער דאָקטאָר וועהמוטיג געזיפצט און ווי געבעטען רחמנות, און איהם האָט זיך געוואָלט פערקוועטשען די הענד, וועהטאָגדיג זיך קלאַפּען און וויינען.

און דער סלעדאָוואַטעל איז שנעל געגאַנגען פון ווינקעל צו ווינקעל, אַלץ שנעלער און שנעלער, און עס האָט אויסגעזעהען, ווי ער וויל פון עמיצען אַנטלויפען. און דער דיל איז איהם נאָכגעגאַנ־גען סקריפּענדיג און איהם ניט אָבגעלאָזען — ווי עמיצער וואָלט זיך געיאָגט נאָך איהם. און אין זיין רונדען, גלאַט אַרומגעשאָרע־נעם ווייסען קאָפּ, האָבען מיט אימפּעט זיך אַרומגעוואָרפען שוואַר־צע געדאַנקעלאַך, ווי מייזלאַך, און האָבען צוטומעלט געזוכט אַן אויסוועג. דעם דאָקטאָר׳ס זיפצען האָבען איהם געררייצט. איהם

האָט זיך געדוכט, אַז זיפצען איז ניטאָ וואָס און ניטאָ ווען, אַז מען דאַרף איצט איינס: זיך אַרויסדרעהען. אַ פערפראָרענער געדאַנק וועגען דער קליינער אומגעקומענער פרוי איז געשטאַנען אין אַ טונקעלען ווינקעל פון זיין געהירן, אונבעוועגליך און איבריג.

— אַך, מיין גאָט! — האָט דער דאָקטאָר געזיפצט.

דער סלעדאָוואַטעל איז אויפגעקאַכט געוואָרען. איהם האָט זיך געדוכט, אַז די שווערע זיפצען הענגען זיך אָן אָן זיינע געדאַנקען, און זיי, אַזעלכע פלינקע, שלענגעלדיגע, נעהמען קריכען צוריק און זיך דרעהען אויף איין אָרט. ער האָט זיך געשווינד אומגעדרעהט, אויסגעגלאָצט זיינע קליינע, דורכזיכטיגע ווי סטור־דענע, אויגעלאַך און ווילד אויסגעשריען:

— וואָס נודעט איהר! וואָס, צום טייוועל, אויף צו'ן־אמת'ן!..

און פּלוצלונג איז אַ שוואַרצינקער, גנב'ישער געדאַנק אריינגעשפרונגען און האָט אַ בליץ געטהאָן אין זיינע אויגען מיט אַן אָבגעאַרערישען פאַלשען ליכט.

— אַליין די קאַשע פערקאָכט, און איצט יאָמערט ער, ווי אַן אַלט ווייב... — האָט ער מיט אַ שוידערליכען, בלוט־גליווערענדען טאָן אַ זאָג געטהאָן און דעם דאָקטאָר אין די אויגען ניט געקוקט.

דער דאָקטאָר האָט פערשטאַנען און איז געוואָרען אַן אַנגע־צונדענער. זיין גרויס, רונד פּנים איז געוואָרען רויט און גלאַנציג ווי אַן אָנגעבלאָזענער קויל. זיין קורץ, שווער אָטהעמען האָט זיך געהערט איבער'ן גאַנצען צימער.

— וואָס?... איך?... אַליין איך?...—האָט ער אַרויסגעשטויסען אָבגעהאַקטע ווערטער און לאַנגזאַם זיך אויפגעהויבען אויף די קורצע פיס.

— אוודאי, איהר — האָט דער סלעדאָוואַטעל זיך אַ ריס געטהאָן איהם אַנטקעגען און ווילד אַ טרייסעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ און אַ קנאַק געטהאָן מיט די ציינער.

דאָס לעמפּעל האָט זיך ציטערדיג גענומען וואַרפען אויפ'ן טיש, און דער גרינער קופּעל האָט גענומען, זיך קלאַנגענדיג, אַזוי ברומען ווי צו אַ וואָרענונג. דאָס ליכט איז געפאַלען אונטען אַראָב אויף די צושפּרייטע פיס און פערקרעמפּטע פויסטען, און די

פנים׳ער זיינען געווען אין שאָטען, בלויז די אויגען האָבען געבליצט
אהן גלאַנץ פון לויטער שרעק.

— איך? — האָט דער דאָקטאָר איבערגעפרעגט און זיך ווי
דערוואָרגען מיט זיין חריפ און קוויטש.

— איהר, איהר, איהר! — האָט דער סלעדאָוואַטעל ווילד
און גרילציג געשריען.

— און ווער האָט דער ערשטער געזאָגט! — האָט דער דאָק־
טאָר געחריפעט.

— איך האָב געמאַכט א שפאַס, און איהר זייט דער ערשטער
אריין!

— און ווער האָט איבער׳ן קאָפ געקלאַפּט, איבער׳ן קאָפ!
איך?...

— און ווער האָט געזאָגט אז מען דארף גאָר קיין מורא ניט
האָבען?

זיי זיינען געשטאַנען, איינער קעגען אנדערן, מיט פנים׳ער
צוקרימטע אין שרעקליכע גרימאַסען, מיט רונדע אויגען, וואָס האָ־
בען פערלאָרען יעדען אנדער אויסדרוק האַס און שרעק,
און האָבען ארויסגעשליידערט נאַקעטע, צוקריפּעלטע, ווי געשפּענס־
טער, בעשולדיגונגען. אין זייערע פערלאָרענע נשמות, אין זייערע
צומישטע גייסטער האָט עמיצער געשריען אַן אונערטרעגליך גריל־
ציגען געוואַלט־געשריי, ווי רופענדיג צו הילף.

— ניט איך, ניט איך... ער, ער, ער!...

עס איז געווען עהנליך צו דעם, ווי מענשען וואָס זיינען אריינ־
געפאַלען אין א שטיקענדיגען, ענגען ברונעם, פול וועה און שרעק,
און זיי קריכען איינער דעם אנדערן אויף די פּלייצעס און ווער־
גען און שלאָגען איבער די קעפּ.

די טהיר האָט א קלאַפּ געטהאָן, און זיך שרעקענדיג פאַר׳ן
קלאַנג, האָבען זיי זיך צונויפגעדריקט, בלייך געוואָרען און זיינען
אנטשווינען.

דער פּריסטאַוו איז אריין. ער האָט געטראָגען א קאַלט־
בראָהען שינעל מיט גלאַנציגע קנעפּ, דעם שווערט פעסט צוגע־

שנאַלט. דאָס פּנים איז געווען ווי שטיין און די אויגען ווי מע־טאַל. אין גאַנצען אַ גראָהער און האַרטער.

ער איז צוגעגאַנגען צום טיש, זיך אָנגעשפּאַרט אויף איהם מיט ביידע הענד און אַ זאָג געטהאָן, קוקענדיג אין וואַנד צווי־שען זיי:

— באַלד הויבען מיר אָן די פּערהערען...

און ניט זעהענדיג און ניט פיהלענדיג, ווי זיי זיינען בלאַס גע־וואָרען, האָט ער אויסגעקרימט די צייהן אויף אַ זייט און דורכ־געזייהט:

— אַ נאַכטעלע פערבראַכט גאָר אַ נישקשה'דיגע... אַ שאָד, אויף אַ נאַר אָנגעטראָפען... נו, ס'מאַכט ניט.

ער האָט שפּאָטיש אַ קוק געטהאָן אויף איינעם און אויף דעם אַנדערן און שטרענג, מיט אַ געענדערטען טאָן, האָט ער צו־געגעבען:

— ווי דאָרט זאָל ניט זיין, וועלען מיר דאָך ניט פערלאָרען געהן צוליעב אַ ווייב... מען דאַרף זיך אַרויסדרעהען... הערט־זשע, אָט האָב איך זיך ערשט דערוואוסט, אַז צוויי פּויערים האָבען געזעהן, ווי דער וועכטער מאַטוועי פּאָוואַלני איז ביי נאַכט אַרויס פון דער שוהלע... האַ?

— נו, איז וואָס? — האָט דער דאָקטאָר מיט אַ דומפּיגען קול אַ פרעג געטהאָן.

און ווידער האָט אַ שוואַרצער גנב'ישער געדאַנק אַ שפּרונג געטהאָן אין סלעדעוואַטעל'ס מוח. אין האַלז האָט אַ כליפּע גע־טהאָן אַ פרייד.

— דאָס איז רעטונג!... קיין פערגוואַלטיגונג, נור רויבעריי... אַ רויבעריי איז פערשטענדליכער און ניט אַזוי שרייענד!... פער־שטאַנען? דעם וועכטער איז אַ קלייניגקייט צו פערפּלאָנטערן, דאָס נעהם איך זיך שוין... מען דאַרף קיין פערגוואַלטיגונג ניט...

— אַהאַ... — האָט דער פּריסטאַוו צוציגען אַרויסגערעדט און אויסגעשטרעקט זיין לאַנגען, אָדערדיגען האַלז, ווי ער וואָלט זיך צוגעהערט צו עפּעס פון דערווייטען.

און דער סלעדאָוואַטעל האָט איילענדיג געשעפּטשעט, גע־

שפריצט מיט שפייעכץ, געשאָסען ווילד מיט די אויגען און גע־
כאַפּט דעם פּריסטאוו פאַר'ן ארבעל פון זיין גראָהען שינעל.

און וואָס מעהר דער סלעדאָוואטעל האָט גערעדט, ווי צו וואר־
פען די שולד אויף'ן וועכטער, איז דער דיקער, אָנגעבלאָזענער
דאָקטאָר אַלץ מעהר אראָבגעפאַלען און זיך אַלץ מעהר אָבגעלאָזען.
א נייער גרויל — נאָך א גרויל! — איז אויסגעוואקסען פאַר
איהם, איינגעהילט אין שרעקעדיגע, צוריסענע רייד, און דעם
דאָקטאָר האָט זיך געדוכט, אז ער וועט עס ניט אריבערטראָגען.
און ווען דער סלעדאָוואטעל איז אנטשוויגען געוואָרען, איז דער
דאָקטאָר שווער און אָהנמעכטיג איינגעזונקען אין שטוהל, א קלאפּ
געטהאָן מיט די אוילענבויגען אין טיש און פערשטעלט דאָס פּנים
מיט די דיקע פולע פינגער, און ער האָט דומפּיג ארויסגערעדט:

— אָבער דאָס איז דאָך... גאָט מיינער, וואָס טהוט זיך דאָס!

דער פּריסטאוו האָט לאנגזאם אומגעקעהרט צו איהם זיין אונ־
בעוועגליך אייזערנעם פּנים.

— און וואָס זאָל מען טהאָן? — האָט ער קאַלט געפרעגט.

— אָבער דאָס שמעקט דאָך מיט קאָטאָרגע... פאַר אונז וועט
אַן אונשולדיגער מענש ליידען!

אויף'ן סלעדאָוואטעל'ס פּנים'על האָט זיך אַלץ מעהר און
מעהר צושפּיעלט א ווילדקייט אָהן א ברעג, א משוגע'נע פרייד פון
א נערעטעטער חיה.

— נו, ווי זאָל זיין? — האָט דער פּריסטאוו, הארט און
שטרענג און אזוי רוהיג ווי געוועהנליך, א זאָג געטהאָן.

— דאָס איז אונמעגליך... איך קען ניט! — האָט דער דאָק־
טאָר ארויסגעקרעכצט און נאָך פעסטער צוגעדריקט די פינגער צום
פּנים.

— וואָס הייסט, איך קען ניט! — האָט דער סלעדאָוואטעל
א קוויטשע געטהאָן.

— ניין, איך קען ניט... — האָט דער דאָקטאָר א שאָקעל
געטהאָן מיט'ן קאָפּ אויף ניין, און דאָס פּנים ניט אומגעקעהרט.
און דאָס קול איז געווען פול צער, א פערשטיקטער, דומפּיגער: —
איך קען ניט...

— און דאָס האָט איהר געקענט? ! — האָט דער סלעדאָוואַ־טעל אויסגעשריען.

— דאָס... איך ווייס ניט... ווי אזוי... האָט זיך געמאכט... איז פערפאלען... אָבער דאָס קען איך ניט — האָט דער דאָקטאָר זיך אָבגערופען מיט דעם זעלביגען דומפּיגען קול.

— אה, איהר קענט ניט? און צוועלף יאָהר קאַטאָרגע?... הא? — האָט דער סלעדאָוואַטעל איהם געעדערט מיט העפטיגער שנאה און קעצישען נצחון, און זיך צוגעבויגען צו זיין אויער, — און דאָס ווייב, די קינדער... הא?

דער דאָקטאָר האָט געשווינד אָבגעריסען די האנד פון רויטען, נאסען, אָנגעשוואָלענעם פּנים, א קוק געטהאָן אויף איהם מיט אונ־בעוועגליכע, מוטנע, צומישטע אויגען, איז ארונטערגעפאלען מיט'ן קאָפּ אויפ'ן טיש און זיך צופּישצעט און צוקרעכצט.

— גאָט מיינער, גאָט מיינער... וואָס איז דאָס אזוינס, וואָס איז דאָס אזוינס?

זיין קאָפּ איז געשפּרונגען און ארומגעפאָהרען איבער'ן ברעג טיש, ווי א גרויסער, ווייכער פּענכער.

— נעהמט איהם איין... — האָט דער פּריסטאוו א זאָג גע־טהאָן מיט קאלטער פערראכטונג און איז אָבגעגאנגען פון טיש — וואָס שפּיעלט ער דאָרט דעם נאר... איך פערשטעה ניט...

דער דאָקטאָר האָט זיך גענומען שטיקען, דערנאָך האָט זיך געדוכט, אז אָט ברעכט ער אוים אין א הילכיגען, שרעקליכען גע־לעכטער.

דער סלעדאָוואַטעל האָט דערשראָקען זיך א וואַרף געטהאָן נאָך וואסער, האָט געשטופּט דאָס קלאַפּענדיגע גלאָז דעם דאָקטאָר אין די נאסע צייהנער אריין, און ציטערענדיג האָט ער אין איהם אריינגעג'טענה'ט.

— הערט אויף... וואָס נעהמט איהר זיך אזוי צום הארצען... נו, האָבען מיר זיך א שפּיעל געטהאָן מיט דער מיידעלע... שכור געווען... יעדער אויף אונזער אָרט וואָלט דאָס זעלביגע געטהאָן... האָבען מיר דען געזוכט איהר טויט, וואָס? טרינקט אביסעל וואַ־

סער... הערט שוין אויף... שרייט ניט... נו, האָט געטראָפען, איז נישט צו מאכען...

דער פריסטאַוו האָט ווי א קרעכץ געטהון, אָדער א לאך גע־טהאָן. דער סלעדאָוואטעל האָט דערשראָקען זיך אומגעקעהרט צו איהם און אויף א רגע האָט זיך איהם פאָרגעשטעלט א מאָדנע זאך: אז אלע זיינען פון זינען אראָב, און ער אויך, — און איבער זיין שארבען איז דורכגעלאָפען א קרעמפּ. דער פריסטאַוו האָט זיך א ריס געטהאָן פון אָרט, ארויסגעשלאָגען איהם פון די הענד די גלאָז, וואָס איז מיט א קלונג אראָפּגעפאלען, און א צווישע־טער האָט ער מיט ווילדען כוח א כאָפּ געטהאָן דעם דאָקטאָר פאר די אקסלען און אויסגעשריען:

— שווייג דו... זאָג איך דיר... דו פארשיווע שטיק... דו!... איך דער'הרג'ע דיך!...

דער דאָקטאָר האָט זיך געטרייסעלט אין זיינע הענד, ווי זיין קאָפּ וואָלט זיך אָברייסען געוואָלט פון גוף און ער האָט הילפלאָז קינדעריש געמורמעלט:

— איך פּ... פער... שטעה... ל... אָזט... איך גאָר... נישט...

6

נאָך פון אָבענד האָט פון קיינעם ניט געזעהן און פון קיינעם ניט געהערט גענומען פויזען פון מויל צו מויל און אין אלע זייטען א שווערער סוד וועגען אן אָבגעטהאָנענער רציחה. עס איז געווען טויב און שטיל, אָבער אין דער טויבער שטילקייט, האָט זיך גע־דוכט, טראָגט זיך א פערצווייפעלטער געשריי פון מענש צו מענש, איש אין די אויערען האָט גענומען וועה טהאָן, און עס האָט זיך געוועקט א צאָרן, א שווערער, א שוידערליכער, ווי אין א היץ־קרענק א געבאָרענער. און דער צאָרן האָט זיך טיעף בעהאלטען, און געבויערט אלץ טיעפער און טיעפער, און פּלוצלינג, ניט בע־וואוסט וועֶר, ווי און וואו, האָט ער זיך ארויסגעריסען פון המון מיט א קול פון מהומה, זיך איינגעוויקעלט אין פלאם און גענומען זיך קייקלען איבער דער געגענד ארום. אויף מאָרגען באַגינען זיינען די ארבייטער פון פאפּיער שפּינעריי און פון דער אייזענבאהן ניט

נעגאנגען צו דער ארבייט און שווארצע הויפענס זייגען געקראָכען דורך די פעלדער צום דאָרף.

— אליין דער׳הרג׳עט, אליין גע׳משפט — האָט עמיצער שווער און דומפיג געשעפטשעט. דאָס שעפטשען איז געוואקסען אין עפּעס אונגעהייערעס, אימה׳דיגעס און אלץ נעהנטער צוגעקומען, ווי א וואָלקען וואָס רוקט זיך אָן.

עס איז געוואקסען מיט א מאכט, וואָס צושמעטערט, מיט א פלינקייט, וואָס רייסט און צוטראָגט. און אין זיין סטיכישען דראנג האָט עס ארייננעשלעפּט אלץ, וואָס איז בעהאלטען און פערשטיקט געווען, די אייביגע עולה און בעליידיגונג. עס האָט זיך נעדוכט, אז דער שאָטען פון דער קליינער פערפייניגטער פרוי, אין די קינדערשע שווארצע זאָקען, מיט די נאאיווע בלויע בענדלאך, האָט פערקערפּערט אין זיך אלעמענס ליכטיגע ליעבע, יונגע האָפנונג, וואָס איז אויף אייביג דערשטיקט און געטויטעט געוואָרען. עס האָט זיך גלויבען ניט געוואָלט, עס האָט זיך לעבען ניט געוואָלט, און די פּיס זיינען פון זיך אליין געגאנגען אין יענער זייט, ווי אויף א רוף פון א נשמה, וואָס איז אומגעבראכט געוואָרען, און די פּנים׳ער זיינען פון זיך אליין געווארען סטראַשענדיגע, פערצווייפעלט-ענטשלאָסענע.

ווען די דעסיאטסקעס האָבען פריה פאר טאָג ארויסגעטראָגען די ניט נעפּארבטע טרונע אויף דער גאַס, האָט א המון, שטראָמענדיג ווי פון א שווארצען קעסעל גרוב, פערפלייצט די גאַס. שווייגענדיג האָט ער זיך געשפּאָלטען פאר דער געל-ברעטענער טרונע, וועלכע איז לאַנגזאַם געשוואומען אין דער לופטען. קיינער האָט ניט געוואוסט, וואָס צו טהאָן, און מיט א פּיינליכען געפיהל האָט מען געקוקט אויף׳ן געלען דעקעל פון דער טרונע, אונטער וועלכער ווי עס וואָלט בעהאלטען געווען די לויערנדע פערשוויעגענע פערצווייפלונג. עס איז געווען שטיל, נור ערגעץ פון הינטען, פון ווייטען, פון אונטער דר׳ערד האָט דומפּיג און שווער זיך געקייקעלט גלייכמעסיג און שטייגענדיג א הילכיגער געוואלט-געשריי.

דער הימעל איז געוואָרען דורכזיכטיג, און אויף די דעכער, פּארקאנס און אויף דר׳ערד האָט געשעמערירט דער פראסט, ווי א

ווייסער גייסט. אן איינזאם שטערנדעל אין מזרח האט זיך גע־לייכט מיט א דינעם, אומעדיגען שיין. דער המון, זיך צונויפ־פלעכטענדיג אין שווארצע רינגען, האט זיך א ריהר געטהאן און נאכגעפאלגט דער טרונע איבער דער שטילער, לאנגער גאס. און עס איז געווען אזוי ריין און קלאהר און איידעל אין דער הויך אויפ'ן הימעל, און אזוי שרייענד גראב אונטען אויף דער שווארצער ערד. מען האט די טרונע דערטראגען צו דער קירך און לאנגזאם זיך גענומען פערקירעווען צום בית עולם.

עמיצער האט גרילציג און עקשנות'דיג א געשריי געטהאן. איוואלגין, אהן א היטעל, א גראהער און א ווילדער, איז געלאפען נאך דער טרונע, געמאכט מיט די ביינערדיגע הענד און האט גע־שריען:

— האלט, האלט!

די טרונע האט ווי פון זיך אליין זיך אבגעשטעלט און אונענט־שלאסען זיך גענומען וויעגען אויף אן ארט. איוואלגין איז צוגע־לאפען. גרויע בינטלאך פון זיינע האר האבען געטארטשעט אין אלע זייטען, זיינע אלטע אויגען האבען ווי ארויסגעשטארצעט איבער דעם צוקרימטען מויל.

— וואוהין! — האט ער אויסגעשריען אהן אטעם און זיך אנגעכאפט אן דער טרונע, — צוריק! דער'הרג'עט און אבגע־ווישט די שפורען?! איהר ליגט, איהר געמיינע לייט... צוריק! מיר וועלען נאך זעהן, ווער...

דער המון האט געהוזשעט, ווי דאס הוזשען פון ים, ווען ער שלאגט אלץ העכער און העכער צום ברעג.

— הערר איוואלגין, פאר די דאזיגע ווערטער וועט איהר הא־בען צו ענטפערען... פערשטאנען! — האט דער אוריאדניק אויס־געשריען סטראשענדיג און האט זיך דורכגעשטופט צווישען איהם און דער טרונע, — טראג, חברה, טראג!

איוואלגין האט איהם מעכאניש א נעהם געטהאן ביי דער האנד, ער האט קראמפהאפט בעוועגט מיט זיינע ציטערנדע ליפען און צומישט געגלאצט מיט זיינע ווילדע אויגען.

— און איהר כאפט מיך ניט! — האט דער אוריאדניק מיט

כוח ארויסנעריסען פון איהם זיין האנד. אין זיין קול האט זיך געהערט בעליידינונג און זיכערהייט.

אבער איוואַלגין האט אלץ שטיל און מעכאניש געכאפט איהם פאר׳ן עלענבויגען, און ווי געמורמעלט אין דער שטיל, אהן ווערטער, מיט פערקרעמפטע ליפען, ווי א פיש, עפענענדיג און פערמאכענדיג דאס מויל.

— לאָזט אָב! — איז דער אוריאדניק אויפגעקאכט געוואָרען.

— זיי האָבען דער׳הרג׳עט... זיי האָבען דער׳הרג׳עט... — האט איוואַלגין ענדליך ארויסגערעדט — און איהר טאָרט עס ניט... א זינד... איהר ווייסט דאך...

— וואס ווייס איך? — האט דער אוריאדניק מאָדנע, איבערטריבען בייז און ווי כעס׳נדיג זיך אויף עפעס אנדערש געזאגט.

— און וואָס ווילט איהר? אייער עסק?... דעסיאטסקע, נעהם איהם!...

דער בלאָנדער, בלייכער פויער האט פּאַרזיכטיג א נעהם געטהאָן איוואַלגינ׳ען ביי דער האנד.

— ברידער, וואס איז דאָ אזוינס, — האט עמיצער פון המון אויסגעשריען מיט פערוואונדערטען צער.

— לאָז אָב, וואס כאפּסטו!... מערדער!... חברה, ניט לאָזען בעגראָבען... דער פּראָקוראָר... אה... ניט לאָזען... — האָבען קולות זיך געהערט, איינס איבער׳ן אנדערען, אָבער ניט הויך, — און פּלוצלונג האט עס זיך געגעבען א ריהר, און אָבגעפאלען צוריק און ווידער א רוק פאָרווערטס.

דער אוריאדניק האט עפעס אויסגעשריען מיט אלע כוחות, אָבער זיין קול האט ווי א ווילדע נאָטע זיך אריינגעריסען אין דעם מישמאש פון געוואלדען. די טרונע האט זיך העפטיג א שאָקעל געטהאָן און שנעל זיך אראָפּגעלאָזען צו די פיס פון המון.

.7

אויף מאָרגען, נענען מיטאג, זיינען אָנגעקומען דער איספראוו־

ניק און דער פריסטאוו, ארויסגערופענע דורך א טעלעגראמע פון דער נאָהענטער אייזענבאהן סטאנציע.

איבער'ן גאנצען דאָרף האָבען פון סאמע באגינען זיך געטראָגען הוזשענדיגע און ציטערנדע קולות. די טרונע איז געשטאנען א פערלאָזענע אין דער קירך, און די זון האָט געשפּיעלט אויף איהר געלען דעקעל מיט מוטנע ליכט־פלעקען.

דער דיקער איספּראווניק איז שווער און הערשעריש אראָבגעקראָבען פון וועגעל, און ניט הויך, נאָר קורץ און שארף א בורטשע געטהאָן צום פּריסטאוו:

— איפּאָליט איפּאָליטאָוויטש, זעהט, אז די איינגעשוואָרענע זאָלען באלד זיין און גלייך בעגראָבען.

און אליין איז ער מיט קורצע, פעסטע טריט אוועק צו דער קירך. איבער'ן גאנצען קירך־הויף און אין די טהירען איז געשטאַנען א שווארצע, שווייגענדיגע מאסע. די דעסיאטסקעס מיט'ן פּריסטאוו און אוריאדניק זיינען דורך און אין קירך אריין. זייערע טריט האָבען הילכיג, איינס נאָך דאָס אנדערע, געקלאפּט איבער'ן שטיינערנעם דיל. און באלד האָבען זיי זיך אומגעקעהרט, דאָס געלע דעקעל פון דער טרונע האָט זיך בעוויזען אין דער פינסטערער עפנונג פון די טהירען און האָט זיך גענומען וויעגען אין דער לופטען, הויך איבער די קעפּ פון המון.

— לעבעדיג! ריהרט זיך! — האָט הערשעריש, אויף גיך, געקאָמאנדעוועט דער איספּראווניק און געוואָרפען אין אלע זייטען פינסטערע, קרומע און שארפע בליקען.

דער המון האָט, ווי אויטאָמאטיש, שווייגענדיג זיך צונויפגערוקט און א שפּאר געטהאָן אויפ'ן קירכען־גאניק. די טרונע האָט זיך אָבגעשטעלט.

— פונאנדערנעהן! — איז דער איספּראווניק ארויסגעטראָטען פאראויס.

— וואָס הייסט, פונאנדערגעהן!? דער'הרג'עט, און פונאנדערגעהן... קונציג... — האָט עמיצער פון המון געענטפערט. איוואָלגין, א גראָהער און א צונעפּוצטער, מיט א ווייס

צלם׳ל אויף׳ן גראָהען שינעל, האָט העפליך, אָבער ענטשלאָסען זיך געשטעלט פאר׳ן איספראַוואניק.

— ערלויבט — האָט ער איינגעהאלטען, שטיל אָנגעהויבען און זיך צוגעבויגען נאָהענט צום איספראַוואניק — אז די שטימע פון פאָלק וויזט אָן...

— וואָ־אָ־ס ? — האָט דער איספראַוואניק שנעל א קעהר געטהאָן צו איהם דעם קאָפּ און זיך אָנגעכמורעט.

— איך זאָג, אז די מערדער זיינען אלעמען בעוואוסט. מען טאָר ניט צולאָזען, אז אזא שרעקליכע פאסירונג...

דער איספראַוואניק האָט קורץ און אונזיכער איהם א קוק געטהאָן אין די אויגען און תיכף זיך אָבגעקעהרט.

— ערלויבט... דאָס איז ניט אייער עסק !... ווער זייט איהר עס ?... זייט אזוי גוט, טרעט אָב פון דאנען.

ער האָט ווייך, אָבער ענטשידען אָבגעשטויסען איוואַלגינ׳ען, וועלכער איז געשטאנען אין וועג.

— פאַרזיכטיגער, איהר ! — האָט איוואַלגין מיט רציחה אויסגעשריען ווי ניט מיט זיין קול און מיט כוח אָבגעשליידערט די האנד.

דער איספראַוואניק האָט זיך איינגעצויגען און איז אויף א מאָל בלייך געוואָרען.

— שטילער, שטילער איהר... — האָט ער א מורמעל געטהאָן, קוים צו הערען. ער האָט אויף איוואַלגינ׳ען ניט געקוקט — טראָגען !...

עס איז געווען א לאנגער, פיינליכער שטיל־שווייגען און קיינער האָט זיך פון אָרט ניט גערירט. די טרונע האָט זיך נאָך אלץ געשאָקעלט איבער די טרעפּען.

— קינדער — האָט דער איספראַוואניק אויסגעשריען מיט א קוויטשיג אָנגעשטרענגטען קול און איז אלץ בלייכער און בלייכער געוואָרען — ווייסט איהר וואָס איהר טהוט ? איהר וועט דערפאר ענטפערען ! לאָזט דורך... די אויספאָרשונג וועט ארויסברענגען דעם שולדיגען... און דער געריכט וועט משפט׳ן, און איהר וועט דארפען ענטפערן...

— משפט׳ן... משפט׳ן... אויספארשונג! הא־הא! — האט מען פון המון געגומען שרייען מאדנע פרעהלאך, אויף די אויבער־קולות — בריות!... ניין, ברודער, פאוואליע... טראג זיך... הא!...

— דורכלאזען! — האט דער איספראווניק זיך פערלארען און אויסגעשריען, שטרייגג און מיט א צובראכענעם קול — וואס איז דאס אזוינס!

— דאס איז!... — האט איוואלגין ווידער זיך דורכ־געריסען צו איהם — איהר מיינט, אז אויף אייך איז קיין משפט ניטא? לייגסט, לומפ! את האסטו דיר דיין משפט!

דער איספראווניק האט פון אונטער׳ן שטערן זיך ארומגעקוקט און אבגעטראטען צוריק. און די מאסע, ווי פער׳בישופט, האט זיך נאכגערוקט נאך איהם טריט אויף טריט.

— איפאליט איפאליטאוויטש — האט דער איספראוויניק א פערלארענער א רוף געטהאן.

דער הויכער, גראבער פריסטאוו איז מיט זיכערע טריט איהם פארבייגעגאנגען און איז צו צו איוואלגינ׳ען. זיין שטאהלענע געזיכט איז געווען הארט, קאלט, אבער אויך טעמפ פערפלעפט, ווי ער וואלט עפעס בענעהמען נים געקענט.

און אין זעלבען אויגענבליק, ווען דער פריסטאוו און דער אוריאדניק האבען א כאפ געטהאן איוואלגינ׳ען, האט איינער, א הויכער און א מאגערער, מיט א לאנגען, ערדענעם פנים, קענטיג אן ארבייטער פון דער פאבריק, פלוצלינג זיך פערענדערט אין קאליר, אראבגעלאזען ווילד די אויגען און מיט זיין ביינערדיגען, שווערען פויסט א זעץ געטהאן דעם פריסטאוו אין פיסק אריין.

— מערדער! — האט ער ארויסגעקרעכצט.

בלוט האט א שפריץ געטהאן און עפעס האט יסורים׳דיג, עקעלדיג א קנאק געטהאן. דער פריסטאוו האט זיך געגעבען א בויג, אבער איז געבליבען שטעהן אויף די פיס. זיין הארט געזיכט איז זיך מיאוס צופאהרען, אבער ער האט ניט אויסגעדריקט ניט קיין שרעק און ניט קיין וועהטאג, נור א מין טעמפען שנעון, א היה׳שע פער׳טירופ׳טקייט. ער האט קורץ און הייזעריג א מרוקע געטהאן, זיך אויסגעבויגען ווי א קאץ, און זיך אווארף געטהאן

אויפ׳ן פּאַבריטשנעם. אַ מינוט זיינען זיי אזוי געשטאַנען ארומ־גענומען. דערנאָך זיך אַ שאָקעל געטהאָן אוןביידע אויף אַ מאָל ווי פּלאַכעס געפאַלען, קלאפּענדיג און קלינגענדיג איבער די טרעפּ־לאָך.

אַ וועהטאָג׳דיגער: אָך! און אַלץ האָט זיך גענומען דרעהען. דער אימה׳דינער, בלייבער צושטערונגס גייסט האָט זיך אויפגע־הויבען איבער די קעפּ פון המון און האָט זיך אָבגעשפּיגעלט מיט גרויל אויף די פּנים׳ער, וואָס האָבען גענומען שווינדלען ארויף און אראָב אין ווילדען געשלעג.

— אַ נו, קינדערלאָך... שלאָג! — האָט עמיצער אויסגעשריען מיט אַ דין, פרעהליך און מאָוים׳דיג קול.

דער איספּראַווניק און דער „עלטסטער" זיינען געלאָפען צו־זאַמען, איבער דער שמוציגער ערד, צולאָזטען שנעע, איבער׳ן קאַל־טען וואַסער, וואָס האָט זיי געשפּריצט אין די פּנים׳ער. געלאָפען אָהן אטהעם, כריפּענדיג, פערקוויטיגטע, אָבגעריסענע, מיט שרעק־ליכע, צושלאָגענע פּנים׳ער, און זיי האָבען אויסגעזעהן ווי אונ־געהייערע, אבשייליכע האזען, וואָס שניידען דורך דאָס פעלד, גלייך, אָהן אַ וועג. און ווייט הינטער זיי, האָט זיך געטראָגען אַ צושאַ־טענע מחנה, מיט אַ היקען און פייפען.

8.

ביינאכט איז איבער׳ן טונקעלען, בלאָטיגען וועג, וואָס האָט זיך געצויגען פון חושך אין חושך אריין, אין דאָרף אריינגעקראָכען אַ געוואַלטיגע שטיק פינסטערניש. דאָס אויג האָט גאָר נישט גע־מערקט, נור מען האָט געהערט, ווי פערד האָבען געפּאָרשקעט, ווי אָנזאָגענדיג אַ שלעכטע בשורה, און מיט טויזענדערליי צושפּלי־טערטע קלעפּ האָבען געטופּעט איבער דער ערד געשמידטע פערדען־פיס, בעגלייט פון אַ קוים, קוים זיך הערענדיגען קלאַנג פון געוועהר. ניט קיין פּנים׳ער, ניט קיין בעוועגונג האָט מען געזעהן, נור עס האָט זיך געפיהלט, אַז עס רוקט זיך אָן אַ מורא׳דיגע קראפט.

די סאָלדאַטען האָבען זיך אָבגעשטעלט אויפ׳ן פּלאַץ. שטיל

און פוסט, נור די צוספּוזשעטע הינד אין די הויפען זיינען זיך פערגאנגען אין בילען. ערגעץ אין טונקעלע פענסטערלאך האבען געהיימניספול און חושך׳דיג אויפגעלויכטען פייערלאך און באלד זיך פארלאשען.

א גרופע שווארצע פיגורען, אומגעלומפּערטע אין זייער עהנ־ליכקייט, האט זיך צונויפגעשטעלט אין א שורה און איז אריין אין אבגעצאמטען הויף פון קירך. דערנאך האבען זיי פון חושך ארויס־געטראגען א טונקעלען קאסטען און שנעל עם אוועקגעטראגען, ארום דעם ווייסליך שימערירענדען קירכען צוים, אויפ׳ן מאהילניקעל דער־ביי. און עס איז געווען שטיל.

און עס איז לאנג געווען שטיל, ביז דער טאג איז געקומען, גראה און צורודערט.

פון דער פאבריק, וואס איהרע טויטע קוימענס זיינען, ווי אונגעהייערע פערלאשענע ליכט, געשטאנען און זיך ניט גערוי־כערט, האבען זיך בייטאג איבער׳ן הויפט־שאסע ווידער גענומען ציהען שווארצע קופקעלאך פון פינסטערע, אימה׳דיגע געשטאל־טען. עס האט זיך געדוכט, אז די גאסען, וואס פיהרען צום פלאץ, געבערען דאס אט די שווארצע געשטאלטען. זיי האבען גע־קלעפּט איינס צום אנדערן, אלץ געוואקסען און זיך צושוואומען איבער׳ן פלאץ, ווי געדיכטע פלעקען פון א שווארצען בוימעל, וואס איז אויפ׳ן שנעע פערגאסען. בלייכע, אנגעשטרענגטע פנים׳ער האבען זיך צונויפגענומען און זיך פאנאנדערגענומען און געקוקט איינע אויף די אנדערע און אויף די סאלדאטען, מיט א משונה־דיגען, פערטיעפטען אויסדרוק.

דער האלבער פלאץ נעבען קירך איז פערפלייצט געווען פון א געדיכטען, שווארצען המון. מענשען זיינען געהאנגען אויפ׳ן קירכען־צוים, און די אנגעווארפענע באלקענס און ברעטער נעבען צוים האבען געקישעט מיט קעפּ — א בונטע, דאך איינאר־טיגע מאסע קעפּ.

און אויף דער אנדער זייט פלאץ איז נאך אלץ געווען פוסט און שטיל. בלויז איין לאנגע, אונבעוועגליכע שורה פון סאלדא־טען אויף פערד, און זייערע שטייפע, שטיינערנע, אונדורכדרינג־

ליכע פנים׳ער זיינען געווענדעט געווען צום המון. געזעסן זיינען זיי, איינער ווי דער אנדערער — אלע גלייך, אלע אונבעוועגליך, נור די פערד האבן געשאקעלט מיט די קעפ, און פאר זיי האבן זיך בעוועגט הין און צוריק מענשען אין גרוי, מאדנע פרעמדע, מאדנע בלישצענדיגע געגען דער גרויער ערד און די גרויע פאר־קענס.

דערנאך זיינען די דאזיגע מענשען צוגעגאנגען צו די פערד און שנעל און זיכער זיך ארייגעהויבען אין די זאטלען. איין־איינציגער אויסרוף, און די לאנגע שורה פערד מיט די סאלדאטען אויף זיי, האט זיך מיט אמאל געגעבען א שאקעל, זיך א רוק גע־טהאן און קלאפענדיג, קלינגענדיג, אין טרייב־טראט, זיך א לאז געטהאן אויפ׳ן המון.

דער המון האט זיך געטהאן א שופ. איינצעלנע געשרייען פון ערשטווינטעט שרעק האבען דורכגעריסען די שטילקייט, און די גאנצע שווארצע מאסע, מיט גרילצען און קוויטשען, איז ארויפ־געקראכען צוריק אויף די באלקענס, אויפ׳ן צוים. די גרויסע פערד האבען שטייף געשאקעלט מיט די קעפ, געשפארט און זיך גע־רוקט אויף די מענשען. הינטער׳ן המון, פון צוים, האט זיך דערהערט א הוזשעריי און א פייפעריי. דער הויכער, מאגערער פאבריטשנער איז שפרינגענדיג געלאפען פון קירך די פערד אנט־קעגען און אויף א הויכען קול געשריען:

— אונזערע אהער! אונזערע אהער!

און איינציגווייז זיינען געלאפען צו איהם גרויסע שווארצע מענשען.

— שלאג! שלאג! — האט זיך דערהערט א ווילדער כאר פון שרעקליכע קולות.

און אלץ האט זיך גענומען מישען, שווינדלען, ווי אין א צוהיצטען חלום. שטעקענס, שטיינער האבען געפייפט אין דער לופטען, הענד האבען זיך געווארפען, מגושמ׳דיגע, בלוטיג־רויטע פנים׳ער האבען זיך געדרעהט מיט פערקאשערטע אויגען. און עס איז שוין ניט געווען קיין געשריי, נאר א קאשע, א מישמאש פון כראפענדע, גרילצענדע גוואלדען, הארטע קלעפ איבער עפעס

לעבעדיגעס און שווערע, דומפיגע פאלען. און פלוצלונג א סטי־כישער, טריאומפירענדער געבריל. די קאזאקען זיינען ווייט אויף יענעם עק פלאץ, אבער שוין ניט א גלייכע גראהע שורה, נור צו־שאטענע, קלענגליכע קופקעלעך. און שווערע, רונדע שטיינער זיינען כסדר, געפלויגען אין זיי מיט א מורא'דיגען רוישען.

— אונזערע די אויבערהאנד! — האט אויסגעשריען איינער א הויכער און זיך צושמייכעלט מיט קינדערשער פרייד און נצחון.

— קוק! — קוק! — האט זיך דערהערט שטיל און דייטליך פון המון.

אויף יענער זייט פלאץ האט לאנגזאם און געמאסטען זיך געוויקעלט א לאנגע גראהע שורה, און מען האט קלאר געזעהען, ווי הונדערטער פיס קלאפען אב אין איילענדיגען ריטמישען טאקט. און אלץ איז אויף אמאל שטיל געווארען, און ווידער האט זיך אויפגעהויבען איבער די קעפ דער שוויגעדיגער, בלייכער גע־שפענסט.

— זיי וועלען זיך ניט דערוועגען, זיי וועלען זיך ניט דער־וועגען! זיי שרעקען נור — האט מען אין המון גערעדט ציטעריג און געפלעפט.

און עפעס ליכטיגעס, אמת'עס האט הילפלאז זיך געווארפען פון איין געדריקט הארץ צום אנדערן און געפרופט בערוהיגען, אויפ־מונטערן.

— ברידער... וואס איז דא אזוינס?... וואס וועט איצט זיין?.. — האט דער הויכער פאבריטשנער געפרעגט מיט אן עלנע־דען, אראבגעפאלענעם קול.

און אין דער רגע האט עפעס א זעץ געטהאן אין הימעל און אין דר'ערד. די גראהע מענשען זיינען ערגעץ פערשוואונדען, זיך פערצויגען מיט א לייכטען, בלויליכען רויך.

9

צו אבענד צו זיינען די וואלקענס זיך פאנאנדער געגאנגען און די זון האט ארויסגעקוקט. די גאסען זיינען געווען פוסט. נור די היהנער האבען זיך געגורעט אין זאמד, אויפ'ן וועג, און

נעבען קירך, און מיט פערקוועטשטע עקען זיינען שרעקעדיג ארומ־געלאפען די הינד און געשמעקט די ערד. עס איז געווען גרגוליג שטיל, און עס האט זיך געדוכט, אז איבער דער ערד, צווישען דעם פערגליווערטען און פערבעהאלטענעם לעבען אונטען און דעם בלויען, טיעפען, פרייען הימעל אויבען העננט אן אונזיכטבארע טויטע האנד און דריקט און שטיקט...

אין שייער, ביי דער דארפס־פערוואלטונג, זיינען אויף די ברעטער געלעגען אויסגעלעגט אונבעוועגליכע טויטע מענשען און האבען געקוקט אין דער הויך מיט אויף אייביג־אבגעשטעלטע אויגען־ווייסלען. פון זיי האט ארויסגעקבלישצעט, מיט פערלא־שענעם גלאנץ, אזא מאהנענדיגער, אונענדליכער גרויל.